**צו דערציילן ביים פסח טיש**

**לעושה נפלאות גדולות לבדו כי לעולם חסדו**

ווי באקאנט האט דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע זייער שטארק געוואלט פאהרען קיין ארץ ישראל. פון הימעל האט מען דאס נישט צוגעלאזט. און א געוויסע יאהר האט ער נאכאמאהל פרובירט צו פארען קיין ארץ ישראל. אינמיטען זיין נסיעה, וואס איז פינקט אויסגעקומען פאר פסח, האט ער וועגען געוויסע שטערונגען געדארפט פארבלייבען אין דער שטאט קאנסטאנטינאפעל.

דארט אין יענע שטאט, האט מען נישט געוואוסט פונ'ם גרויסקייט פון דעם הייליגען בעל שם טוב. צוליב דעם האט איהם קיינער נישט ספיציעל באמערקט, אין ער האט נישט באקומען קיין איינלאדענונג צום סדר. דער הייליגער בעל שם טוב איז בכלל נישט געווען באזארגט. ער איז רואיג געגאנגען אין בית מדרש און זיך געזעצט לערנען.

די גרויסע צדיקת אדל וואס איז מיטגעפארען מיט'ן הייליגען טאטען, איז יא געווען באזארגט, ווייל דער יום טוב פסח איז שוין באלד דא, און עס איז נישט דא ווי איינצושטיין. אפילו קיין פרוטה איז אויך נישט געווען צו קענען איינקויפען אויף יום טוב. זי האט זיך זייער שטארק צעוויינט.

זי האט גענומען איר פאטער'ס העמד צום טייך אויסצוואשען, טראכטענדיג אז כאטש א ריין העמד זאל זיין אויף יום טוב. בשעת זי האט געוואשען דעם בגד, האט זי מתפלל געווען צום רבונו של עולם, אז זיי זאלען געהאלפען ווערען.

עס איז אדורך געגאנגען א גביר און באמערקט ווי זי וויינט, האט ער איר געפרעגט: "וואס האט מיט אייך פאסירט?". האט זי פארציילט זייער גאנצע פארלעגענהייט, ווי אויך וועגען דעם גרויסקייט פון איר הייליגען טאטען.

דער גביר האט איר בארואיגט, זאגענדיג: "ביי מיר וועט איר זיין אויף יום טוב, און עס וועט אייך גארנישט פעלען", אויך האט ער איר איבערגעגעבען זיין אדרעס.

דער צדיקת אדל איז באלד געלאפען אין בית מדרש פארציילען איר פאטער אז זיי האבען שוין ברוך השם ווי צו זיין אויף יום טוב.

ערב פסח איז דער בעל שם טוב מיט זיין טאכטער אריבער צום גביר אין שטוב. דער גביר האט איהם זייער פריינטליך אויפגענומען. ער האט איהם געוויזען ווי זיין שלאף צימער געפינט זיך. דער הייליגער בעש"ט איז זיך געגאנגען אביסעל צולייגען.

עס איז שוין געווארען שפעט און מען האט שוין געדארפט גיין אין שוהל דאווענען. דער גביר איז אריין אין צימער, אויפצוּוועקען זיין גאסט. ווי ערשטוינט איז ער געווען, זעהענדיג ווי אינמיטען שלאף גיסען זיך טייכען טרערען פון זיינע הייליגע אויגען.

א ווילע שפעטער האט זיך דער הייליגער בעש"ט אויפגעכאפט, און מיט א ברען געזאגט: "לעושה נפלאות גדולות לבדו כי לעולם חסדו". דערנאך זענען זיי געגאנגען צום דאווענען.

מען איז אהיים פון שוהל פרייליך. דער בעש"ט האט געפירט דעם סדר אויף גאר א הייליגען שטייגער. דער עושר האט פארשטאנען אז דא זיצט פאר איהם א גרויסע צדיק.

ווען מען איז אנגעקומען צו די ווערטער "לעושה נפלאות גדולות לבדו כי לעולם חסדו", האט דער הייליגער בעש"ט זיך זייער שטארק צופייערט. מיט גרויס פרייד האט ער דאס איבערגע'חזר'ט עטליכע מאהל.

ווען זיי האבען געענדיגט די הגדה האט זיך דער בעש"ט אנגערופען: "ברוך השם אז דער אייבערשטער האט אונז געהאלפען און ער האט איבערגעדרייט טרויער צו פרייד". ער האט אנגעהויבען דערציילען וואס דא האט פאסירט.

דא אין קאנסטאנטינאפעל, האט אמאהל געוואוינט דער טערקישע קעניג. ער איז געווען א אוהב ישראל. זיין יועץ איז געווען א יוד מיט'ן נאמען ר' משה. קיין זאך האט ער נישט געטוהן אהן זיך דורכרעדען מיט איהם.

ווען דער קעניג איז געשטארבען, האט זיין זון איבערגענומען דער מלוכה. דער זון איז אויך געווען א אוהב ישראל. אויך ער האט גארנישט געטוהן אהן דער עצה פון זיין ראטגעבער ר' משה.

צווישען די יועצים איז געווען א גוי'שע אנטיסעמיט, וואס האט נישט פארגינט אז א יוד זאל זיין אזוי גרויס. כסדר האט ער געזוכט עצות איהם שלעכטס צו טוהן.

איינמהאל, איז איהם אייגעפאלען א פלאן. ער האט געזאגט אז עס וואלט געפאסט אז דער קעניג זאל ארומגיין אין דעם גאנצען לאנד, כדי אז יעדער זאל אנערקענען דער נייע מלך, און איהם באגריסען.

דער יועץ האט אויסגערעכענט אז דער קעניג זאל אנקומען צום יודישען געגענט פונקט פסח ביינאכט, ווען אלע יודען זיצען ביים סדר. אזוי וועלען זיי נישט באגריסען דעם קעניג. און דער יועץ וועט קענען אויספירען זיין בייזען פלאן.

דער קעניג איז טאקע ארויס אויף א שפאציר. ווען ער איז אנגעקומען צו די יודישע גאס, האט ער געזעהן אז די יודען קומען איהם נישט אנטקעגען. ער האט זיך זייער געוואונדערט.

דער יועץ האט זיך גלייך אנגערופען: ״קוק ווי די יודען זיצען ביי זיך אין דער היים, און זיי פראווען גרויסארטיגע סעודות, און פון דיר מאכען זיי זיך גארנישט וויסענדיג.״

דער קעניג איז טאקע זייער באליידיגט געווארען, און געפרעגט דעם גוי'שע יועץ: ״ווי אזוי דארף מען יעצט באשטראפען די יודען פאר דעם.״?

דער יועץ האט אויסגענוצט דעם געלעגענהייט און געזאגט צום קעניג: ״דיין גוטע יועץ ר' משה העצט זיכער אהן די יודען, איהם דארף מען הענגען, און אלע יודען דארף מען פארטרייבען פון דעם שטאט.״

דער קעניג האט זייער געפעלען די עצה, און באלד איבערגעגעבען זיין זיגעל רינגעל צום יועץ, אויסצופירען זיין רשעות'דיגע אקציע.

ווען דער קעניג איז אהיימגעקומען, האט ער פארציילט פאר זיין אלטע מאמען וואס עס איז דא געשעהן. ווען זי האט דאס געהערט, האט זי אויסגעבראכען אין א ביטער געוויין און געזאגט: ״ווייסטו דען נישט אז די אלע וואס הייבען זיך אהן מיט די יודען האבען א ביטערען סוף? ווייסטו דען נישט וואס עס האט פאסירט מיט עמלק, המן, סנחרב, און נבוכדנצר, און אלע וואס האבען פרובירט צו טשעפענען מיט די יודען? די יודען זענען א גוט פאלק. דאס איז זיכער געווען א בלבול פון דיין שלעכטען יועץ.״

שפעט אינמיטען נאכט, האט דער קעניג געשיקט רופען ר' משה. ער האט איהם פארציילט דער גאנצער מעשה, און געבעטען א עצה, ווי אזוי מען דרייט זיך ארויס פון דער שלעכטע גזירה, נאכדעם וואס ער האט שוין ארויסגעגעבען דעם רינגעל צו דעם שלעכטען יועץ.

ר' משה האט זיך נישט פארלוירען, טראכטענדיג אז היינט איז דאך ״ליל שימורים״. דער באשעפער וועט זיי זיכער נישט פארלאזען. נאך אפאהר מינוט טראכטען, האט ער זיך אנגערופען: ״מארגען אינדערפרי, ווען דער יועץ וועט אנקומען, זאל מען איהם גלייך באפאלען אז ער האט גע'גנב'עט דער קעניגס רינגעל.״

אזוי איז טאקע געווען. מען האט געפונען דעם רינגעל ביים גוי'שע יועץ. מען האט נישט געמאכט קיין פארשונגען, נאר מען האט איהם באלד געהאנגען. אזוי זענען די יודען געראטעוועט געווארען פון א ביטער גזירה.

דער בעל שם טוב האט געענדיגט זיין ערציילונג און געזאגט: ״ווען איך האב געוויינט אינמיטען שלאף איז דאס געווען צוליב דעם קטרוג וואס האט געהאנגען אויף כלל ישראל. ברוך השם אז מען האט גע'פועל'ט א ישועה.״

יום טוב אינדערפרי, ווען ר' משה איז אהיים געקומען, נאכדעם וואס מען האט געהאנגען דעם רשע, איז ער פונקט אדורך געגאנגען דעם הויז פון דעם גביר. ווען דער הייליגער בעל שם טוב האט איהם דערזעהן, האט ער ארויסגעשריגען פון פענסטער: ״גוט יום טוב ר' משה. יא, דער אייבערשטער האט געברענגט א ישועה צו זיין פאלק, און דו ביסט געווען דער גוטער שליח. אמת, ״לעושה נפלאות גדולות לבדו כי לעולם חסדו.״

---

**דער מפלה פון דעם פריץ**

## צו דערציילן ביים פסח טיש

ווען מהר"ש מבעלזא זי"ע האט אנגעהויבן צו בויען די שוהל אין בעלזא, האט דער פריץ פון די שטאט אנגעהויבן אנצוטוהן צרות און ענג צו מאכן פאר איהם זיינע וועגן. ער האט געסטראשעט אז קעגען איבער דעם שוהל וועט ער בויען א קירכע גרעסער און העכער פון דעם שוהל.
דערווייל איז שוין אנגעקומען פסח, און דער פריץ האט ארויסגעגעבן א ביטערע גזירה אז מען טאהר נישט מאכן קיין שום מצה בעקעריי אין שטאט ווייל עס קען צוברענגען צו פייער-אויסברוך.
די איינוואוינערס אין בעלזא זענען געווארן זייער צובראכן און טרויעריג פון די ביטערע בשורה, אבער מהר"ש זי"ע האט זיך פון דעם איבערהויפט נישט וויסענדיג געמאכט. און ער האט יעדעם איינעם בארוהיגט אז מען וועט נאך באקען פיל מצות אויף פסח.
די פאליציי וואס דער פריץ האט ארום געשיקט צו זעהן אויב די יודן היטען אפ זיין באפעהל, האבן דערצעהלט פאר דעם פריץ דאס די איינוואוינערס זענען טאקע זייער טרויעריג, אבער זייער רבי בארוהיגט זיי אז זיי וועלן נאך באקען פיל מצות.
דאס האט זייער אויפגערעגט דעם פריץ, און ער האט מורא געהאט דאס די הויפט יודן פון די בעלזער געמיינדע, וועלן נאך קענען ערלעדיגן ביי די העכערע רעגירונגס מיניסטארן, צו מבטל זיין די גזירה. דערפאר האט ער באשלאסען געשווינד אריבער צו פאהרן צו דעם הויפט מיניסטער וואס געוועלטיגט אויף די אלע שטעטלעך און דערפער, און איהם ערקלערן ווי געפערליך עס וועט זיין אויב מען וועט ערלויבן די יודן צו באקען מצות.
אנצוקומען צו יענעם מיניסטער, האט מען געמוזט אריבער פאהרן א שמאלען בריק. ווען דער פריץ איז אנגעקומען צו יענעם שמאלען בריק, האט ער באמערקט ווי קעגען איהם רייט דער פריץ פון "היבניב". אזוי ווי שטאלצע פריצים וואס זענען נישט מוותר פאר זייער כבוד, האבן זיך די צוויי אנגעהויבן ארום צו קריגען ווער עס מוז אפטרעטען פארן צווייטן און פריי מאכן דעם וועג. פון שרייען מיט די מויל האבן זיי אנגעהויבן זיך צו קריגען מיט די הענט, ביז דער פריץ פון בעלזא איז געהרג'ט געווארן.
די גזירה פון מצות איז בטל געווארן, און אויך דער פראבלעם פון דעם שוהל איז צו נישט געווארען. און דער שטאט בעלזא איז געווארן צהלה ושמחה.

---

## אויסגעבעטן קינדער ביים "מה נשתנה"

א חסיד איז אמאהל געפאהרן צו זיין רבי'ן דער "תפארת שלמה" פון ראדאמסק זי"ע. דער איד האט געדארפט געהאלפן ווערן, ווייל שוין אכצעהן יאהר וואס ער האט חתונה געהאט און ער האט נאך נישט געהאט קיין קינדער. האט איהם דער רבי געהייסען קומען צום קומענדיגען סדר, פסח ביינאכט.
איידער דער רבי האט אנגעהויבן צו זאגן די "מה נשתנה" האט ער צוגערופען דעם חסיד, און געהייסען פארלייענען וואס עס שטייט אין די הגדה פאר "מה נשתנה" האט ער געליינט "כאן הבן שואל" (דא פרעגט דער זוהן די קשיות).
האט איהם דער רבי געזאגט: "כאן הבן שואל - דא קענסטו אויסבעטן א זוהן"
אזוי איז טאקע געווען, א יאהר שפעטער איז איהם געבוירן געווארן א זוהן!

---

## "א-ת פתח לר"

ווען דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע איז געפאהרן אויפן וועג קיין ארץ ישראל באגלייט פון זיין חסיד ר' צבי סופר זצ"ל. דער בעש"ט האט זיך געוואלט באגעגענען מיט'ן אור החיים הקדוש זי"ע, און צוזאמען ארבעטען מקרב צו זיין די גאולה אז משיח זאל קומען, דער צייט פון דער גאולה איז אבער נאך נישט אנגעקומען, האט דער שטן אונטערגעלייגט פארשידענע שטערונגען אויפן וועג אז דער בעל שם טוב זי"ע האט געמוזט צוריק אהיים פאהרן.
איינמיטען וועג האבן רויבערס זיי געכאפט און געבינדען אין קייטען און זיך געגרייט זיי צו פארקויפן פאר קנעכט. פון גרויס ווייטאג האט דער בעל שם טוב זי"ע פארלוירן זיין רוח הקודש און אלע הויכע מדריגות. האט איהם ר' צבי סופר געפרעגט: "רבי, פארוואס טוהט איהר גארנישט קעגען זיי"? האט דער בעש"ט זי"ע געענטפערט אז ער האט פארלוירן זיינע אלע הויכע מדריגות, און ער האט שוין נישט מער קיין כוח קעגען זיי ווייל ער האט אלעס פארגעסען.
האט דער בעש"ט זי"ע געבעטען ר' צבי סופר ער זאל איהם דערמאנען די "אלף-בית". דער בעש"ט זי"ע האט נאכגעזאגט מיט קדושה און גרויס ברען און התלהבות די אלע 22 אותיות פון דער א-ב, אז פון די קדושה האט זיך אויפגעריסן די שטריק און די רויבערס זענען אנטלאפען.
דאס קען זיין דער רמז: "ושאינו יודע לשאול" דער וואס קען שוין גארנישט רעדן ווייל ער האט אלעס פארגעסן, - "א-ת" (דאס מיינט מען די אותיות פון "אלף" ביז "תיו") "פתח לו", ווערט פאר איהם געעפענט די אלע טויערן פון הימל און די ישועה קומט שנעל.

---

## ער האט איהם באמערקט

דער צדיק ר' פסח זצ"ל - דער פאטער פון ר' צבי אלימלך זי"ע (דער "בני יששכר") פלעגט זיך פארדינגען אלץ א מלמד ביי א רייכען מענטש אין א געוויסען דארף. ער פלעגט פארברענגען ביי יענעם א גאנץ ווינטער און פאר פסח איז ער אהיים געפאהרן מיט די געלט וואס ער האט פארדינט ביי יענעם.
דער בעל הבית איז געווען זייער א קארגער מענטש און קיינמאהל נישט געטיילט קיין צדקה מיט א ברייטע האנט. ר' פסח האט נישט געקענט צוקוקען ווי ארימעלייט גייען אוועק פון איהם צובראכען און טרויעריג, האט ער געבעטען זיין בעל הבית אז ער זאל טיילען צדקה אויף זיין חשבון, און ביים ענדע זאל ער אראפ רעכענען פון די געלט וואס ער האט אויסגעטיילט פאר צדקה.
פאר פסח, ווען ר' פסח האט געוואלט אהיים פאהרן, האט דער בעל הבית אויסגערעכענט וויפוהל צדקה ער האט אויסגעטיילט אויף ר' פסח'ס חשבון. עס איז אויסגעקומען אז ר' פסח האט נאך געמוזט צולייגען א סומע געלט, אבער ער האט דאך גארנישט געהאט ביי זיך. האט דער בעל הבית ביי איהם צוגענומען זיין מאנטעל און בעקיטשע.
אזוי איז ר' פסח אהיים געפאהרן ליידיג אהן קיין פרוטה. ער האט זיך געשעמט אריין צו גיין אין זיין הויז, איז ער אנשטאט דעם געגאנגען אין בית המדרש. דארט האט איהם געטראפען זיין זוהן ר' צבי אלימלך, און ער איז באלד אהיים געלאפען מעלדן פאר די מאמע אז דער טאטע איז שוין אהיים געקומען. זי האט שנעל צוגעגרייט א מאלצייט ווי עס פאסט

### צו דערציילן ביים פסח טיש

צו זיין.
באין ברירה איז ר' פסח אהיים געגאנגען, און ער באמערקט ווי אויפן וועג פאהרט שנעל אריבער א פערד און וואגען און דער רייטער ווארפט אראפ צו זיי א שווערן זעקל.
ר' פסח רופט און ווינקט איהם אז ער זאל זיך אפשטעלן אויף צו נעמען זיין זעקל. אבער יענער פאהרט ווייטער און מאכט זיך נישט וואוסענדיג. ער שרייט העכער און העכער און לויפט איהם נאך, אבער יענער איז געפארען זייער שנעל ביז ער איז אינגאנצן פארשוואונדען געווארען.
ר' פסח האט פארשטאנען אז דאס איז נישט קיין פשוטע זאך.

ער האט אויפגעמאכט דעם זעקל און געטראפען ליגען פונקטליך וויפוהל געלט דער בעל הבית האט איהם געמוזט באצאהלן.
דער סדר האט ער שוין אנגעראכטען מיט א ברייטקייט, און ווען מען איז אנגעקומען צו "שפוך חמתך" און געעפענט די טיהר, האט זיך דער קליינער זוהן ר' צבי אלימלך אנגערופען: "קוק נאר, קוק נאר טאטע, אט דא איז דער מענטש וואס האט צוגעווארפן צו אונז דעם זעקל!!!"

---

### פסח איז נאך א טאג

דער הייליגער צדיק, דער נודע ביהודא זי"ע, וואס איז געווען רב אין'ם שטאט פראג, האט אמאל געטראפען א קליינער שייגעץ אין גאס, ווי ער וויינט. דער נודע ביהודא איז צוגעגאנגען און געפרעגט: "פארוואס וויינסטו?" האט דער שייגיץ געענפערט, און אנגעהויבען דערציילן זיין ווייטאג: "מיין טאטע און מאמע זענען געשטארבען, און איך וואוין ביי מיין פעטער. ער איז זייער א שלעכטע מענטש. ער איז א בעקער, און יעדן טאג שיקט ער מיר ארויס מיט א קוישעל ברויט. איך מוז פארקויפען אלע ברויט, און אהיימברענגען די גאנצע געלט. טאמער איך קום אהיים מיט וויניגער געלט, שלאגט ער מיר מיט געפערליכע, אכזריות'דיגע קלעפ. היינט האב איך שוין פארקויפט דעם גאנצען קויש. אזוי ווי איך בין געווען גרייט אהיים צוגיין, האב איך אריינגעלייגט מיין האנט אין טאש, און דער געלט איז נישט דא. מן הסתם האט דאס איינער גע'גנב'עט. יעצט האב איך מורא אהיימצוקומען."
דער נודע ביהודא האט איהם בארואיגט. ער האט איהם אהיימגענומען און געגעבען די גאנצע געלט. דער קליינער גוי, האט איהם זייער באדאנקט, און ער איז אהיים געגאנגען.
* * *
עס איז חול המועד פסח, און דער נודע ביהודא זיצט ביי זיך אין זיין ספרים שטוב. פלוצלינג הערט ער א קלאפ אין טיר.

ווען ער איז צוגעגאנגען האט ער געזעהן ווי עס שטייט פאר איהם א גרויסער גוי. דער גוי האט איהם געזאגט: "ביטע לאז מיר אריין. איך דארף דיר איבערגעבען זייער א וויכטיגע זאך." אזוי ווי דער גוי איז אריין, האט ער אנגעהויבען דערציילען: "דו דערקענסט מיר מן הסתם נישט. איך בין דער גוי וואס דו האסט מיט יאהרען צוריק געראטעוועט פון די רציחות'דיגע הענט פון מיין פעטער. דו האסט מיר געגעבן די געלט וואס איך האב פארלוירען. יעצט בין איך געקומען אפצאלען פאר די טובה. איר זאלט וויסען אז מיין פעטער גרייט זיך יעצט אויסצו'הרג'נען אלען יודען פון די שטאט פראג. א טאג נאך פסח קויפען דאך אלע יודען ברויט פון א גוי. אזוי ווי מיין פעטער איז דער בעקער פון דעם שטאט, פלאנירט ער אריינצולייגען סם אין אלע ברויט. אזוי וועט ער אויס'הרג'ענען די גאנצע שטאט פראג אין איין טאג. דער נודע ביהודא האט איהם זייער שטארק באדאנקט, און דער גוי איז אהיימגעגאנגען.
* * *
עס איז אחרון של פסח, און אין דעם גרויסען שוהל פון פראג האט מען שוין געענדיגט דאוונען. דער גבאי האט געגעבען א קלאפ אויפן בימה און געזאגט: "דער רב האט געהייסען אויסרופען אז היינט נאכמיטאג גייט זיין זייער א וויכטיגע

## צו דערציילן ביים פסח טיש

דרשה, און קיינער זאל נישט פעלען.״
נאכמיטאג איז דער שוהל געווען פיל. יעדער האט זיך שוין זייער שטארק געוואונדערט וואס דער רב גייט זאגען. דער רב איז ארויף און אנגעהויבען רעדען: ״רבותי, עס איז געשעהן זייער א גרויסע טעות ווען איך האב מסדר געווען דעם לוח פון דעם יאהר. איך האב באמערקט אז איך האב מיך פארעכענט. פסח האט זיך באמת געדארפט אנהייבען א טאג שפעטער. יעצט איז שביעי של פסח, און מארגען איז אחרון של פסח. יעדער זאל מארגען קומען אין שוהל, און חס ושלום נישט איינקויפען קיין חמץ ביז מארגען אוונט.
דער נעקסטער טאג, שטייען שוין אלע וועגעלעך מיט ברויט אין דער גרויסע גאס פון פראג. ווי ערשטוינט איז דער רשע, דער בעקער געווען, ווי קיינער קויפט נישט קיין ברויט. אלע יודען זענען אנגעטוהן מיט יום טוב קליידער און זיי גייען אין שוהל.
מען ווארט אז דער רב זאל אריינקומען, כדי אז מען זאל קענען אנהייבען דאווענען. עס גייט אדורך א שעה, אבער דער רב איז נאך אלץ נישט דא. ״קוק ארויס״ רופט זיך אהן איינער צום צווייטען. אינדרויסען זעהט מען ווי דער רב שטייט, און ער רעדט צו די פאליציי. אויך האבען זיי געזעהן ווי מען קייטעלט איין דער בעקער און מען פירט איהם אוועק.
וואס האט דא פאסירט? האבען זיי זיך געוואונדערט. א ווײלע שפעטער איז דער רב אריינגעקומען און פארציילט דער גאנצע מעשה, און ער האט זיי געזאגט אז היינט איז באמת נישט פסח. און דער טעם פארוואס ער האט נישט געוואלט פריער דערציילן וואס דא איז געשען, איז כדי צו זיין פארזיכערט אז דער רשע זאל האבען א ביטערען סוף. היינט אינדעפרי האבען די פאליציי אוסגעפריווט און געגעבען א הינט צו עסען איין ברויט, און דער הינט איז אויפן ארט געשטארבען, און מען האט ארעסטירט דעם רשע דער בעקער. אזוי זענען אלע יודען געראטעווט געווארען, כן יאבדו כל אויבך ה.׳

---

## א כזית נרצה

ביים אהבת ישראל זי״ע האט אמאהל פאסירט, צום סוף סדר, פסח ביינאכט, נאכדעם וואס ער האט געזאגט ״נרצה״ האט ער געגעבען א טיפ׳ן זיפץ, און זיך אנגערופען, ״דעם כזית מצה האבן מיר געגעסען, דעם כזית מרור האבען מיר געגעסען, אבער ווי נעמט מען א כזית נרצה, צו וויסען אז אונזערע מעשים זענען באוויליגט ביים רבונו של עולם.

---

## שיין פארענטפערט דעם רמב״ם

הרב הצדיק רבי הערשל ליסקער זי״ע האט אמאהל שבת הגדול ביי די דרשה אויסגערופען: ״עס איז א מנהג שבת הגדול צו האלטן א דרשה אויף ענינים פון פסח, און פראבירן צו פארענטפערן סתירות אין דעם רמב״ם אז זיינע ווערטער זאלן גארנישט שווער זיין. איך וועל פראבירן צו פארענטפערן א שווערע סתירה פון דעם רמב״ם.

**צו דערציילןביים פסח טיש**

דער רמב"ם פסק'ענט, אז עס איז א מצוה פסח ביינאכט צו עסן מצות. אויך פסק'ענט ער אין הלכות גניבה: אז עס איז אסור צו גנב'ענען. אבער אסאך מאהל קומט אויס אז די ארימעלייט האבן א גרויסע פראבלעם מיט די צוויי רמב"ם'ס. דערפאר ווען די ארימעלייט קומען צו מיר פאר פסח מיט דעם פראבלעם, פארענטפער איך זיי די שווערע סתירה אויף דעם רמב"ם. און דאס איז מיין גאנצע שבת הגדול דרשה- - - ...!!!!"

---

**קריאת שמע פון די "ארבעה בנים"**

דער "בני יששכר זי"ע" איז איינמאהל פסח נאכן סדר ארום געגאנגען אין שטאט צוקוקען ווי אזוי די פראסטע מענטשן רעכטן אפ דעם סדר.
ווען ער איז געשטאנען אונטער די טיהר פון זייער א פראסטער מענטש, האט ער געהערט אז ווען יענער איד איז אנגעקומען צו דעם שטיקל: "אחד חכם, אחד רשע", האט ער אויסגעשריגן הויך אויפן קול: "אחד" חכם, "ואחד" רשע, "ואחד" תם, "ואחד" שאינו אידע לשאול - אזוי ווי מען שרייט ביי קריאת שמע "אחד." האט זיך דער "בני יששכר" אנגערופען: "דער מענטש האט געמאכט פון די "ארבעה בנים-קריאת שמע". דאס איז מרומז אין די הגדה פון "מעשה ברבי אליעזר וכו' עד שבאו תלמידיהם ואמרו להם רבותינו הגיע זמן קריאת שמע של "שחרית". "שחרית" איז נוטריקון: "חכם - רשע - תם - שאינו אידע לשאול". די הייליגע תנאים האבן אריינגעברענגט א הרהור תשובה אין אלע מענטשן פון שטאט, אז הגיע זמן קריאת

---

**באמערקט ווער עס איז דער רייטער**

דער צדיק ר' פסח זצ"ל - דער פאטער פון ר' צבי אלימלך זי"ע (דער "בני יששכר") פלעגט זיך פארדינגען אלץ א מלמד ביי א רייכער מענטש אין א דארף. ער פלעגט פארברענגען ביי יענעם א גאנץ ווינטער און פאר פסח איז ער אהיים געפאהרן מיט געלט וואס ער פארדינט ביי יענעם.
דער בעל הבית איז אבער געווען זייער א קארגער מענטש און קיינמאהל נישט געטיילט קיין צדקה מיט א ברייטע האנט. ר' פסח האט נישט געקענט צוקוקען ווי ארימעלייט גייען אוועק פון איהם צובראכען און טרויעריג, האט ער געבעטן זיין בעל הבית אז ער זאל טיילען צדקה אויף זיין חשבון, און ביים ענדע זאל ער אראפ רעכענען פון די געלט וואס ער האט אויסגעטיילט פאר צדקה.
פאר פסח, ווען ר' פסח האט געוואלט אהיים פאהרן, האט דער בעל הבית אויסגערעכענט וויפוהל צדקה ער האט אויסגעטיילט אויף ר' פסח'ס חשבון. עס איז אויסגעקומען אז ר' פסח האט נאך געמוזט צולייגען א סומע געלט, אבער ער האט דאך גארנישט געהאט ביי זיך. האט דער בעל הבית ביי איהם צוגענומען זיין מאנטעל און בעקיטשע.
אזוי איז ר' פסח אהיים געפאהרן ליידיג אהן קיין פרוטה אין זיין קעשענע. ער האט זיך געשעמט אריין צו גיין אין זיין

## צו דערציילן ביים פסח טיש

הויז, איז ער אנשטאט דעם געגאנגען אין בית המדרש.
דארט האט איהם געטראפן זיין זוהן ר' צבי אלימלך, און ער איז באלד אהיים געלאפן מעלדן פאר די מאמע אז דער טאטע איז שוין אהיים געקומען. זי האט שנעל צוגעגרייט א מאלצייט ווי עס פאסט צו זיין.
געצווינגען אהן קיין חשק איז ר' פסח אהיים געגאנגען, און ער באמערקט ווי אויפן וועג פאהרט שנעל אריבער א פערד און וואגען און דער רייטערווארפט אראפ צו זיי א שווערן זעקל. ר' פסח רופט און ווינקט איהם אז ער זאל זיך אפשטעלן אויף צו נעמען זיין זעקל. אבער יענער פאהרט ווייטער און מאכט זיך נישט וואוסענדיג. ער שרייט העכער און העכער און לויפט איהם נאך, אבער יענער איז שנעלער און פאהרט ווייטער ביז ער איז אינגאנצן פארשוואונדען.
ר' פסח האט פארשטאנען אז דאס איז נישט קיין פשוטע זאך, און ער עפענט אויף דעם זעקל און טרעפט דארט ליגען פונקטליך וויפוהל געלט דער בעל הבית האט איהם געמוזט באצאהלן, און נאך מער.
דער סדר האט ער שוין אנגעראכטען מיט א ברייטקייט, און ווען מען איז אנגעקומען צו "שפוך חמתך" און געעפענט די טיהר, האט זיך דער קליינער זוהן ר' צבי אלימלך אנגערופען: "קוק נאר, קוק נאר טאטע, אט דא איז דער מענטש וואס האט צוגעווארפן צו אונז דעם זעקל!!!"

---

## אן אינטערעסאנטע תשובה אויף חמץ אין פסח

אמאהל האט פאסירט אז א איד איז ליידער געשטרויכעלט געווארן מיט די הארבע עבירה פון חמץ אין פסח. דורך דעם וואס צוליב זיינע געשעפטן האט ער געמוזט פארברענגגן חול המועד פסח מיט פריצים פון זיין געגענט. און מ'האט איהם מכבד געווען צו טרינקען ביהר (וואס דאס איז חמץ).
ווען דער איד איז ארויס געקומען פון דעם זיצונג, האט ער זיך געכאפט ביים קאפ אז ער איז רחמנא ליצלן אדורך געפאלען מיט די הארבע עבירה פון חמץ.
ער איז באלד אריבער געגאנגען צום לעמבערגער רב רבי יוסף שאול נאטאנזאהן זצ"ל, ער זאל איהם פארלייגען א תשובה אויף זיין עבירה.
רבי יוסף שאול זצ"ל האט איהם צוגעהערט און איהם ערקלערט אז ער קען איהם נישט העלפן, נאר ער זאל גיין צום בעלזער רב (מהר"י זי"ע) אז ער זאל איהם העלפן. און ר' יוסף שאול זצ"ל האט אויך געבעטן, אז ווען ער וועט באקומען א תשובה פון דעם בעלזער רב, זאל ער איהם לאזען וואוסען וואס די תשובה איז.
ווען יענער איד האט דערצעהלט פאר בעלזער רב זיין שרעקליכע מעשה, האט איהם בעלזער רב באפוילן צו פאהרן וואוינען קיין ארץ ישראל. ווען ר' יוסף שאול האט געהערט די תשובה, האט ער זיך שטארק געוואונדערט אויף די מאדנע תשובה, און פון ווי בעלזער רב נעמט דאס.
האט איהם בעלזער רב צוריק געענטפערט, אז דעם פסק האט ער גענומען פון מדרש איכה. אויף דעם פסוק: "גלתה יהודה מעוני" (איכה א') זאגט אויף דעם דער מדרש: ווייל די אידן האבן נישט
אויפגעפאסט צו עסן פסח "לחם עוני" און זיי האבן ליידער געגעסן חמץ. קומט אויס לויט דעם, אז די שטראף פון עסן חמץ אין פסח, איז צו גיין אין גלות. און אויב א איד דארף פארטריבן ווערן אין גלות, איז דאך דער בעסטער גלות צו גיין קיין ארץ ישראל!!"
ווען ר' יוסף שאול זצ"ל האט געהערט דעם ענטפער, האט ער צוגעלייגט מיט א שמייכיל: "מיר זעהן די ליכטיגע און הייליגע אויגן פון דעם בעלזער רב, ווייל אויף דאס ווארט "ונכרתה" וואס שטייט ביי עסן חמץ אין פסח איז די טראפן א "גרשיים", דאס מיינט א לשון פון פארטריבן ווערן. זעהט

## צו דערציילן ביים פסח טיש

מען פון דעם אז גלות איז מכפר אויף די זינד פון עסן חמץ
אין פסח..."

---

## דער ריכטיגער אורח ביים סדר...

געווען אמאל א איד אן ארימאן וועלכער האט געצויגן זיין פרנסה פון גיין, דאס הייסט. ער איז ארומגעגאנגען איבערן שטאט און דערפער און צונויפגעזאמעלט נדבות פון אחינו בני ישראל. אין זיינע וואנדערנונגען האט ער זיך אמאל באגעגענט מיט אן ארימען גוי, וועלכער האט ממש נישט פארמאגט דעם טאג דורכצולעבען. דער גוי האט זיך אויסגערעדט זיין הארץ פאר דעם איד ווי ער פלאגט זיך.

דער איז געווארן שטארק איבערגענומען פון דעם גוי'ס מצב, ער האט פארגעשלאגן פאר דעם גוי א פלאן. אזוי ווי ער, דער גוי, האט אמאל געוואוינט אין דייטשלאנד און ער רעדט נאך גאנץ גוט דייטש, וועלכעס ענדלט שטארק אין דער אידישער שפראך, וועט ער, דער איד, אים אויסלערנען נאך בעסער די שפראך מיט נאך עטליכע אידישע פירונגען, ער וועט אים איינקויפן אידישע קליידער, אזוי אז ער וועט קענען קומען מיט אים צוזאמען אלס גייער, און ער וועט פשוט אויפגעראכטן ווערן...

געכאפט און געטאן, דער איד שטאפירט אויס דעם ארימען גוי, לערנט אים אויס עטליכע לשון הקודש ווערטער, און דער גוי ווארט עטליכע וואכן ביז די בארד הייבט אים אן צו וואקסן. ער איז א פערטיגער. ער לאזט זיך אין וועג אריין צוזאמען מיט זיין שותף דער איד.

אזוי האבן זיי אפגעשפילט דעם גאנצן ווינטער מיט גרויס סוקסעס. דער גוי האט גוט געשפילט די ראלע, און ער האט איבעראל באקומען פיין צו עסן און אביסל שטיצע.

ווען עס האט זיך דערנענטערט דער פסח, האט דער איד דערציילט פאר זיין "באגלייטער" אז עס קומט יעצט דער יום טוב פסח. אין דעם יום טוב, האט ער אים געזאגט וועלן מירביידע שוין נישט הונגערן, קודם כל די ערשטע נאכט פסח פירט מען אפ א "סדר" ווען מען עסט די שענסט און בעסטע מאכלים, מען טרינקט וויין, פארן עסן און נאכ'ן עסן, מען פראוועט ביז אין דער נאכט מיט געזאנג און טענץ. און בכלל די גאנצע וואך וואס דער פסח דויערט איז דא אין יעדע אידישע שטוב ברייט צו עסן. דער גוי האט דערפון גרויס הנאה געהאט. סוף כל סוף איז ער דאך געווען א גוי, וועלכער עפנט אויף מויל און אויגן ווען עס האנדלט זיך פון עסן און טרינקן. ער האט געציילט די טעג ווען דער יום טוב וועט שוין אנקומען ער האט געטרוימט מיט פלענער.

ער האט זיך געזען זיצן ביי א "סדר" וואו מען זיפט אריין אין גלעזל נאכ'ן צווייטן, דער איד האט דאך עפעס געזאגט אז אפילו אן ארימאן מוז טרינקן אומוויינינגסטענס פיר גלעזער וויין, און טאקע פון די גרויסע, און דוקא פיינעם רויטן וויין. נאכער ברענגט מען אריין א פיינע סעודה, פיש, פלייש מיט צימעסן, נאכדעם נעמט מען זיך ווייטער צום טרינקען,און דאן צום זינגן און טאנצן. ווען האט ער דען געהאט אזא איבערלעבעניש... דער איד האט אים אויך דערציילט אז מען עסט "מצה", אזא מין ספעציעלע ברויט. דאס מוז זיין מסתמא גאר א פיין ברויט וואס מען מאכט נאר פאר דעם טוב. אך ווי גוט וועט אים גיין.

ענדליך איז דער ערוואטערטער טאג געקומען. עס איז ערב פסח, דער איד צוזאמען מיט זיין "באגלייטער" זענען איינגעשטאנען ביי א געוויסן בעל הבית, ביי וועלכן עס איז געווען צוגעגרייט פון אלעם בעסטן. דער איד האט געגעבן צו

ערקלערן פאר זיין "פריינד", אז כדי מען זאל קענען עסן היינט ביינאכט מיט דעם געוואונטשענעם אפעטיט, ווער מען דורכ'ן טאג נישט עסן קיין צו שטאק זעטיגע מאכלים. מילא, ווער ער אביסל אונטער הונגערן, עס לוינט זיך אלעס אבי צוצוקומען צו דער סעודה.

עס איז שוין נאך זון אונטערגאנג דער בעל הבית מיט זיינע געסט גייען אין שול אריין, אונזער "איד" שפירט גראדע אביסל הונגער, אבער ער מוטיגט זיך אז באלד וועט קומען די גרויסע סעודה.

אפגעדאווענט מעריב וויל דער "איד לויפן אהיים, זעט ער אבער ווי יעדער בלייבט נאך אויפ'ן פלאץ.

וואס איז יעצט? פרעגט ער זיין פריינד.

יעצט זאגט מען הלל ערקלערט ער אים.

נו מילא, ער וועט שוין אויסהאלטן. די פרייליכע ניגונים פון הלל, און דער געדאנק אז אט אט און מען זעצט זיך צו דעם "סדר", האט אים אויפגעהאלטן אין זיין הונגער.

מען איז שוין אינדערהיים, דאס קינד האט שוין געזאגט "קדש", ווען דער טאטע קומט ..."יעדער באקומט א גלעזל וויין, מען מאכט קידוש, דער "איד" זיפט אריין דאס גלעזל, א מחי', נאך עטליכע אזעלכע גלעזלעך, מיט א פיינע סעודה, וועט מיין גלייכן זיין. אמת, כדאי צו זיין א איד" טראכט ער ביי זיך.

דאס קינד זאגט ווייטער פאר "מען וואשט זיך די הענט און מען מאכט נישט קיין ברכה. ער פארשטייט נישט פארוואס מען מאכט נישט קיין ברכה, אבער וואס ארט אים דען, זאל זיין אן א ברכה, נאר מען מען זאל זיך שוין אמאל זעצן צו דער סעודה. ביז א מינוט זעט ער ערשט זיין ביטערן טעות. קיין סעודה נישט, נאר עטליכע שטיקלעך רעטעך איינגעטונקן אין זאלץ וואסער. זיין אפעטיט ווערט נאך מער צערייצט.

דער בעל הבית, זעענדיג די טרויעריגע מינע פונעם גאס. ערקלערט ער אים אז דאס איז נאר א הקדמה צו דער סעודה, מען נעמט זיך שוין צום עכטן. מען מוז נאר קודם זאגן די הגדה נישט אזוי גרינג צו זיין א איד, טראכט זיך דער איד.

שוין געענדיגט די הגדה, מען וואשט זיך שוין צום עסן, דער איד שלינגט גאנץ אפעטיטלעך אראפ די צוויי כזיתים מצה און שטעלט אן זיינע אויגן ווארטנדיג צו די ריכטיגע סעודה. דא דערלאנגט מען אים "מרור". ער בייסט אריין און הייבט אן צו שלוכצן און הוסטן. זיין געדולד פלאצט שוין און פרעגט דעם פריינד זיינעם, דער וועלכער האט אים אריינגעשלעפט אין דעם גאנצן "געשעפט" דאס איז די סעודה פון וואס דו רעדסט?, דאס האט דאך קיין טעם נישט!, ווארט איין מינוט, בארואיגט אים דער איד. דאס איז נאר איין כזית, באלד קומט דאס ריכטיגע.

ווידער דערלאנגט מען אלע מסובים דעם כורך. דער איד בייסט אריין און ... צו זיין ביטער ענטוישונג... ווייטער דאס זעלבע... ביטער און האליג...

ער ווערט אויפגערעגט. הייבט זיך אויף און אנטלויפט מיט די נשמה אין די הענט.. ביי דער טיר האט ער נאך אספייעט צו הערן ווי דאס קינד זאגט "שולחן עורך מען ברענגט אריין צו עסן..." ער טראכט ביי זיך "נאך א גליק וואס איך בין אנטלאפן באצייטענס ווער ווייסט וואס זיי האבן נאך געוואלט דארט אריינבערענגן. אבער וואו אהין לויפט מען? א צעבראכענער און אנטוישטער איז ער געלאפן אין בית המדרש, זיך אנידערגעלייגט אויף דער הארטער באנק און איינגעשלאפן.

צומארגנס טרעפט ער אין שול זיין אלטן באקאנטן פריינד, און זידלט אים אויס: "דו אינטריגער וואס דו ביזט. דו האסט מיך פארפירט די גאנצע צייט איך זאל נישט עסן נאר ווארטן אויף דער גרויסער סעודה וואס איז באשטאנען פון האליגע גרינסן."

הא הא - צעלאכט זיך דער איד - "דו נאר וואס דו ביסט. ווען דו וואלסט אויסגעווארט נאך איין מינוט וואלסטו באקומען דאס גוטע. אלעס האסטו באקומען דאס גוטע. אלעס האסטו מיטגעמאכט, הגדה, מרור, כורך, נאר ביי שלחן עורך דעמאלט ווען עס קומט די סעודה ביסטו אנטלאפן.

## צו דערציילן ביים פסח טיש

דער נמשל איז זעלבסט פארשטענדליך. אידישע קינדערליידן און מאטערן זיך אין גלות, האפנדיג אט אט עס פאנגט זיך אן די גאולה. השי"ת בעט אידישע קינדערווארט מיט געדודלד, ביז דאס גוטע וועט קומען, דער פארכטיגער גרויסער, לעכטיגער, טאג. ביז דערווייל האבן מיר שוין באקומען היפש קארטאפל איינגעטונקען אין זאלץ וואסער. פיל מאל ליידער אראפגעשלינגען דעם ביטערן טראפן, דעם כזית "מרור" מיט'ן פילן זין פון ווארט, און די גרויסע סעודה האט זיך נאך נישט אנגעפאנגען אבער קלוגע מענטשן שטארקן זיך און האבן געדולד ווארטן אויס דאס גוטע.

נארנים אנטלויפן באלד נאכ'ן כזית מרור, זיי פארשטייען נישט אז נאך די פינסטערע נאכט נאך די פילע כזיתים פון מרור אט דעמאלט קומט דאס גוטע אין דאס ליכטיגע צו וועלכן מיר וועלן אי"ה דערלעבן שוין אין באלד.

)לויט דעם ספר כוכבי אור(

---

## אין הימל קוקט מען אנדערש

דער רבי ר' שמואל פון קאריב זי"ע פלעגט שטענדיג פארן צום רבי'ן פון לובלין דער הייליגער חוזה זי"ע. ר' שמואל איז געווען ל"ע א גרויסער ארימאן אז ער האט נישט געהאט פון וואס צו שפייזן זיין משפחה, פונדעסטוועגן האט עס אים נישט געשטערט פון זיין הייליגע עבודה. אידן וועלכע האבן זיך דערוואוסט פון זיין ענגן מצב פלעגן אים שטיצן פון צייט צו צייט אז זיי זאלן זיך דערהאלטן.

איינמאל האט זיך דער רבי ר' שמואל פארגענומען אז ער וועט מיט קיינעם נישט ארומרעדן וועגן זיין שווערן מצב אין פרנסה, נישט געקוקט אויף כאטש ווי געענגט ער זאל נישט זיין, נאר דאס וואס השם יתברך וועט באשערן, און מענטשן וועלן פון זיך אליין זיך דערמאנען פון אים, וועט ער נעמען, אויסער דעם, נישט.

די רעבעצין איז אים צוגעשטאנען, אז ער זאל עפעס רעדן מיט איינעם וועגן זייער שווערן מצב, אבער ער האט נישט געענדערט זיין באשלוס, פילנדיג אז השי"ת וועט אים נישט פארלאזן אפילו אין די שווערע צייטן.

אזוי האט ער זיך טאקע געפירט א שטיק צייט. און אלע מאל האט זיך געמאכט איינער וואס האט אים אינזינען געהאט און ארויסגעהאלפן.

איינמאל האט זיך געמאכט פאר פסח, און דער רבי ר' שמואל האט גארנישט געהאט אין שטוב.

ער האט געהאט דערפון גרויס עגמת נפש, מורא האבנדיג אז ער וועט מוזן ענדערן זיין באשלוס, און חלילה דארפן בעטן ביי מענטשן, אבער ער האט זיך דאך געשטאקט מיט דער האפענונג אז השי"ת וועט זיכער העלפן.

דערווייל האט זיך דער יום טוב דערנענטערט און עס האט זיך נישט געוויזן קיין אויסזיכט אפילו אויף דעם כזית מצה און די פיר כוסות, די מינימאלסטע זאכן וואס א איד דארף האבן צום סדר, און דער רבי האט געהאט דערפון גרויס צער.

דער רבי פון לובלין מיט זיינע הייליגע אויגן, האט אבער אין פאראויס געזען דעם שווערן מצב פון זיין הייליגן תלמיד, האט ער מיט א צייט פריער געזאגט פאר איינעם פון זיינע חסידים, דער עושר ר' שלמה פון קאנסקיוואלי אן איידעם פון דעם צדיק רבי נטע פון חעלם זי"ע, אז ער זאל זען צו באזארגן זיין תלמיד דעם רבי'ן ר' שמואל פון קאריב מיט אלע זיינע געברויכן אויף פסח.

און אז דער רבי הייסט, האט ער שוין נישט פארגעסן, און ערב פסח נאכמיטאג האט זיך פאר ר' שמואל'ס הויז אפגעשטעלט א וואגן אנגעלאדענט פון אלעם בעסטן אויף פסח. עסנווארג. געשיר און וואס נאר מען דארף.

דער צדיק האט אויפגעלעבט, אזוי אומגערישט איז ער אויפגעראכטן געווארן און זיין הארץ איז פול געווארן מיט פרייד און שבח והודאה צו השי"ת וואס האט אים באשערט מיט א פרייליכן יום טוב.

עס איז נישט מעגליך צו באגרייפן ווי אזוי דער צדיק האט זיך

אוועקגעזעצט צום סדר, מיט גרויס התלהבות, און שמחה פון דעם הרחבת הדעת מיט וואס ער איז באגליקט געווארן, האט ער אפגעראכטן דעם סדר, אזוי אז ער האט ממש פארגעסן פון דער וועלט, און ווי געשוועבט מיט זיין קדושה אין די הימלען, איבערהויפט האט אים דערהויבן דער געדאנק אז ער האט געקענט אנגיין מיט זיין אלטן באשלוס, נישט צו בעטן ביי קיינעם.

דער סדר האט זיך געענדיגט שפעט אין דער נאכט, מיט גרויס שמחה, און אז עס האט זיך אים געדאכט אז קיינמאל האט ער נאך נישט אזוי אפגעראכטן א סדר ווי דאס מאל.

דער ערשטער טאג יום טוב איז אדורך, און דער רבי האט זיך געוואלט נעמען צום צווייטן סדר. אבער ער האט דערפילט א מידקייט, האט ער זיך אביסל אנגעשפארט זיך אביסל אפצורוען פארן סדר.

דער רבי האט זיך געפירט אז ער האט אויך די צווייטע נאכט מקפיד געווען צו עסן דעם אפיקומן פאר חצות, און דא האט פאסירט אז ווען דער רבי האט זיך דערוועקט איז שוין געווען אביסל שפעטליך, און עס וואלט אויסגעקומען צו עסן דעם אפיקומן שפעטער נאך האלבע נאכט.

דער רבי האט געהאט דערפון גרויס עגמת נפש, און ער האט זיך גענומען שנעל צום סדר, און האט אין איילעניש גענומען צו זאגן די הגדה, געטרינקן די כוסות, אזוי אז ער האט קוים געהאט צייט צו עסן דעם אפיקומן צייטליך.

נאכ'ן אפיקומן האט דער רבי גענומען אביסל צייט זיך צו פארטראכטן.

אוי! האב איך געפראוועט א סדר, האט דער רבי געטראכט מיט ביטערניש. די הייליגע ווערטער פון די הגדה, סיפור יציאת מצרים, ווערטער וואס גרייכן ברומו של עולם, האב איך אזוי אפגעזאגט. עס איז אמת אז איך האב עס געטאן וועגן מיין זהירות פון עסן דעם אפיקומן, אבער דאך, אזוי אפצופראוועט א סדר, מיט אזא שפלות, איבערהויפט אין די נאכט וואס השי"ת מיט די פמליא של מעלה גייען ארום אין אידישע שטיבער, זיך איינצוהערן די שירות ותשבחות וואס אידישע קינדער זאגן פאר אים, און אט אזא געהויבענע נאכט האט איך געזאגט אזוי איינפאך די ווערטער.

אזוי האט דער רבי ווייטער געשפינט זיינע מחשבות מיט צובראכנקייט און הכנעה, ביז ער איז געקומען צום אויספיר כמעט מיט טרערן - אז ער האט נאך אין זיין לעבן נישט אפגעראכטן א סדר אין אזא נידריגע שטופע ווי ער האט עס געטאן דאס מאל, און ער גלויבט אז קיין שום איד אויף דער וועלט הא נישט געפראוועט אזא שפלות'דיגן סדר.

דער רבי האט דערפון געהאט גרויס צער און עגמת נפש.

נאך יום טוב איז דער רבי ר' שמואל געפארן קיין לובלין צו זיין רבי'ן דער הייליגער חוזה זי"ע.

גלייך ווי ער האט אריינגעטרעטן צום רבי'ן, און שלום געגעבן, האט זיך דער רבי אנגערופן:

"לאמיר באטראכטן די סדרים וואס ר' שמואל האט געפראוועט.

דער סדר פון די ערשטע נאכט איז געווען שוואכליך, עס האט זיך געדאכט אז ער פליעט אין הימל - וואס עפעס פליען אין הימל?" האט דער רבי באמערקט.

"דער צווייטער סדר, אה, דאס איז שוין געווען שיין, מיט אזא פראכט און גלאנץ, דאס אמת'דיגע צעבראכנקייט האט געגעבן דעם גאנצן חן און חשיבות דערפאר, עס האט זיך אנגעזען אויבן אין הימל מער פון אלע סדרים...

---

## אשר "פסח" על בתי בני ישראל.

ווען דער רבי ר' משה לייב סאסובער זי"ע איז געווען דאס ערשטע מאל ביים הייליגן רבי ר' אלימלך זי"ע אין ליזענסק איז געווען דעמאלט שבת פ' בא. און דער רבי ר' אלימלך האט מכבד געווען דעם גרויסן גאסט אז ער זאל זאגן תורה ביים טיש.

די תורה הק' דערציילט אין די וואכעדיגע סדרה - האט דער

רבי ר' משה לייב אנגעהויבן - ואמרתם זבח פסח הוא לד' אשר פסח על בתי בני ישראל, אז השי"ת כביכול האט איבערגעשפרונגען די אידישע הייזער און האט נאר גע'הרג'עט די בכורים פון די גוי'אישע הייזער און די אידן זענען אלע געבליבן לעבן. און דאס איז די טייטשט פון "פסח" שפרונגען און איבערהיפן.

איז וויכטיג צו פארשטיין פארוואס האט השי"ת געדארפט איבערהיפן פון איין ארט אויפן צווייטן, השי"ת איז דאך איבעראל, אויך דארף מען צו פארשטיין דאס לשון "על בתי בני ישראל" אויף די אידישע הייזער, עס וואלט דאך געדארפט שטיין" מעל בתי בנ"י", אז השי"ת האט געהיפט "איבער" די הייזער פו ןדי אידן נישט "אויף" די הייזער?

נאר דער סדר איז אזוי ווען איינער וויל עפעס אויסבעטן ביים קעניג זוכט ער זיך אנקומען צום קעניג מיט זיין בקשה אין דער קעניג פארברענגט למשל, צוזאמען מיט זיינע נאענטע פריינד, און דער קעניג איז גוט אויפגעלייגט ווייל דעמאלט איז די צייט געאייגנט אויסצופועלן ביי אים חסדים און טובות.

דאס זעלבע איז אויך ווען אידן טוען מצוות מיט ליבשאפט צו השי"ת ברענגט עס שמחה און פרייד כביכול פאר השי"ת, און דורכדעם קומט די ישועה פאר אידן. אזוי ווי דער הייליגער רבי ר' בער פון מעזריטש זי"ע האט געטייטשט "עלה אלקים בתרועה" דער "מידת הדין" וואס וויל ח"ו טאן שלעכטס פאר אידן ווערט "דערהויבן" און איבערגעארבעט אויף רחמים "בתרועה" דורך די מצוות וואס ווערן געטאן פון ערליכע אידן מיט ליבשאפט צו השי"ת און דאס ערוועקט א שמחה צווישן השי"ת אין זיינע "פריינד" און ליבהאבער (תרועה איז פון לשון רעות פריינדשאפט) און דורכדעם קומט די ישועה.

אזוי איז אויך געווען ווען השי"ת האט געזען אין מצרים אז דאס גאנצע לאנד איז פול מיט עבודה זרה, און דאך געפינען זיך דארט אויך ערליכע אידישע שטיבער וואו מען פירט זיך לויטן ווילן פון השי"ת און מען איז מקיים די מצוות מיט ליפשאפט האט עס ערוועקט אין השי"ת א גרויסער שמחה און פרייד אז כביכול השי"ת אליין האט געטאנצט פאר פרייד אין יעדע אידישע היים און האט אויסגערופן:

דא וואוינט א איד - דא וואוינט א איד-

דאס דערציילט דער פסוק "אשר פסח על בתי בני ישראל", השי"ת האט זיך געפריידט און האט געטאנצט אין יעדע אידישע שטוב, און אזוי זענען מיר צוגעקומען צו די ישועה.

ווי דער רבי ר' משה לייב האט געענדיגט די תורה איז ער מיט גרויס התרגשות ארויפגעשפרונגען אויפן טיש פונעם הייליגן רבי ר' אלימלך און האט אנגעהויבן צו טאנצן מיט התלהבות זינגענדיג הויך אויפן קול:

"דא וואוינט א איד - דא וואוינט א איד"

---

)פאלגענד איז א סיפור וואס א איד פון פארן קריג האט פארשריבן אין עס איז היבש אינטרעסאנט וועל איך עס מעתיק זיין(

איך וויל דא דערציילן, ווי אזוי איך בין פסח ביינאכט אויסגעלייזט געווארן פון גלות, דער "אף אותנו גאל" איז ביי מיר נישט געווען בלויז א פארשטעלונג, נאר די ריינע ווירקליכקייט. איך האב עס ממש געפילט אויף דער אייגענער הויט...

איך בין נאך געווען דעמאלט גאר א יונג בחור'ל, געלערנט האב איך אין א קליין שטעטלדיגע ישיבה, צווישן בחורים, אסאך, אסאך עלטערע פון מיר, און וויבאלד איך בין געווען דער יונגסטער צווישן מיינע חברים, האב איך געמאכט דעם איינדרוק ווי א נאאיווע שעפסעלע, וואס האט פארבלאנדזשעט צווישן א סטאדע וועלף.

שוין צוליב דעם אליין, ווי אויך פון דער נאטור בין איך נישט געווען קיין שטארקער און איך האב טאקע דערפון שטארק געליטן. אין אלע הינזיכטן בין איך שטענדיג געווען דער שלימזל, איך האב פארביסן די ליפן און קיינעם נישט

אנטפלעקען מיינע יסורים, ווייל איך האב נישט פארמאגט אין זיך קיין שטארקייט צו דערציילן פאר איינעם, וואס מיר קוועטשט, וואס מיר דריקט.

איז געקומען אנהויב "זמן" איז מיר שטענדיג אויסגעקומען צו זיצן אויפן סאמע לעצטן, אומבאקוועמסטן פלאץ, פאררוקט אין א זייט, אין א ווינקל. איז אמאל געקומען א גביר אין שטעטל און האט פארטיילט צווישן די בחורים מלבושים, איז פאר מיר קיינמאל נישט געבליבן.

צום ערגסטן איז געווען מיט די "טעג",דאס מיינט אז מען איז יעדען טאג געגאנגען עסן ביי מענטשען ווייל די ישיבות האבען נישט געהאט קיין געלט פאר עסן די אנדערע האבן געקענט אויסענווייניג אלע בעלי בתים און הייזער פון שטעטל, געוואוסט וואס עס טוט זיך אין די "טעפ", וואו מען קאכט גוטע מיטאגן און וואו - שלעכטע, וואו די בעל הבית'טע איז א גוטע און וואו - א שלעכטע.

און זיי האבן זיך טאקע אויסגעקליבן די שענסטע און בעסטע "טעג", די רייכסטע הייזער, וואו מען קאכט מיטאגן כיד המלך, כסעודת שלמה בשעתו.

דאקעגן איך, א בטלן פון בטלנים-לאנד, איך האב די מינדעסטע אנונג נישט געהאט אין די שווערע סוגיא פון "טעג" און איך בין שטענדיג אריינגעפאלן אין די ארימסטע הייזער, וואו, כאטש מען האט געגעבן צו עסן בתשואות חן אבער די מיטאגן זענען געווען אזוי מאגער, אזוי געשמאקלאז און דערביי זענען די טעלער מיט די לעפל געווען אזוי "ליידיג..."

עס איז געווען די פסח וואך, די יעניגע בחורים וועלכע האבן געוואוינט אין די נאנטסטע ארומיגע שטעט און שטעטלעך, זענען אהיימגעפארן אויף פסח. דאקעגן די בחורים פון די ווייטערע ערטעראון איך בין אויך געווען צווישען זיי, זענען פארבליבן אין דער ישיבה, ערשטענס, איז דאס שלפען זיך אזא ווייטע שטרעקע אהיים, געווען אומגעהויער שווער, עס איז גראדע געווען א פראסטיג וועטער, און צווייטענס זענען אויסגאבען פון די וועג געווען אזוי גרויס, אז עס וואלט ממש געווען א זינד פאר השי"ת און פאר מענטשען, קאליע צו מאכן אזויפיל געלד צוליב אכט טעג זיין אינדערהיים.

ארויסגעוויזן האט זיך, אז דער ראש ישיבה האט ממש ערב פסח געמוזט נויטיג אוועקפארן און מיר זענען אלע איבערגעליבען אויף השי"ת חשבון, זענען מיר אלע ארומגעלאפן אליין זיך צו "שאפן פסח", עס פארשטייט זיך אז מיינע חברים האבן געפאקט די בעסטע ערטער: איינער ביים רב, א צווייטער ביים שוחט א.א.וו. און איך שלימזל'דיגער לא יוצלח'ניק, בין אריינגעפאלן צו גאדל פוהרמאן.

צו שילדערן אייך די געשטעלט פון גאדלען האלט איך פאר איבריג. ער איז א פערזענליכקייט, א אלעמען בעקאנטע און אויף וועלכען מען קען גאנץ דרייסט זאגן: פירושים זענען איבעריג..."

פארפאלן! - האב איך זיך געטראכט - זאל זיין א פוהרמאן, פארט א איד, בפרט אז גאדל איז געווען א גאנץ פארמעגליכער, און פאר זיין גראשן האט קיין איד נישט געקענט שטארבן. ער האט זיכער אנגעגרייט א שענער פסח ווי דער רב, און שוחט, נאר וואס, א נישט א גרויסן לערנער? - איז וואס, וואס גיי איך זיך דען מיט אים אויף אייביג פארבינדן...?

עס איז געווען ערב פסח נאך האלבן טאג, איך בין אריינגעקומן צו גאדלען און געטראפן אים זיצן ביי א קארב מיט מצות, אז מען האט ביי אים דאס פנים נישט ארויסגעזען, ער האט געשיבט און געריקט און דערביי געווען אזוי פארטוהן אין דער אכילה, אז ער האט מיר אינגאנצען נישט באמערקט, ערשט דאס ווייב זיינס האט מיך פאר אים פארגעשטעלט:

"זעסט, גאדל, מיר האבן א ישיבה בחור צום סדר.

-זייער גוט - האט גאדל געענטפערט - פאר א יאר האבן מיר אויך געהאט א ישיבה בחור, האט ער אונז טאקע א סאך צוגעהאלפן, א שווערער יום טוב, דער פסח, עס זענען דא אזויפיל זאכן צו מאכן - א "סדר", א "כרפס" א "יחץ" א "רחצה..."

גאדל האט פאר מיר אוועקגעלייגט אפשר א הויפען מצות און באפוילן: "גיי וואש זיך, ביסט דאך אוודאי הונגעריג," ערב פסח טאר מען נישט עסן קיין מצה האב איך אום דרייסט געענטפערט.

זע נאר מיין למדן! האט זיך די בעל הבית'טע אריינגעמישט, א פרישער דיין! מיין מאן איז אויך נישט פון הונטערן אויוון, און אויב ער עסט, מעגסטו אוודאי עסן, וואס דען זאל איך דיר געבן? אפשר א שטיקל חמץ?

זאל זיין א ביסל קארטאפל מיט בארשט האב איך געמורמלט אונטערן נאז.

גאדל איז שיעור נישט צוזעצט געווארן פאר געלעכטער.
סטייטש, בארשט? האט ער געדונערט וואס מיינסטו, אז ביי מיר איז א טריפ'ענע שטוב? אז ביי מיר עסט מען חמץ אום פסח? נישט שיין, אז א ישיבה בחור זאל נישט וויסן, אז א ישיבה בחור זאל נישט וויסן, אז פסח טאר מען קיין בארשט נישט טרינקען, וואס איז דער טייטש "חמץ"? זויער, קיין שום זויער'ס קומט צו מיר אין שטוב נישט אריין, נישט קיין בארשט, נישט קיין לימינעס און נישט קיין לימינע זאלץ...
די בעל הבית'טע האט אנגעקוואלן פון איר מאנ'ס לומדות.
איך האב שוין לאנג געזאגט, האט זי זיך אנגערופן, אז דו, גאדל ביסט מער למדן, ווי די אלע ישיבה בחורים...
עס זענען אריבער עטליכע שעה. גאדל האט זיך מיט מיר אוועקגעזעצט אויסארבעטן די "פלאן" פון "סדר."
וואס נעמט מען אויף "כרפס"? פרעגט ער מיר.
מען קען נעמען רעטעך, קארטאפל.
זאל זיין קארטאפל, האט גאדל באשלאסן.
פראדל, האט ער א געשריי געטון צום ווייב, גרייט צו קארטאפל אויף "כרפס."
פראדל האט זיך אוועקגעזעצט שיילן קארטאפל, אז מען האט אוודאי געקענט פארטיילן דערפון א גאנצע מחנה מיט סאלדאטן.
און וויאזוי מאכט מען חרוסת? פרעגט ער מיר.
איך האב געקוועטשט מיט די פלייצעס, איך האט טאקע נישט געוואוסט.
אוי, דו בטלן איינער, דו ווייסט דאך פון גארנישט, דער בחור וואס איך האב געהאט פאראיאר, האט פון אלעם געוואוסט.
פראדל, האט ער א געשריי געטון, לויף גיך אריבער צום רב און פרעג אים, ווי אזוי מאכט מען חרוסת, מיר וועלן, חלילה, בלייבן אן חרוסת אויף פסח...
א קלאג האט מיר געטראפן, איז פראדל אזוי ווי זי שטייט און גייט געלאפן צום רב, שטראף מיר נישט, ג-ט, מען זאל חלילה, בלייבן אן חרוסת אויף פסח..
און וואס איז מיט "יחץ", מיט "רחצה?"
דאס זענען נישט קיין זאכן אנצוגרייטן האב איך אים אויפגעקלערט.
און "כורך?"
אוף "כורך" נעמט מען חריין,
וועסטו טון א מצוה און אנרייבן חריין? יא.
ער האט מיר אריינגעפיהרט אין א צימער און מיר אנגעוויזן אויף א הויפן חריין, אזוי, אז ווען מען זאל אפילו די גאנצע אכט טעג פסח עסן בלויז חריין וואלט עס געווען גענוג פאר א גאנצע גרופע אידן. דאס ביסעל - זאגט ער, וועסטו אנרייבן, עס איז דאך א מצוה.
עס איז מיר פשוט פינסטער געווארן פאר די אויגן. ווען וועל איך אנרייבן אזא הויפן חריין?
באין ברירה האב איך זיך גענומען צו דער מלאכה. צובלוטיגט זיך די פינגער, די אויגן זענען מיר שיעור נישט אויסגערונען פאר רייסיגקייט און איך האב ממש ארויסגעקוקט די רגע, ווען איך וועל פטור ווערן פון דאזיגן בלע עגלה'שן גלות.
קוים וואס איך האב שוין דערלעבט אז די נאכט זאל צופאלן און מיר זאלן זיך שוין זעצן בשלום צום סדר.
גאדל האט זיך אנגעטון דעם יום-טוב'דיגן הוט, א גרויסע קיילעכיגע מאטשעיובקע מיט א לאנגן לעדערנעם דאשעק, איינגעהילט זיך אין א שווערן קיטל און גענומען פראווען דעם סדר.
שווער האט ער נעבעך געארבעט, דער "לוי" מיטן "ישראל" זענען נאך ווי עס איז רואיג געלעגן. דערפאר אבער האט זיך דער "כהן", א געבויגענע מצה. געקוועטשט אין אלע זייטן און בשום אופן נישט געוואלט איינרוען.
גאדל האט דעם "כהן" געגעבן א טראסק אז האט ער זיך צעשפרונגען אויף פיץ פיצלעך, האט ער געשריגן פראדל, ברענג אריין א צווייטן "כהן."
אבער אויך דער צווייטער "כהן" האט נישט געוואלט רוען, ווידער א טראסק.!
גאדל האט צוטראסקעט ביז א צענדליג "כהנים", ענדליך האט ער געפאקט א לייטישן "כהן", א גלייכע מצה, וואס איז זיך געליגען במנוחה, אזוי ווי גאדל האט פארלאנגט.
די רעכטע ארבעט האט זיך יעצט אנגעהויבן ביים אויס'סדר'ן די "קערה". גאדל'ס מוח האט בשום אופן נישט געקענט באגרייפן דעם "זרוע בימין וביצה בשמאל". ער האט נישט געקענט תופס זיין דעם ענין פון רעכטס און לינקס, ער האט זיך געדרייט ווי א שלאנג, איבער געזעצט זיך אויף פארשידענע ערטער און ווען איך וועלט זיך נישט אריינגעמישט, ווער ווייסט צי עס וואלט אמאל גענומען אן עק.

דער קידוש איז אריבער בשלום, אן באזונדערע שטרויכלונגען, איך האב געפרעגט די קשיות און גאדל האט גענומען מורמלען די הגדה, צוגעקלאפט ריטמיש מיטן פוס, אויסרופנדיג וואוילעריש: הע, הע, ווא, וויא!... איך האב געפילט ווי די קישקעס אין בויך דרייען זיך ביי מיר שיעור נישט איבער פאר געלעכטער. איך בין אבער געצוואונגען געווען דאס געלעכטער אין מיר צו האלטן כדי גאדל זאל עס, חלילה, נישט באמערקן.

פלוצלינג האט גאדל געטון א זעץ אין טיש אריין: סטאפ, טררר...!

ער פרעגט מיר א קשיא:

עס שטייט מעשה ברבי א מעשה מיט א רבי, אליעזר ורבי, אליעזר מיט א רבי, יהושע ורבי, יהושע מיט א רבי, טרפון ורבי, טרפון מיט א רבי, עקיבא אן א רבי! פארוואס אלע האבן רבי'ס און עקיבא נישט..?

איך וואלט אים אפשר געענטפערט, ווען נישט דאס, וואס איך האב מורא געהאט אז איך זאל נישט אויסשיסן אינמיטן מיט א געלעכטער.

ווייסטו נישט, הא? מאכט צו מיר גאדל, נו ווייטער.

נאכן אפזאגן די ערשטע העלפט "הגדה", נאך פארן אויסטרינקען דעם צווייטן כוס, רופט זיך אן גאדל:

מיר וועלן אפזאגן די אנדערע העלפט "הגדה" אויך, איך האב פיינט צו האבן אן עול אויפן קאפ, נאר פטור, אפגעזאגט.שפעטער וועלן מיר עסן און טרינקען און זיך לאזן וואויל גיין אזוי ווי עס שטייט אין דער תורה...

באין ברירה האב איך געמוזט מסכים זיין, גאדל האט געמאכט קילאמעטערדיגע שפרייזן, געשלונגען די "כי לעולם חסדו'ס", ביי די "אחד מי יודע'ס" איז ער שיעור נישט דערשטיקט געווארן, ביז ער איז בשלום צוגעפארן צום "חד גדיא" און דאן האט ער א שווערן זיפץ געטון: שוין געענדיגט ב"ה...

ער האט אוועקגעשטעלט פאר זיך דריי גרויסע, תשעה-קבין'דיגע כוסות, איינגעריבן די הענט און אויסגעזופט איין כוסה נאך דער צווייטער, אויסרופנדיג: איינס, צוויי, דריי, ערלעדיגט!

מיר האבן זיך געוואשן, וואס פאר א ברכה גאדל האט געמאכט איבער דער מצה, האב איך נישט באמערקט, הערנדיג אבער פון מיר מאכן די ברכה "המוציא לחם" האט ער זיך אנגעצינדען אין א שרעקליכן כעס" סטייטש, לחם? ברויט? חמץ?

איך האב איהם געפרואווט אויפקלערן נאכן עסן דעם כזית אז "לחם" מיינט מען נישט בלויז ברויט חמץ. גאדל איז אבער פארבליבן ביי דאס זייניגע.

סטייטש, מ'מיינט נישט ברויט? דו זאגסט דאך אליין: המוציא, ער האט ארויסגעצויגען, לחם ברויט...

גאדל האט זיך אנגעגאסן א שפארע כוסה פינף און ניינציגער, א כלאפ אריין געטון ווי קיינמאל גארנישט, א צווייטע כוסה, א דריטע, און פארביסן מיט א שטיק פיש, מיט וועלכן מען וואלט געקענט הרגענען א געזונטן פויער...

גאדל איז געווארן רויט ווי א בוריק. די אויגן האבן גענומען גלאנצן און ער האט געפראכעט, ווי א געשטאפטע גאנז.

פראדל האט אריינדערלאנגט די קאכעדיגע יוך מיט די קניידלאך, וועלכע זענען געווען אזוי גרויס ווי טאפעס, גאדל האט זיך אבער אזוי גיך נישט צוגערירט צו זיי, די אויגן האבן זיך ביי אים געקלעפט, א מידער איז ער איינגעשלאפן ביים טיש האלטנדיג פעסט מיט ביידע הענט די ביידע עקן פון טישטעך.

ער האט שווער געכראפעט, געשנארכט. פלוצלונג האט ער זיך א צי אויס געטון אויף דער ברייטער שטול און מיט א הילכיגן געשריי:

טררררר!

ער האט אראפ געצויגן דאס טישטעך מיטן וויין, מיט די כוסות, מיט די קאכעדיגע יוך, מיטן נאפט לעמפל, מיט די לייכטער, מיט הכל בכל...

געוואלד, האט פראדל געשריגן, זע נאר, גאדל, וואס דו האסט געטון? האסט דא מיך אוועקגע'הרג'עט, האסט דאך מיך פאר'ברענט ווי גרויס און אלט איך בין...

מיר זענען אין כינעווער וואלד! האט גאדל אויסגערופן, ציענדיג ווייטער דאס טישטעך און אראפשלעפנדיג די איבריגע כלים...

געוואלד! האט פראדל נישט אויפגעהערט צו שרייען, זעט נאר מיין אומגליק, מיין חורבן, גאדל, וואס טוט זיך מיט דיר?

גאדל האט קוים אויפגעריסן די אויגן.

פראדל וואס איז די מעשה, פארוואס עס איז פינסטער אין שטוב?

האסט זיך אנגעשיכורט ווי א גוי דו פויער איינער, האט

## צו דערציילןביים פסח טיש

פראדל נישט אויפגעהערט צו שרייען, האסט אלץ פון טיש אראפ געשלעפט, האסט פון אלעס א וויסטען חורבן געמאכט, האסט מיך פאר'שרפה'ט...
שווייג, זאג איך דיר, האט גאדל גדעונערט, ליארעם נישט אזוי, דו הערסט!
גיי פאפן, פויער איינער, איז פראדל נישט אפגעשטאנען, אנגעשיכורט זיך ווי א גוי און יעצט מאכט ער סקאנדאלן.
גאדל האט זיך א הויב געטון און גענומען דונערן מיט זיין שטימע, און פראדל האט גענומען שרייען מיט די לעצטע כוח:
געוואלד, ראטעוועט!
עס איז זיך צונויף געלאפן אן עולם מענטשן, אין שטוב איז געווען שטאק פינסטער א ריח פון וויין און נאפט און יוך האט געשלאגן אין קאפ, מען איז שיעור נישט געפאלן איבער די צובראכענע כלים וואס האבן זיך געוואלגערט צוזאמען מיט די קניידלעך אויף דער ערד.
אין דעם גרויס טומלדיגן יריד, האב איך זיך אפגעטראגן, אויפגעהויבן די הענד צום הימל און געדאנקט זיין ליבן נאמען, וואס האט מיר אויסגעלייזט פון דאזיגען גלות..

---

## א סדר אין דער פרעמד

די פאלגענדע מעשה האט פאסירט אין די צייטן ווען די רוימישע אימפעריע האט באהערשט לענדער און פעלקער און איר נאמען האט געקלינגען פון איין עק וועלט ביז צום צווייטען. די שטאט רוים אליין איז דאן באטראכט געווארן אלס די מעכטיגסטע אין דער גאנצער וועלט, און צווישן די פיל געזעצן וואס דער פויפסט פון רוים האט דאן ארויסגעגעבן, האט פארנומען דער אויף אויבן-אן א געזעץ וואס פארבאט א איד ארויפצוטרעטן אויף די רוימישע ערד, א איד האט אפילו נישט געמעגט דורכפארן די שטאט. שוין אפגערעדט פון וואוינען אדער פירן דארט א געשעפט. פאר פארלעצן דעם געזעץ האט מען באשטראפט מיט טויט.
האט זיך אמאל געמאכט אז א באוואוסטער אידישער סוחר מיטן נאמען ר' הלל, האט זיך בהאלטענערהייט געפונען אין רוים צוליב געשעפטליכע אינטערעסן און צוליב די גרויסע פארפלייצונג אין דער רוימישע געגענט, האט ער נישט געהאט קיין שום מעגליכקייט צוריקצופארן אהיים אויף פסח וואס האט שוין געהאלטן ביים אנקומען. עס איז אים געווען זעהר שווער ארויף צו ברענגען אויפן געדאנק. אז ער וועט דארפען זיין פסח ווייט אוועק פון דער היים, איבערהויפט אין אזא שטאט ווי רוים וואו די סכנה פאר א איד איז אזוי גרויס. פון דער אנדערע זייט, האט ער אבער פארט געמוזט שנעל טרעפן אן עצה וואו אזוי צו פארבלייבן פסח אין רוים, און דאך אויסגעהיטן ווערן פון דעם הארבן איסור פון חמץ בפסח און זעהן מקיים צו זיין די מצוה פון אכילת מצה.
די צייט איז ווי געפלויגן, די טעג האבן זיך גערוקט.. עס איז שוין ערב פסח נאכמיטאג און ר' הלל ווייסט נאך אלטץ נישט וואו ער האלט אין דער וועלט, ער האט ערשט יעצט דערפילט דעם טעם פון גלות און זיין הארץ איז פיל מיט באגער צו פייערן דעם יום טוב פון דער ערשטער אידישע גאולה, לויט אלע דינים און הידורים.
פון גרויס פארצווייפלונג איז אים איינגעפאלן א געדאנק, זיכער, האט ער ביי זיך געטראכט, לעבן דא אין רוים ערגעץ אידן באהאלטענערהייט און אין זייערע הייזער גרייט מען זיך יעצט אריינצונעמען דעם שיינעם יום טוב פסח. ער וועט גיין צום שטאטישן מארק פלאץ, האט ער ווייטער געטראכט, און צוקוקען ווער פון די איינקויפער וועט איינהאנדלן אזא פסח'דיגן מאכל ווי מרור וואס אידן לייגן אויף די פסח'דיגע קערה צום סדר, דער וואס וועט איינקויפן היינט ערב פסח נאכמיטאג א מאכל וואס מ'לייגט אויף די קערה, איז זיכער א איד וואס היט אפ אידישקייט באהאלטענערהייט און ער וועט שוין טרעפן א וועג ווי אזוי זיך אויפצוהאלטן פסח ביי דעם איד.

שטייענדיג אזוי אויפן מארק פלאץ און מיט די אויגן קוקענדיג אויף אלע זייטן אוןווארטענדיג צו געפונען א איד אין רוים, האט ער מיטאמאל באמערקט ווי עס איז צוגעפארן א שיינע קארעטע פון וועלכען עס איז אויסגעשטיגן נישט קיין אנדערע ווי דער שטאט-הויפט (גובערנאטער) פון רוים. ער האט זיך אליין נישט געקענט גלייבן ווען ער האט געזעהן ווייטער ווי דער שטאט-הויפט איז האסטיג אראפ פון קארעטע און שטילערהייט עפעס אנגעזאגט פארן באדינער וועלכער איז גלייך געגאנגן צו איינעם פון די גרינס-הענדלער און געקויפט א בינטעלע מרור. פאר דעם גרויסן עולם וואס האט זיך ארומגעקליבן ארום דעם מעיאר'ס קארעטע, האט דער מעיאר עקלערט אז ער איז ספעציעל געקומען זיך צו באקענען מיט דער לאגע אויפן מארק און זעהן וואס פארא אויסבעסערונגען מען דארף דארט מאכן.

דער באדינער איז צוזאמען מיט זיין האר גלייך אפגעפארן צוריק צום שטאטישן פלאץ.

פאר ר' הלל איז עס געווען מער ווי זיכער אז דער שטאט-הויפט פון רוים, די שטאט וואו קיין שום איד טאר זיך נישט געפונען, איז גאר אליין א איד, און נאך דערצו א פרומער איד וואס קומט אליין אויפן מארק איינקויפן מרור אויף פסח, די פראגע איז אבער יעצט געווען פאר ר' הלל ווי אזוי זאל ער זיך דערשלאגן צום שטאט-הויפט און אים אנטפלעקען זיין סוד? די צייט איז געווען קורץ און ר' הלל איז גלייך אוועק צום פאלאץ און זיך געמאלדן פאר זייער א וויכטיגע אודיענץ מיטן שטאט-הויפט.

איך וויל אייער אויפמערקזאמקייט פאר אייניגע מינוטן, האט ר' הלל אנגעהויבן זיין געשפרעך מיטן שטאט-הויפט, און איך האף אז איר וועט עס מיר באוויליגן. איך בין א איד און היינט אוונט פאנגט זיך אן אונזער גרויסער און הייליגער יום טוב פסח. איך בין דא פארהאלטן געווארן צוליב די פארפלייצונגען און אזוי ווי איך האב דערקענט דורך אייער איינקויפן מרור אז איר זענט א איד וויל איך זיין אייער גאסט פאר די אכט טעג פון יום-טוב. איך וועל אייך באצאלן וויפיל איר וועט בעטן.

דער שטאט-הויפט האט רוהיג אויסגעהערט ר' הלל'ס רייד און אים קיין ווארט נישט געענטפערט ער האט אים אנגעוונמען ביי דער האנט און אריינגעפירט אין א צווייטן צימער וואו ער האט אויפגעעפנט א געהיימע טיר וואס האט געפירט צו א גרויסער הייל, א מין אינטער-ערדישע וואוינונג וואו עס זענען געשטאנען גרייט טישן מיט כל טוב און דער ריח פון די יום טוב'דיגע מאכלים האט מען געשפירט פון יעדן ווינקל.

דא אויף דער רעכטע זייט האט איר א צימער פאר זיך. האט דער מעיאר ענדליך געבראכן זיין שטילשווייגן און מיט א צופרידענעם שמייכל דערלאנגט ר' הלל א ברייטן שלום עליכם...

ווען עס איז אנגעקומען מנחה צייט. איז א באדינער אריינגעקומען צו ר' הלל אין צימער און אים געבעטן צו גיין אין שול דאווענען, אזא פראכטפולע שול האט נאך ר' הלל אויף זיין לעבן נישט געזעהן. די ווענט געמאכט פון טייערע מארמארענע שטיינער, די לייכטער אויסגעקלאפט פון ריינעם גאלד און דער דאך אויסגעמאלן מיט די שענסטע אויג-פארכאפנדע מאלערייען, דער עולם אין שול איז געווען רייך געקליידעט און יום טוב'דיג געשטימט, די שטימונג האט אינגאנצען נישט אויסגעזעהן ווי אין א שול וואס איז באהאלטן אין אן אינטער-ערדישע הייל וואו מען איז שטענדיג אין מורא פאר דער רעגירונג.

מען האט זיך געשטעלט דאווענען מנחה בציבור, דערנאך געזאגט דעם סדר קרבן פסח, און אלעס מיט גרויס התלהבות, אזוי איז אדורך א גאנצען דאווענען, נאכן דאווענען האט מען זיך איינער דער אנדערן געוואונטשן "גוט יום טוב" און דער גאנצער עולם איז אריין אין גרויסן עס-זאל, נעבן שול, אפצורעכטן דעם סדר און פראווען די הייליגע נאכט ווי מ'פירט זיך ביי אלע אידן.

ר' הלל איז געזעצן אויבן-אן און נישט געגלויבט זיינע אייגענע אויגן. דאס איז רוים? די שטאט וואו א איד טאר נישט וואוינען? איז עס דען נישט קיין באוויז, אז טראץ די אלע גזירות וואס די גוים מאכן אויף דעם אידישן פאלק וועט זיי קיינמאל נישט געלונגען ביי צוקומען דעם אייביגן גייסט פון דער הייליגער תורה? אייביג איז דאס פאלק ישרא-ל און אייביג איז זיין תורה!

אבער זיצנדיג אזוי פארטראכטערהייט איז ער מיטאמאל ווי אויפגעשפרינגען פון זיין ארט ווען ער האט געזעהן ווי איינער פון די באדינער האט דערלאנג צום טיש א לאנגע פעטן קעז וועלכער דער גאנצער עולם האט אויפגעשלינגען. וואס טוט זיך דא? איז ער צווישן אידן אדער חס ושלום... זאלן דען די

## צו דערציילן ביים פסח טיש

אידן נישט וויסן דעם דין אז מען טאר נישט עסן קיין מילכיגס נאך פלייש?

בעטנדיג אנטשולדיגונג האט ער זיך געווענדעט צום שטאט-הויפט, אלס בעל הבית פון זיין הויז, אויב ער ווייסט נישט דעם דין וואס פארבאט צו עסן מילכיגס נאך פלייש. "איך האב דאך געמיינט אז איר זענט פרומע אידן", האט ער מיט טרערן אין די אויגן אויסגעשריגן, "און איך האב ביי אייך געגעסן די ערשטע סעודה פון יום-טוב פסח. ווער ווייסט אויב איך בין נישט נכשל געווארן אין דעם הארבן איסור פון חמץ בפסח"?

אנשטאט אים צו ענטפערן אויף זיינע דרינגליכע פראגעס האט דער שטאט-הויפט געבעטן ר' הלל ער זאל פארזוכן פון דעם וואונדערבארע "קעז"

איר האט נאך אזוינס אויף אייער לעבן נישט פארזוכט", האט ער צוגעגעבן, און וועגן דער עבירה פון עסן מילכיגס נאך פלייש האט ער אנגעפאנגן צו ברענגן ראיות אז עס איז גארנישט אזא שטארקע עבירה ווי מען מיינט און אז ביי זיי האלט מען נישט פון דעם, פון זיינע רייד איז געווען קענטיג, אז ער האלט זיך פאר א גרויסן למדן און דאס האט נאך מער אויפגעבראכט דעם פארצארענטן ר' הלל.

נאך לאנגע אמפערנישן האט דער בעל הבית איינגעזעהן ווי שטארק ר' הלל ערגערט זיך און האט זיך ענדליך אנגערופן צו אים , "איר זאלט וויסן טייערער גאסט, אז דער קעז וואס מיר אלע האבן געגעסן איז געווען פון מאנדלען און נישט פון מילך. עס איז געווען א הונטדערט פראצענטיגע פרווה קעז, און אין די דינים פון "בשר וחלב" זענען מיר אפגעהיט פונקט אזוי ווי איר.

פארוואס האט איר מיר גלייך נישט געזאגט? האט ר' הלל געפרעגט, פארוואס האט איר מיר אנגעטוהן אזוי פיל עגמת נפש און צער"?

"איר פארשטייט" האט דער שטאט-הויפט געענטפערט, מיר האבן געוואלט זעהן אויב איר זענט נישט קיין שפיאן, יעצט איז אונזער פארדאכט פאריבער, און לאמיר אלע ממשיך זיין מיט אונזער טייערן יום טוב פסח!

---

## די מעשה ביים שפאלער זיידע זצ"ל

ביים סדר נאכט ביים הייליגען שפאלער זיידע זי"ע זיצט דער עולם אן אן ערנסטע שטימונג אוןווארט אז מ'זאל אנהייבען דעם סדר, דער הייליגער שפאלער זיידע קומט אריין און רופט אויס "קדש" און ווייזט פאר זיין זון זאל זאגן וואס דער רבי אין חדר האט איהם אויסגעלערנט, דאס קינד הייבט גלייך אן צו זאגן ווען דער טאטע קומט אהיים פון שוהל טוט ער זיך אן די ווייסע קיטל און ער מאכט שנעל קידוש, דער עולם שטייט שוין און ווארט אז דער הייליגער שפאלער זיידע זאל נעמען די בעכער אין די הענט און אנהייבן קידוש, אבער דער הייליגער שפאלער זיידע שטייט פארזינקען אין זיינע מחשבות און ווארט, ענדליך רופט ער זיך אן צום קינד, פארוואס זאגסטו נישט ווייטער!!! דאס קינד שטייט פארווינדערט און ער פארשטייט נישט וואס דער טאטע מיינט צו זאגן מיט דעם, און ווי דער טאטע זעהט זיין פארווינדערונג געט ער איהם א פרעג "דיין רבי האט נישט אויסגעלערנט ווייטער" און אזוי ווי דאס קינד ענטפערט "ניין" זאגט איהם דער הייליגער שפאלער זיידע "מען דארף ענדיגן כדי די קליינע קינדער זאלן נישט איינשלאפן און קענען פרעגן די מה נשתנה" און תיכף האט דער הייליגער שפאלער זיידע אויפגעהויבן דעם בעכער און מיט גרויס התלהבות אנגעהויבן קידוש.

אויף צו מארגענס ביי די סעודה איז דער מלמד אריבער געקומען צו די סעודה פון דעם הייליגען שפאלער זיידע, און אזוי ווי דער הייליגער שפאלער זיידע האט איהם געזעהן געט

ער איהם א פרעג "פארוואס לערנסטו נישט אויס די קינדער דעם טעם פארוואס דער טאטע דארף שנעל מאכן קידוש" רופט זיך אן דער מלמד "איך האב געמיינט אז דער טעם איז נישט וויכטיג, ווייל דער דין אז מען דארף שנעל מאכן קידוש גייט דאך אן אפילו דארט ווי עס איז נישט דא קיין קליינע קינדער" הייבט דער הייליגער שפאלער זיידע אן צו שרייען אויף איהם "ווי קענסטו זאגן אז דאס איז נישט וויכטיג די ביזט דען חשובער פון אלע מלמדים פון ביז היינט, און די פארשטייסט בעסער פון זיי" "די זאלסט וויסען אז די פארשטייסט נישט אונזערע מקובל'דיגע מנהגים, און די זאלסט נישט וואגן מער צו גרינגשעצן און צו פארענדערן לויט דיין פארשטאנד די מנהגים פון די פריערדיגע מלמדים"

און דא האט זיך דער הייליגער שפאלער זיידע אויסגעדרייט צום עולם און געזאגט, דער הייליגער זוהר הק' ברענגט אז כנסת ישראל זאגט פארן באשעפער אז מיר זענען אין גלות אין די בחינה פון "פארשלאפען" און מיט דעם הייבן מיר אן דעם סדר ווען דער טאטע קומט אהיים פון שוהל דאס מיינט צו זאגן ווען דער טאטע פון הימל קומט אהיים פון שוהל פסח ביינאכט און ער זעהט ווי זיין הייליג פאלק די יודען אפילו זיי זענען אויסגעמיטשעט און פארפלאגט פון די ארבעט פון פאר פסח, מיט דעם אלעם זענען זיי אלע

געקומען אין בית המדרש און געזאגט הלל פארן באשעפער מיט התלהבות און השתפכות הנפש מאכט ער שנעל קידוש דארף ער שנעל באנייען אונזער קדושה און אונז אויסלייזען פון גלות כדי די קליינע קינדער זאלן נישט איינשלאפען דאס גייט ארויף אויף די יודען וואס זיי ווערן אנגערופען "ילד שעשועים" זאלן נישט פארשלאפען ווערן אינגאנצען אין דעם טינקעלן גלות און ח"ו זיך מייאש זיין פון די גאולה, און קענען פרעגן די מה נשתנה אז מיר יודען פרעגן פון באשעפער "מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות" פארוואס איז דער גלות לענגער ווי אלע אנדערע גליות, און זאגענדיג די ווערטער האט דער הייליגער שפאלער זיידע אויפגעהויבען זיינע הענט צום הימל מיט א געוויין און געזאגט "טאטע אין הימל נעם אונז ארויס פונעם גלות ווילאנג מיר ווארטן נאך אויף די גאולה און לאז אונז נישט חלילה אינגאנצען פארשלאפען ווערן אין דעם פינצטערן גלות."

אבער יעצט זאגט דער הייליגער שפאלער זיידע פארן עולם "לאמיר ווייזען פארן באשעפער אז דאס קליין קינד קען טאנצן אפילו אין אזא טינקעלקייט פון דעם גלות" און צוזאמען האט זיך דער גאנצער עולם ארויסגעלאזט אין א פייערדיגן ריקוד לכבוד יו"ט.

---

עס ווערט דערציילט, אז אמאל האט הרה"ק רבי אייזיקל זידיטשויב'ער זצ"ל געשיקט זיינע קינדער צו הרה"ק ר' אליעזר פון דזשיקוב זצ"ל, און האט זיי געהייסן אים פרעגן, פארוואס אין די תפילין לייגט מען אריין "פיר פרשיות", און ביי ציצית איז דא פיר ציצית, ביי לולב נעמט מען ד' מינים, אזוי אויך די כוסות ביים סדר זענען פיר, און מצות נעמט מען נאר דריי? ווען זיי האבן געפרעגט די שאלה פון הייליגן

דזשיקוב'ער, האט ער זיי געענטפערט: נו, דערפאר צעברעכט מען איין מצה אויף צוויי, און ממילא איז שוין דא פיר מצות...

)זיין זון אין ספר "אמרי נועם"
איז מבאר די כוונה פון די ווערטער.(

---

דער הייליגער רבי ר' מענדעלע מרימנוב זצ"ל שרייבט אין זיין ספר "מנחם ציון", אז דער סוד פון "יחץ", וואס מ'ברעכט די מיטלסטע מצה אויף צוויי, איז ווי א "כריתת ברית" (שליסן א בונד), אזוי ווי ווען צוויי נאנטע פריינט צעשיידן זיך צעברעכן זיי א רינגל אויף צוויי, און יעדער נעמט העלפט דערפון. אזוי אויך טיילן מיר די מצה, צו שליסן א בונד מיט'ן אויבערשטן צו גיין אין זיינע וועגן.

דער הייליגער רבי ר' אייזיקל פון ספינקא זצ"ל, דער בעל "חקל יצחק", פלעגט פאר "יחץ" זאגן אזוי: הרה"ק רבי ר' מענדעלע מרימנוב זי"ע האט געזאגט, אז דער סוד פון יחץ איז, ווייל אמאל זענען געווען צוויי גוטע געטרייע פריינט, וועלכע זענען געווען שטארק צוגעבונדן איינער צום צווייטן, און ווען זיי האבן זיך געמוזט צעשיידן האבן זיי געטראכט אן עצה וויאזוי זיי זאלן היטן אויף זייער ליבשאפט, און האבן באשלאסן, אז יעדער וועט געבן א פארטרעט פון זיך פאר אן אנדענק, און דער רבי ר' מענדעלע האט געזאגט: מיינטס נישט, אז יעדער האט געגעבן זיין בילד פאר זיין חבר, ניין, נאר זיי האבן גענומעןביידע בילדער און עס צעטיילט אויף צוויי, און יעדער איינער האט גענומען העלפט פון זיין אייגענע בילד און העלפט פון זיין חבר'ס בילד. און דער רבי ר' אייזיקל האט אויסגעפירט מיט גרויס התרגשות און מיט טרערן אין די אויגן: און דאס האט דער רבי ר' מענדעלע מרימנוב געזאגט, "אז דער סוד פון יחץ איז, דאס אידן בלייבן אנגעקניפט אין בורא כל עולמים און דער בורא כל עולמים בלייבט אנגעקניפט אין אידן."

---

אמאל זיצנדיג ביים סדר האט אן אייניקל פון הגאון רבי שמעון סופר זצ"ל, אבד"ק קראקא, געפרעגט דעם זיידן: וואס איז דער טעם אז מ'גנב'עט אוועק דעם "אפיקומן"?. דער זיידע האט אים אבער נישט געענטפערט, נאר ווייטער געזאגט די הגדה.

ערשט נאכדעם ביי די סעודה האט אים דער זיידע געזאגט: קינד מיינער, האסט מיך געפרעגט דעם טעם פאר'ן מנהג צו גנב'ענען דעם אפיקומן, און די עלטערן רייצן נאך די קינדער זיי זאלן עס גנב'ענען. און כאטש חז"ל זאגן "חוטפין מצה וכו' שלא ישנו תינוקות", דארף מען אבער האבן א טעם דערפאר. און דער אמת איז, אז איך האב נאך נישט געהערט קיין טעם. אבער ווען דו האסט מיר געפרעגט, איז מיר איינגעפאלן א טעם, נאר איך האב דיר נישט געוואלט ענטפערן אויפ'ן ארט, כדי דו זאלסט דיר אויסלערנען, אז א מנהג דארף מען מקיים זיין, אפילו ווען מ'ווייסט נישט דעם ריכטיגן טעם. ווייל דאס איז דער תכלית, מיר זאלן מקבל זיין אויף זיך דעם עול פון די אמונה און תורה, כאטש מ'ווייסט נישט דעם טעם. און איצט הער אויס דעם טעם: עס איז דאך באקאנט, אז אלעס וואס מיר טוען אין די נאכט, קומט דערמאנען די גרויסע חסדים וואס דער הייליגער באשעפער האט מיט אונז געטאן. און לכאורה איז א וואונדער, פארוואס מאכן מיר נישט קיין זכר צום גרויסן נס פון "לא יחרץ כלב לשונו", אז קיין איין הונט האט נישט געבילט אין די נאכט? דאס איז דאך געווען א גרויסע וואונדער?! נאר חז"ל זאגן (פסחים קיג), אז א מענטש זאל נישט וואוינען אין א שטאט וואו ס'איז נישטא קיין הינט, ווייל עס איז א סכנה פון גנבים. און מיט דעם וואס מ'גנב'עט דעם אפיקומן ווייזט מען, אז אין מצרים האט א הינט נישט געבילט, ממילא האט מען געקענט יענע נאכט גנב'ענען.

---

**אויסגענארט דעם דאקטער:**

### צו דערציילןביים פסח טיש

ווען דער הייליגער אמרי חיים זי"ע איז אמאהל שוואך געוועו, איז איהם א דאקטער געקומען באזוכן, ווען דער דאקטער איז אנגעקומען האט דער רבי געפרעגט דעם דאקטער צו ער מעג עסן "חריין" מיט די פלייש. האט איהם דער דאקטער געענפערט: "חריין איז זייער נישט גוט פאר אייך". האט איהם דער רבי ווייטער געמוטשעט, אז ער האט זייער שטארק ליב צו עסן חריין מיט פלייש. האט איהם דער דאקטער געענפערט: "אויב דער רבי האט אזוי שטארק ליב צו עסן חריין מיט פלייש, קען ער דאס עסן". ווען דער דאקטער איז שפעטער ארויס, האט זיך דער רבי אויסגעדרייט צו זיין גבאי און געזאגט: "קוק אהן א נארישן דאקטער, "חריין האב איך ליב?", איך ווייס גאנץ גוט אז מען וועט מיר נישט לאזן עסן פסח דעם מרור, וויבאלד איך בין נישט אזוי געזונט האב איך מיר געוואלט פארזיכערן. איך וויל אז דו זאלסט זיין ביים סדר פסח ביינאכט, און דו וועסט זיין דער "עד" אז דער דאקטער האט געזאגט אז איך מעג עסן דעם "מרור."

---

### מען דארף זיך אליינס דערנענטערן:

דער הייליגער אמרי חיים זי"ע, האט אמאהל אויפ'ן וועג אהיים פון שוהל, געפרעגט זיין גבאי: "וואס הערט זיך?", האט דער גבאי געענפערט: "עס דערנענטערט זיך שוין דער הייליגער יום טוב פסח. האט דער רבי איהם צוריק געענפערט: "דאס אז דער יום טוב פסח דערנענטערט זיך, דאס ווייס איך, אבער ווי אזוי דערנענטערסט דו זיך צום יום טוב פסח.

---

### מען קען זיך שוין זעצן צום סדר:

דער הייליגער אמרי חיים זי"ע האט זיך אמאהל אנגערופן, מיט זיין הייליגער עניוות: "עס ווערט געברענגט אין ספרים הקדושים, אז א מענטש דארף זיך מקדש ומטהר זיין און זיך צוגרייטן צום הייליגן יום טוב. איך אבער מיט וואס האב איך זיך צוגעגרייט צום הייליגן יום טוב פסח."

א ווייל שפעטער האט ער אויסגעפירט: "איין זאך בארואיגט מיך, ווייל איך האב געגעבן געלט פאר ארימערלייט אויף מעות חטים. יעצט וועלן זיי זיך קענען זעצן צו א לעכטיגן סדר. מיט דעם זכות קען איך זיך אויך זעצן צום סדר.

---

דצ"ך עד"ש באח"ב: אין די צייטען וואס די רשעים פלעגן יעדע יאהר אויסטראכטן אויף די יודן בלוט בלבולים (אז די יודן באנוצען זיך מיט גויאישע בלוט אין זייערע מצות), האט מען אמאהל געצווינגען די יודישע רבנים זיך צו טענה'ן מיט די גלחים, און אויפווייזען ווער עס איז גערעכט. האבן זיך די גלחים אנגערופען: "מיר האבן אן אפענע באוויז אז דאס אלעס איז אמת און די יודן באנוצען זיך מיט גויאישע בלוט, ווייל זיי זאגן אין די הגדה ווערטער מיט ראשי תיבות: "דצ"ך", - וואס דאס מיינט: "דם צריכים כולנו"! (מיר אלע דארפן האבן בלוט) האבן די רבנים אויף דעם צוריק געענטפערט: "טאקע, די ווערטער זענען ראשי תיבות, אבער

זיי מיינען פונקט דאס פארקערטע פון די רייד פון די גלחים! די ווערטער מיינען: "דצ"ך" - "דברי צוררנו כזב" (די רייד פון אונזערע פיינד זענען ליגענד). "עד"ש" - "עלילת דם שקר" (די בלוט בלבול איז שקר), "באח"ב" - "בני אברהם חלילה בזאת" (קינדער פון אברהם אבינו מעגן דאס נישט טוהן, צו עסן בלוט)...

---

ר' אייזק'ל קאליווער איז געווען א מחותן מיטן עטרת צבי (צבי בן הינדא) איינמאל פארפאר פסח האט גערופן דער הייליגער קאליווער זיין זיהן אויף פסח דער שניר האט נישט געהאט קיין חשק ציפארן איז זי געגאנגען פרעגן איר טאטע דער עטרת צבי צי זי זאל פארן אויף פסח קיין קאליב האט ער געזאגט פאר איר אז זי זאל יא פארן.

ווען איז געקימען צים סדר האט מען געווארט אז דער קאליווער זאל אנהייבן. און ער דרייט זיך ארום ביז שפעט ביינאכט און ער הייבט נישט אן. און פליצלינג קימט אן א פערד און וואגן און עס קימט אראפ פון די וואגן דריי הערן מיט פיר פרויען און דער קאליווער רופט זיי אריין און ער שמיסט מיט זיי א שטיק צייט אין ער באגלייט זיי ארויס און נאכדעם האט ער אנגעהויבן דעם סדר. זי דער שניר האט עס נישט געפאלן זי איז שוין געווען נערוועס א גאנץ יו"ט זי האט שוין געוואלט אהיים פארן גלייך נאך יו"ט זי איז געווען ציגעוואנט פון זידטשוב עס איז געווען א אנדערע נוסח.

ווען זי אהיים געקומען האט איר דער טאטע געפרעגט נא וויאזוי איז געווען יו"ט.

האט זי אנגעהויבן פארציילן מיט די דריי הערן און מיט די פרויען.

האט דער עטרת צבי איר פארציילט וואס דארט איז פארגעקימען

דער הייליגער קאליווער האט נישט געוואלט אן הייבן דעם סדר ווילאנגט מען זאגט אים צי די גאולה שלימה.

ביז עס זענען געקימען די אבות הקדושים פון גן עדן אים צי בארואיגן אז עס איז נאך נישט דער צייט און מען וועט אינז בקרוב אויסלייזן אין דעמאלסט האט אן געהויבן דעם סדר

---

שמעתי מהרה"ק רבי יעקב מפשעווארסק זי"ע, אז הרה"ק ר' קאפיל ליקיווער זי"ע, האט געהאט א וויין געשעפט, אין יעדעס יאר פאר פסח איז געקומען האט ער עס פארקויפט צו איינער פון דער גוים פין דער שטאט, איין יאר פאר פסח האבען זיך דער גוים פין שטאט אפגעשמועסט איינער דער צווייטער אז דאס יאר גייען זיי דאס נישט אפקויפען פון ר' קאפיל, אזוי גייט ער דאס מוזען מפקיר זיין, וועט דאס זיין אסאך בעסער פאר אונז. וכך הוה עס קומט ערב פסח און קיינער וויל עס פון אים נישט אפקויפען. איז גלייך פאר פסח האט ער דאס מפקיר געווען. איז געשעהן א נס אין ס' איז געווארען א טייך ארום דער געפעפט אין דער גוים האט נישט געקענט צו קומען דערצו. ר' יענקעלע זאגט אז ער האט געהערט נאך א גירסה, אז עס זענען דארט אנגעקומען גרויסע הינט אין דער גוים האבען מורא געהאט צו צוקומען צו דעם געשעפט.

---

די מעשה האב איך געהערט פון ר' יח"ג ער האט עס נאכגעזאגט פון פאפא רב ז"ל אז דער סאטמאר רב ז"ל האט דאס געזאגט אין סאטמאר ביים שבת הגדול דרשה.

איך קען מיך נישט דערמאנען ביי וועלעכע צדיק דאס איז געווען
און דער צדיק האט געמאכט ג גרויסע הכנה אויף יו״ט מיט א גרויסע טירחה ער האט אליין געשניטן די ווייץ און באצאלט שווערע געלטער פאר שמירה אין ערב יו״ט און שטיב איז געווען א משרת אין שטיב אין זי האט דארט געהאט א קינד און דאס קינד האט געמיטשטעט אז ער טיז הינגעריקט האט זי בטעות געגעבן פוון די שמירה מצות און נאכדעם וואס זי האט ציבראכן די מצות האט זי זיך געכאפט אז דאס איז די שמירה מצות איז זי אנטלאפן זי האט נישט געוואלט דארט זיין בשעת דער צדיק גייט זיך בייזירן אין די רעבצין איז אויך אוועק געגאנגען זי האט נישט געוואלט דארט זיין בשעת ער גייט זיך בייזירן

ביינאכט נאך מעריב ווען דער צדיק איז אהיים געקומען האט ער געזען אז די רעביצן איז נישט אינדערהיים האט ער זיך אראפ געזעצט לערנן ווען זי האט געטראכט אז איר מאן האט זיך שוין בארואיגט איז זי אהיים געקומען און ער האט זיך אנגערופן נא לאמיר אנהייבן דעם סדר האט זי באמערקט אז איר מאן ווייסט נאכנישט וואס דא איז פארגעגאנגען האט זי אויסגעבראכן און א געוויין וואס דא האט באסירט האט ער איר בארואיגטעס איז דאך דא אנדערע מצות אויך ער האט זיך ניטאמאהל געקימען בכלל און קפידא דאס האט דער סאטמערע רב באווינדערט נישט אז ער האט זיך שנעל ברואיגט נאר ער איז בכלל נישט געקומען און כעס......( די מעשה וואס דער סאטמאר רב האט דעציילט האט פאסירט מיט ר׳ משולם אוגרא פון פרעשבורג)

---

ווען דער גאון ר׳ שלמה מינץ ז״ל איז אויפגענומען געווארן אלס רב, האט נאך דער פריערדיגע רב געלעבט, נאר צוליב זיין עלטער און צוליב זיינע שוואכע כוחות האט ער זיך אליין אפגעזאגט פון זיין רבנות. ווען ר׳ שלמה האט געהאלטן זיין ערשטע דרשה האט ער געוואלט טרייסטן דעם אלטן רב מיט אט די ווערטער.
די גמרא (ברכות כז:) דערציילט אז ווען מען האט אנגעטראגן דאס נשיאות פאר רבי אלעזר בן עזריה האט ער געענטפערט פאר די חכמים ״איזל ואמליך בדביתהו – איך וועל גיין זיך אדורך רעדן מיט מיין ווייב. האט זיין ווייב אים געזאגט, ווער ווייסט צו מען וועט דיר נישט אפזאגן פון די נשיאות אין די שפעטערע יארן? און אויב אזוי לוינט זיך נישט אנצונעמען דעם פאסטן? האט רבי אלעזר בן עזריה גענטפערט, אז צו זיין דער נשיא פון כלל ישראל לוינט זיך אפילו אויף איין טאג. האט זי ווייטער געפרעגט, דו האסט דאך נישט קיין ווייסע בארד, און די חכמים וועלן דיר נישט מכבד זיין, און נישט צוהערן דיינע רייד? איז געשעהן א נס אז עס איז געוואקסן ווייסע האר אויף זיין בארד, און דאס איז וואס רבי אלעזר בן עזריה האט געזאגט ״הרי אני כבן שבעים שנה.״
האט ר׳ שלמה מינץ געפרעגט, וואס איז דער שייכות פון דיביידע פראגעס וואס זיין ווייב האט אים געפרעגט ״אפשר וועט מען דיר אפזאגן פון דיין נשיאות״, און ״דו האסט דאך נישט קיין ווייסע בארד?״
נאר מען קען ענטפערן בדרך צחות, אז אויב מען זאגט אפ א יונגער רב פון זיין רבנות איז דאס א גרויסער בזיון פאר אים, ווייל ווי ער גייט וועט מען טייטלען מיט די פינגער ״אט גייט דער אלטער רב״, און א יעדער וועט וויסן אז מען האט אים אפגעזאגט פון זיין רבנות. אבער אויב מען זאגט אפ אן אלטער רב פון זיין רבנות איז דאס נישט אזא בזיון, ווייל ווען מען וועט טייטלען אויף אים ״אט גייט דער אלטער רב״ וועט מען נישט וויסן אז מען האט אים אפגעזאגט פון זיין רבנות, נאר מען וועט מיינען אז ער איז נאך אלס רב, נאר מען רופט אים ״אלטער רב״ צוליב זיין עלטער.
דאס האט די ווייב פון רבי אלעזר בן עזריה אים געזאגט, ״אפשר וועט מען דיר אפזאגן פון דיין נשיאות״, און ״דו האסט דאך נישט קיין ווייסע בארד״, אז מען זאל קענען זאגן ״אט גייט דער אלטער נשיא״ וועט מען נישט מיינען אז דו ביסט נאך אלס דער נשיא, נאר אלע וועלן וויסן אז דאס מיינט דער געוועזענער נשיא, און צוליב דעם וועט דער בזיון זיין זייער גרויס...

צו דערציילןביים פסח טיש

---

**"מתחלה"... "ועכשיו..."**

אמאל איז געקומען א איד צו דער הייליגער ר' ברוכ'ל קאסובער זי"ע און ער האט אים דערציילט אז ער האט לעצטענס חתונה געמאכט זיין טאכטער. האט אים דער רבי געפרעגט: וועמען האסטו גענומען פאר אן איידעם? האט אים דער איד געענטפערט: א "היינטיגע" בחור, מיינענדיג צו זאגן אז ער איז א פארגעשריטענער בחור וואסליידט נישט פון איבריגע יראת שמים.

האט אים ר' ברוכ'ל געענטפערט: פונקט פארקערט, מיר זאגן אין די הגדה "מתחלה עובדי עבודה זרה היו אבותינו, ועכשיו קרבנו המקום לעבודתו". לויט די ווערטער איז דיין איידעם אן "אמאהליגער בחור."

---

**אשר פסח על בתי בני ישראל**

עס ווערט דערציילט אז אין א געוויסע שטאט האט געוואוינט א קארגער גביר מיטן נאמען "אברהם", וואס פלעגט שטענדיג איינקויפן אין די גוי'אישע געשעפטן, טענה'נדיג אז זיי זענען ביליגער.

איינמאהל שפאצירענדיג אין גאס האט זיך דער רב מיט אים באגעגענט, און דער רב האט אים ווארעם באגריסט: "א גוטן טאג ר' פסח"!

"מיין נאמען איז נישט פסח," האט דער גביר זיך אנגערופן, "איך הייס אברהם".

"דו פארשטייסט נישט," ענטפערט דער רב געלאסן, "איך האב דיר דווקא גערופן פסח, ווייל פארוואס הייסט דער יום-טוב פסח אזוי, ווייל דער אייבערשטער האט איבערגעהיפט איבער אלע אידישע הייזער און איז נאר געגאנגען צו די גוי'אישע הייזער. דו טוסט אויך אזוי, דעריבער רוף איך דיר ר' פסח"...

---

**מצות שמורה**

איינמאהל נישט לאנג פאר פסח איז א ארימאן אריינגעקומען צו דער הייליגער ר' דוד'ל לעלובער זי"ע, אנגעמיטשעט פון א שווערע וועג, הונגעריג און דורשטיג. דער הייליגער צדיק האט ארומגעקוקט אין זיין ארימע הייזקע און ער האט גארנישט געטראפן צו קענען געבן צו עסן פאר דעם אורח.

איז ר' דוד'ל גלייך צוגעגאנגען צו דעם באהאלטענעם זעקל פון "שמורה מעהל" וואס ער האט געהאט אוועק געלייגט פאר מצות לכבוד פסח, און ער האט דערפון שנעל אפגעקאכט א געקעכטס פארן אורח.

ווען זיין משפחה האט זיך זייער געוואונדערט אויף זיין אויסערגעווענדליכע אהבת ישראל וואס ער האט דא ארויסגעוויזן, האט זיי דער צדיק מסביר געווען: די הלכה פון

**צו דערציילן ביים פסח טיש**

מצות שמורה לערענט מען ארויס פון ״ושמרתם את המצות״, פון דעם זעלבן פסוק לערענט מען ארויס אז ״מצוה הבאה לידך אל תחמיצנה – אז א מצוה וואס קומט דיר אונטער זאלסטו נישט נאכלאזן. דעריבער ווען עס איז מיר אונטערגעקומען אזא חשוב'ע מצוה האב איך עס נישט געוואלט אדורכלאזן.

---

**הבולע מרור לא יצא**

**דער ישמח ישראל האט אמאהל**

גערעדט פון דעם ענין פון מקבל זיין יסורים באהבה, און זיך נישט אפרעדן דערויף, נאר גאר פארקערט זיך פרייען מיט דעם. האט ער געזאגט: די גמרא זאגט דאך אז אויב מען שלינגט אראפ די מרור איז מען נישט יוצא די מצוה, נאר מען דארף דאס גוט צוקייען, דאס קומט מרמז צו זיין אז יסורים דארף מען גוט אדורך קייען...

---

**כל מקום שאין מכניסים בו חמץ**

עס ווערט דערציילט אז איינמאל אין די נאכט פון בדיקת חמץ איז דער הייליגער ״אהבת ישראל״ זי״ע ארומגעגאנגען אין שטוב מיט גרויס התרגשות, זייענדיג מקיים די מצוה פון בדיקת חמץ, און זיין פנים האט געפלאמט מיט א אור פון קדושה וטהרה. ווען ער האט געענדיגט בודק חמץ צו זיין, האט ער זיך אנגערופן צו הרב החסיד המפורסם ר' מרדכי חָנָה: ״נו, יעצט זאלסטו בודק זיין די חמץ וואס ליגט ביי מיר אין הארצן.״ מיינענדיג ברוב ענותנותו די 'עבירות' פונעם אהבת ישראל. ר' מרדכי חנא האט זיך אבער נישט פארלוירן, און האט גלייך געענטפערט מיטן מאמר המשנה: ״כל מקום שאין מכניסין בו חמץ אין צריך בדיקה״, אז אין א יעדע פלאץ ווי מען ברענגט דארט נישט אריין קיין חמץ דארף מען נישט בודק זיין...

---

**די מצה שמורה פון ר' משה לייב סאסובער**

צוויי טעג בעפאר פסח האט ר' משה לייב סאסובער זצ״ל זיך גענומען גרייטען צו גיין צו די דארף וואס איז נאנט געווען צו זיין שטאט, כדי ער זאל זיך אליין אנגרייטן ״קמחא דפסחא״ פון ווייץ וואס איז געווארן געהיטן משעת קצירה ביי יאסקע פויער.

יאסקע איז געווען אן אפגעהיטענער איד ער האט זיך געפירט יעדעס יאר אריין צונעמען צווי בינטלעך תבואה באלד נאך דעם שניט אין זיין שטוב אריין, און דער רבי פלעגט זיי ביי אים קויפן און גוט באצאלן, ווייל יאסקע האט גוט אפגעהיטן אלעס וואס מען האט אים געזאגט, אויך א האנט מיל האט יאסקע געהאט ביי זיך אויף וועלכע דער רבי האט געמאלן דעם ווייץ אויף מעהל ״לשם מצות מצוה.״

ווען דער רבי איז געקומען אין דארף אריין, און איז אריינגעקומען צו יאסקע פויער האט ער שוין געפונען אלעס

גרייט פאר אים אין בעסטן ארדענונג, אין דעם קליינעם צימער וואס איז געווארן אנגעגרייט פאר אים איז געשטאנען די קליינע האנט מיל פארדעקט מיט א ווייס טישטוך און האט שוין געווארט אויף דעם רבי'ן, יאסקע האט אויך אנגעזאגט זיין גאנצע בני בית ס'זאל זיך קיינער נישט וואגן אריינצוגיין אין אט דעם צימער. און אזוי ווי דער רבי האט נאר איבערגעטרעטן יאסקעס שוועל האט אים יאסקע מיט א פארבארגענער גאוה געוויזן וואס ער האט פאר אים אנגעגרייט, ער האט אים אויפגעדעקט די מיל און אים געוויזן די מילשטיינער וואס ער האט אויסגערייניגט, דער רבי האט ארויסגעוויזן זיין גרויסע הנאה ווי אזוי אזא פראסטער איד פירט אלעס אויס מיט אזא זהירות. דערנאך האבן זיי אנגעהויבן ארבעטן, דער רבי האט זיך ארויפגעשארט די ארבל, יאסקע האט אים דערלאנגט דעם זאק וואס האט געהאנגען אויף דער וואנט כדי עס זאל ווערן אפגעהיטן פון א דבר חמץ, מיט גרויס זהירות און מיט גרויס כוונה האט דער רבי אנגעפולט א הויפן, און אים אריינגעשיט אין דעם מיל אריין און אנגעהויבן צו מאלן, ווער דעם רבינ'ס הענט זענען מיד געווארן איז יאסקע צוגעגאנגען און געמאלן, אזוי האבן זיי זיך כסדר געטוישט ביז זיי האבן פארענדיגט דאס מאלן.

בשעת דעם מאלן האט דער רבי דערציילט פאר יאסקע'ן פארשידענע מעשיות און יאסקע איז געשטאנען און זיי גוט אויסגעהערט, ער האט געפרעגט דעם רבי'ן קשיות און דער רבי האט אים כסדר געגעבן צו פארשטיין יעדע זאך, זייער זיס איז געווען ביי יאסקע די ארבעט, זיין פנים האט געשיינט פון חן און פון יראת שמים'דיגער באגייסטערונג זיינע ארבל זענען געווען ארויפגעשארט ביז צו די אקסלען, זיינע הענט האבן פעסט אנגעהאלטן די שטאנגען פון דער מיל און ער איז געשטאנען מיט גרויס אונטערטעניגקייט "אפשר וועט ער נאך קענען הערן א ווארט פון רבי'ן"? א גאנץ יאר ווארט ער אויף אט די געלעגנהייט האט יאסקע געטראכט ער האט זיך נישט געקענט איינהאלטן און אנגעהויבן אויסגיסן זיין ביטער הארץ פאר'ן רבי'ן וועגן זיינע צרות און וועגן זיין קנאפע פרנסה אין דארף פון וועלכן ער קען זיך נישט אויפהאלטען, נישט איינמאל - האט יאסקע געזאגט - ליידן מיר הונגער און נויט און מיין משפחה לעבט מיט טרוקן ברויט ער האט אויך אנגעהויבן צו קלאגן וועגן דעם לעבן שבין אדם למקום און דארף עס איז נישט דא קיין מנין בציבור און איך בין דורשטיג צו הערן א אידיש ווארט וואס קען איך טאן? האט יאסקע ביטער אפגעזיפצט.

און דער רבי שטייט און הערט אים גוט אויס און טרייסט אים מיט פארשידענע טרייסט ווערטער לאז אפ די דאגות וועסט זעהן עס וועלן קומען טעג ווען דער אויבערשטער וועט דיר העלפן און דאן וועסטו וואוינען און דער שטאט, וועסטו קענען יעדן טאג גיין אין בית המדרש אריין צום דאווענען, פארלאז דיך אויף דעם אויבערשטען און ער וועט דיר פארבעסערן דיין מצב, א שווערער שטיין איז געווארן אראפגענומען פון יאסקעס הארץ נאך אט די דאזיגע טרייסט ווערטער פון דעם רבי'ן.

דער טאג איז שוין געווען באלד פאראיבער, און דער רבי האט זיך געשטעלט דאווענען מנחה ער האט יאסקען באצאלט וואס ער קומט אים ער האט אים מיט זיין גאנצע בני בית געבענטשט און גענומען דאס זעקל אויף די פלייטסעס און קושענדיג די מזוזה האט ער פארלאזט זיין וואוינונג און איז צוריק געגאנגען אהיים, די קעלט ביינאכט איז געווען א שטארקע זי האט אריינגעדרינגען אין זיינע אברים אריין, אבער ער האט גארנישט געפילט ער איז געווען פארנומען מיט הויכע געדאנקען... פול מיט שמחה וואס ער האט זוכה געווען צו מאלן דאס מעהל בכשרות אן קיין שום מכשול ח"ו האט ער געלויבט השי"ת, וואס ער האט אים אלעס אנגעגרייט און ער האט זיך גענומען גרייטן צום באקן מצות.

פאמעליך איז ער דורכגעאנגען דעם וועג ביז ער איז געקומען צו די שטאט, וועלכע איז געווען איינגעהילט אין שלאף, נאר אין איינעם פון די קליינע הייזלעך האט זיך געהערט אין דער שטילקייט פון דער נאכט א געוויין. דער צדיק האט זיך שנעל געאיילט אין דערריכטונג פון וואנען דאס געוויין איז געהערט געווארן, און אזוי ווי ער איז אריין אין דער הייזקע הערט ער די שטימע פון קליינע קינדערלעך.

מיט א קלאפנדיגע הארץ איז ער צוגעגאנגען צו דער טיר פון דעם צימער וואו די קינדער זענען געווען און געפענט די טיר און אריינגעקומען אין שטוב אריין, אין שטוב איז געווען פינסטער די קינדער הערנדיג ווי עס קומט אריין א פרעמדער מענטש האבן זיך דערשראקן און האבן זיך אלע באהאלטן אין א ווינקל, און דאס געוויין איז געווארן העכער און

העכער.
וואס איז אייך קינדער? - האט דער רבי געפרעגט הויך האט איר מורא דא אליין צו זיצן וועל איך מיט אייך דא זיצן, האט נישט קיין מורא וואו איז די מאמע וואו איז דער טאטע?
די דאזיגע ווייכע ווערטער האבן בארואיגט די קינדער און איין קינד האט געענטפערט מיט א געוויין מירווארטן שוין אויף איר א גאנצן טאג מיר ווייסן נישט וואו זי איז, נאך אט די ווערטער פון דעם קינד האבן אלע אנגעהויבן נאך מער צו וויינען - מיר זענען הונגעריג מיר האבן נישט געגעסן א גאנצן טאג ברויט איז נישט דא - וואס איז דא צו טאן האט דער רבי געקלערט מיט וואס קען מען זיי דא העלפן ? פלוצלינג איז אים א געדאנק געקומען אין קאפ אריין דאס מעהל, ס'איז דאך סכנת נפשות וכל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא, און נאך דערצו קליינע קינדער וואס האבן גארנישט געזינדיגט... ער האט שנעל ארויסגענומען א שטיקל ליכט פון זיין טאש און באלד געמאכט ליכטיג אין שטוב, ערשט איצט האט דער רבי געזעהן ווי גרויס די ארעמקייט איז דא, די קינדער זענען ווי קאלעך, ציטערן פאר קעלט, די קליידער זענען צעריסן און אלע קוקן אויף אים ווי אויף א מלאך המושיע. ער האט געזוכט אין גאנצן הויז און גארנישט געפונען, ער האט שנעל איינגעהייצט דעם אויווען צוגעשטעלט א קעסל וואסער און ווען דאס וואסער איז געווארן הייס האט ער גענומען די שיסל וואס איז געשטאנען נעבן דעם אויוון און האט אנגעהויבן צו קנעטן א טייג, ער האט געמאכט פון די טייג קיכלעך און האט זיי אריינגעלייגט און קעסל וואסער ביז זיי האבן זיך אפגעקאכט, דערנאך האט ער יעדן קינד געגעבן צו עסן, די קינדער נאכדעם ווי זיי האבן זיך אנגעגעסן צו דער זאט זענען אנטשלאפן געווארן אויף זיין שויס, דער רבי איז אויפגעשטאנען האט זיי געבעט דאס בעט און זיי געלייגט שלאפ,ן צוגעשלאסן די טיר און ווייטער געגאנגען זיין וועג אהיים.
אזוי ווי ער איז נאר ארויסגעגאנגען איז אנגעקומען פון דארף די מוטער פון די קינדער, זי האט ארומגעוואנדערט א גאנצן טאגח צו געפינען עפעס צו עסן פאר די קינדער, ווען זי איז אריינגעקומען אין שטוב און געזעהן ווי די קינדער שלאפן במנוחה און ווען זי האט שפעטער געהערט וואס עס איז געשעהן איז זי געווארן דערשטוינט "נישט אנדערש " האט זי געזאגט "נאר אליהו הנביא איז דא געווען"... אהיימקומענדיג האט דער רבי זיך געקויפט געוועגליכע ווייץ, זיי געמאלן און געבאקן מצות אזוי איז דער רצון הבורא... אלעס מן שמים... האט ער אינזין גגעהאט. ס'איז געקומען די סדר נאכט דער רבי ר' משה לייב מסאסוב איז זיך געזעסן ביים סדר ווי א מלך און האט געזאגט די הגדה מיט גרויס התלהבות און דביקות, און די גרויסע און הייליגע חבורה זיצט ארום אים אזוי ווי ער האט נאר טועם געווען דעם טעם מצה האט ער געזאגט "איך האב נאך קיינמאל נישט טועם געווען אזא טעם אין דער מצה ווי איצט..."

---

## בזכות הפקר חמץ

אין דער שטאט פלאצק און אין דער גאנצער ארומיגער סביבה, האט אין זיין צייט געקלונגען דער נאמען פון די אידישן ארענדאר ר' רפאל דאבזשינסקי ע"ה.
דאס איז געווען אן ארענדאר פון א גאר באזונדערן טיפ, גוועגדליך זענען די ישובעיקעס די דארף'ס אידען געווען זייער פשוטע מענטשן, פארגרעבטע, מגושם'דיג פון דער פויערשער סביבה, אין וועלכער זיי האבן אלע יארן געלעבט, ווייט פון אידן, פון א שול, און פון א תלמוד תורה, אנדער איז אבער געווען ר' רפאל א איד א תלמיד חכם, אויף א גרויסע פארנעם, א אוהב תורה א מדקדק במצות מיט א ברייט אידיש הארץ פאר צדקה און מעשים טובים, און דאך האט ער געהאלטן אין ארענדע די קרעטשמע, ביים דארף פראנטשען.
א גאנצע וואך איז ר' רפאל געזעסן אין דער קרעטשמע, וואס האט זיך געפונען ביים שאסיי ביים הויפט וועג, וואס האט זיך שטענדיג געטומעלט מיט מענטשן, בעלי עגלות וואס ה

אבן געפירט וואגאנען מיט סחורה פון דער שטאט פלאצק אין די קליינע שטעטלעך, פוס גייער און פעדלער מיט פעק סחורה, וואס זענען פארקויפט געווארן אין די דערפער, חסידים פארענדיג צו זייערע רביים, סתם ארחי פרחי מדינה גייער, ווי מען האט זיי דעמאלטס גערופן - אלע האבן זיי אין דער קרעטשמע פון ר׳ רפאל׳ן געפונען א ווארימע חיים, אן ארט אפצורוען די מידע ביינער, כאפן דעם אטעם, אפעסען א זאטן מאלצייט, אויסרוען זיך אויף א גוטע געלעגער, און ווייטער גייען זייער וועג. תמיד זענען די טישן אין גרויסן גאסט הויז געווען געגרייט, אין דער קיך האבן זיך געקאכט גרויסע טעפ מיט שמעקעדיגע מילכיגע גריצן, און א משרת צו באדינען די אורחים איז כסדר געשטאנען אויפ׳ן פלאץ. ר׳ רפאל און זיינע מענטשן האבן נישט געפרעגט דער וואנדער צו ער איז א איד אדער, להבדיל, א גוי צו ער האט יא צו באצאלן אדער נישט, אלעמען האט ער אויפגענומען בסבר פנים יפות, אזוי אז עס האט זיך אויסגעדוכט דעם אורח, אז נישט ר׳ ראפל טוט אים א טובה נאר פארקערט ער דערהאלט גאר ר׳ ראפל׳ן ביים לעבן, דערמיט וואס ער עסט ביי זיין טיש..

און געפירט האט ער זיך ר׳ רפאל אז פרייטאג נאך האלבען טאג האט ער געשלאסן די קרעטשמע, אויף איבער שבת געפארן אין שטאט אריין, וואו ער האט פארבראכט דעם שבת׳דיגן טאג אין אן אטמאספערע פון תורה און קדושה, צווישן אידן לומדים און אנשי מעשה. האט זיך ר׳ רפאל מיט זיין ווייב געלעבט גליקליך און צופרידן, הגם זייערע גליק איז נישט געווען גאנץ, זיי האבן זקיין קינדער נישט געהאט דאך האבן זיין אלץ מקבל געווען באהבה, נישט מתרעם געווען קעגן דעם רבונו של עולם און נישט אויפגעגעבען די האפנונג אויף א ישועה.

איז דער נאמען פון דאזיגן איידעלן אידישן ארענדאר געווען באקאנט אויף ווייט און ברייט, אידן און להבדיל גוים האבן אים ליב געהאט, און פון ווייטע דערפער האבן פויערן געצויגן צו אים, גלויבענדיג אז אזא ביסל משקה וואס מען באקומט ביי רפאל׳קען באקומט מען נישט אין דער גאנצע מדינה. איז במילא דערמיט געוועקסן די שפע אין זיי הויז, און צוזאמען דערמיט אויך די קנאה שנאה ביי די שונאי ישראל וואס האבן קין מאל נישט געפעלט אין פולין.

מאכט זיך א אין דעם דארף וואו ר׳ רפאל האט געהלטן די קרעטשמע, איז אנגעקומען א נייער גלח א שונא ישראל, דער נייער גלח האט נישט געקענט צוקוקן ווי דער איד איז אזוי חשוב ביים המון און די פויערן ציען צו אים ווי בינען צו האניג, האט ער אין די זונטאג׳ס בעת זיינע דרשות גענומען העצן די גוים געגן דעם איד רפאל, פארשטעלען אים אין די טונקעלסטע פארבן, און אנגעוויזן ווי גרויס עס איז די זינד צו קויפן און צו שטיצן אזא איד. אבער די דאזיגע העצעס איז נישט אנגענומען געווארען, די פויערן האבן מער געגלויבט אין דעם פרומען איד ווי אין זייער גלח, די גיפטיגע פיילן האבן צו ר׳ ראפל׳ן נישט דערגרייכט.

זעענדיג אז מיט די פויערן וועט ער גארנישט מאכן, האט ער זיך פארלייגט אויפ׳ן פריץ, אויפקלערענדיג אים ווי גרויס עס איז זיין חטא, דערמיט וואס ער באנייט אלע יאר דעם קאנטראקט מיט דעם איד, פשוט דאס גיהנום וועט פאר אים זיין ווייניג פאר די חטא.

אבער אויך דער פריץ איז געווען צווישן די נאכפאלגער פון ר׳ רפאל׳ן און דערצו איז דער איד געווען זיין בעל יועץ, קיין זאך האט ער נישט געטוהן אן זיין עצה און הסכמה, ווייל זייט ער האנדעלט מיט אים, איז ער דער פריץ מצליח, ווערט רייכער פון טאג צו טאג האט דער גוט אויסעזידלט דעם גלח און אים שארף ערקלערט, אז אויב ער וועט נישט אפשטעלן זיינע העצעס קעגן דעם ארענדאר, וועט ער שוין זאגרן דערפאר, דאס מען זאל אים משלח זיין פון דארף.

אבער אויך נאך דעם דאזיגן דורכפאל האט דער גלח נישט רעזיגנירט, ביז ער האט פארטראכט א טיוולאנישן פלאן - היות ווי ער האט געוואוסט, אז אידן פארקויפן ערב פסח זייער חמץ צו א גוי, און א דאנק דעם זענען זיי נישט מחויב צו פארניכט און פארברענען דאס חמץ, און אויך רפאל פארקויפט חמץ׳דיגע בראנפען צו א ערל פון דארף, איז ער אוועק צום ערל און גענומען מט אים איינ׳טענה׳ן אז ער זאל היי יער נישט קויפן ביים אידישן ארענדער דאס חמץ.

פון אנפאנג האט דער גוי דערפון ניש געוואלט הערן, ער האט גע׳טענה׳ט אז שוין יארן ווי ער איז דער קונה אויף דער קרעטשמע, און אז ער באקומט דערפאר פינך קערבלאך במזומנים, אחוץ א קווארט שנאפס ערב פסח און א קווארט שנאפס מוצאי יו״ט, אויב אזוי פארוואס זאל ער פארלירן אזא לייכט גראשן.

דו באקומסט פון מיר גאנצע צען רובל, און פינף קווארט

בראנפן אלס צוגאב, האט דער גלח צו אים א זאג געטאן, א חוץ דעם וועלן פארגעבען ווערן אלע דיינע עבירות, וואס דו האסט געזינדיגט ביז היינט און וואס דו וועסט זינדיגן ביז צו דיין טויט, ווען אבער דו וועסט מיך נישט פאלגן, וועסטו קיין מאל נישט ארויס פון גיהנם, וועסט פארשאלטען ווערן די מיט דיינע קינדער אויף דורי דורות.

נאך אזעלכע רייד איז פאר אזא ארימער און אומוויסענדער פויער ווי ער איז געווען איז עס דעם גלח געלונגען אים איבערצורעדן, ער האט באקומען דאס געלד מיט די משקה און געשווארען ביים צלם, אז זיין פוס וועט מער נישט איבערטרעטן די שוועל פון דער קרעטשמע פון היינט ביז נאך דעם אידישן פסח.

פארטיג געווארן מיט דעם דאזיגן פויער, האט דער גלח עטליכע וואכן צייט געפרעדיגט אין קירכע ווי אויך אין די ארומיגע דערפער, אז דער יעניגער וואס וועט אפקויפן דעס חמץ ביים אידישן ארענדאר, וועט פארשאלטן ווערן פון "אותו האיש" צוזאמען מיט זיין גאנצער משפחה.

ערב פסח איז געקומען ביי ר' רפאל אין קרעטשמע איז שוין אלץ פאררוימט באהאלטן, צוגעגרייט צום הייליגן יום טוב, ער האט בלויז געווארט אז דער פויער זאל ווי יעדעס יאר אין דער צייט קומען צו אים, און אפקויפן דאס חמץ כדי ער זאל קענען פארן אין שטאט אריין אויף די גאנצע אכט טעג יום טוב. אבער דער גוי קומט נישט די צייט איז קורץ און מען זעהט נישט די גוי, לויפט ער אליין אריבער צום פויער צו זיין כאטקע, ערשט ער איז נישטא, אויסבהאלטן זיך, פראבירט ער א צווייטן גוי א דריטן, אבער אומזיסט. די פויערם וואלטן אוודאי חשק געהאט צום מסחר. אבער זיי האבן מורא פארן גלח און פאר דער הארבער שטראף, וואס ער האט ארויסגעגעבן. זעהט ר' רפאל אז עס איז שלעכט כאפט ער א פערד און לויפט אין א צווייטע דארף, צו זיינע באקנטע פויערן, אבער ווידער די זעלבע גשיכט, דער כלח האט קעגן אים גוט געבונטעוועט די ערלים. לויפט ר' רפאל צוריק אין קרעטשמע, אפשר איז געווארילא פארט געקומען, אבער זעענדיג, אז דער שעת ביעור חמץ איז נאענט און קיין "קונה" איז נישטא, האט ר' פאל פארשטאנען דאס ער שטייט פאר א גרויסן נסיון, א נסיות פון ארימקייט.

מסתמא איז עס א גזרה פון הימעל רופט אויס דער פרומער, ר' רפאל ער טראכט נישט לאנג, ער עפענט אלע קאמערן פון די סחורות און שטלעט זיך אוועק נעבן זיין קרעטשמע און רופט אויס אויף פוליש לשון, מיט א גרויסן קול.

איר זאלט וויסן אז איך האב מפקיר געווען אלע מיינע חמצ'דיגע זאכן, אלץ איז הפקר און ווער עס וויל קומען און נעמען פראנק און פריי...

אפגעזאגט דעם פסוק, שפאנט ער זיין פערד און וועגעלע, און פארט א ברייליכער, א צופרידענער אין שטאט אריין, וואו ער פראוועט א יום טוב מיט גרויס שמחה מיט אורחים ביי די טישן. מיט כל טוב ווי יעדעס יאר, פאר זיין ווייב ער נישט דערציילט וואס האט פאסירט, כדי איר נישט צו פארשטערן דעם יו"ט. תמיד פלעגט זיך ר' רפאל נוהג זיין, אז מוצאי יו"ט גלייך נאך הבדלה האט ער איינגעשפאנט דאס וועגעלע און געפארן אין דארף אריין, ווייל די קרעטשמע איז געווען פון באלד אין דער פריה באלאגערט פון פויערן וואס האבן שוין ארויסגעקוקט אויף אים גדי צו נעמען א טרונק בראנפען נאך די אכט ניכטערע טעג, דאס מאל האט ר' רפאל זיך נישט געאיילט, זאלן די פויערן זיך איינהאלטען ביז מארגן - האט ער געזאגט זיין ווייב.

אויף צומארגנס איז ער צוזאמען מיט זיין ווייב, געפארן אין דארף אריין, אויפ'ן וועג צו דער קרעטשמע האט ער אנגעטראפן א באקאנטן גוי פון זיינע שטענדיגע קונים, ער האט זיך מיט אים פריינדליך באגריסט און געזאגט: העי פאוועל ווי זענען אריבער די יום טוב'דיגע טעג? איר האט אוודאי זיך גוט אנגטרונקען מיט אומזיסטן בראנפן ביי מיר אין קרעטשמע, הַא?

מיר האבן קיין טרונק נישט געטאן פון אייערע בראנפען, גלייך ווי איר האט ערב אייער יו"ט פארלאזט דאס דארף און מיר האבן זיך געגרייט לאזן וואוילגיין, ווי דו האסט געזאגט, ערשט מיר גיבן א קוק און צוויי גרויסע שווארצע הינט שטייען ביי דער טיר פון דער קרעטשמע אויף שמירה און ווארפן זיך מיט א רוגזה אויף יעדן, וואס דערנטערערט זיך צו דער קרעטשמע אז איין גאט זאל שומר ומציל זיין, אויך איך אליין האב געפרואווט גליק דו ווייסט דאך אז איך בין נישט קיין שרעקעוודיגער, איך האב שטארק חשק געהאט צו באנוצען דעם האלדז מיט אומזיסטע משקה, אבער די צוויי כלבים האבן מיך שיעור נישט צוריסן אויף שטיקער, אזוי אז איך האב געדאנקט גאט וואס איך בין אנטלאפן פון זיי א לעבדיגער. ווען ר' רפאל איז געקומען צו דער קרעטשמע

## צו דערציילן ביים פסח טיש

זענען אים די צוויי כלבים אקעגנגעלאפן, געבויגן זיך צו אים מיט הכנעה, געלעקט זיינע און דאן זענען זיי אוועקגלאפן אין וואלד אריין, נעלם געווארן. האט ר' רפאל פארשטאנען אז די געשיכטע איז ווייט נישט קיים פשוט'ע, אבער דאך האט ער צו זיך געזאגט - אויף הימעל זאכן פארלאזט מען זיך נישט, די תורה איז נישט אין הימעל, די סחורה איז חמץ שעבר עליו הפסח און מען טאר דערפון נישט האבן קיין הנאה, מיט גרויס ישוב הדעת טרעט ער עפנען די קראנען אויסגיסן דעם בראנפן, ווען דאס ווייב האט דאס באמערקט האט זי אויפגעהויבן א געוואלד, און מיט גרויס בכיות און יללות האט זי קוים געפויעלט ער זאל מסכים זיין פארן אין שטאט צום גארן ר' לייביש חריף דער פלאצקער רב, הערן זיין פסק. ביידע תלמידי חכמים האבן זיך אריינגלאזט אין א שארפע לומדישן וויכוח, צו דער פרייד פון דער פרוי האט דער פלאצקער רב געפונען א היתר און גע'פסק'ענט אז דער בראנפען איז מותר בהנאה, עס איז געווען הפקר פאר אלעמען, ווייל ר' רפאל האט עס דאך מפקיר געווען און דאס וואס די גוים האבן נישט געקענט נהנה זיין דערפון ענדערט גארנישט די זאך.

אויפ'ן וועג אהיים האט ר' רפאל גענומען ביי זיך מאכן א חשבון הנפש: אמת טאקע, אז אין די פעסער בראנפן שטעקט זיין גאנץ פארמעגן, און אן דעם בלייבט ער אן ארימאן, אבער צי קען אזא איד ווי ער צוליב נגיעה זיך סומך זיין אויף א היתר בשעת הדחק, וואס דער רב האט מיט גרויס חריפות אויסגע'פשטל'ט און ווי איז אביסל מסירות נפש פאר א מצוה, און ווי איז ווארימקייט? ניין - ניין - איך וועל פון מעשה ניסים נישט נהנה זיין.

אהיימקומענדיג האט די פרוי זיך גענומען צו דער ווירשאפט ווי תמיד, און מער נישט געהיט דעם מאן, זייענדיד זיכער אז ער וועט זיך פארלאזען אויפ'ן היתר פון פלאצקער גאון, אבער אין א ווייל ארום ווען זי קוקט זיך אום, דערזעהט זי ווי דער גאנצער בראנפן ליגט שוין אין די גאס הפקר און די פויערן ליגן אויסגעצויגן אויף דער ערד און לעקן פון דעם ביטערן טראפן. די פרוי האט זיך שרעקליך צעוויינט און ווען זי איז געקומען צו זיך, איז זי געלאפן אין שטאט אריין, דערציילט דעם גאון פון איר אומגליק, און דערביי האט זיך געביערט: דאס פארמעגן האב איך פארלארן, קיין קינדער האב איך נישט, וואסזשע וועט זיין מיין סוף? דער גאון איז ממש ארויס פון די כלים, הערענדיג וואס ר' רפאל האט אפעטאן, א לענגערע צייט האט ער ארומגעשפרייזט א צוקאכטער איבער זיין צומער, דאן האט ער זיך אפגשטעלט נעבן די פרוי, און פייערליך א זאג געטאן - ר' רפאל'ס ווייב אהיים לחיים ולשלום, איך בין אייך מבטיח אין זכות פון מיין תורה, אין זכות פון אייער מאן'ס מסירות נפש פאר א מצוה, אז היי יאר וועט איר געהאלפן ווערן מיט א זון וואס וועט באלייכטן די אידישע וועלט מיט זיין תורה און צדקות.

און די ברכה פון ר' לייבוש חריף איז מקויים געווארן, צום יאר איז געבוירן געווארן ביים דאזיגן פאר פאלק דער בארימטער גאון און צדיק ר' אברהם טשעכטנאווער זצ"ל.

---

## ונצעק אל ה'

עס איז אמאל געווען א יוד וועלכער האט געוואוינט אין א דארף נעבן דער שטאט אפטא, און ער האט דארט געהאט א קרעטשמע וואס האט געהערט פאר א פריץ א גרויסער רשע, איינמאהל האט זיך געמאכט אז דער יוד האט נישט געהאט גענוג געלד צו באצאהלן דעם פריץ, וואס ער האט פארלאנגט, דער פריץ האט אים געווארענט אז אויב דער יוד וועט נישט באצאהלן דאס גאנצע געלד ביז צו די באשטימטע צייט, וועט ער אריינווארפן אין תפיסה אים מיט זיין גאנצע משפחה,

דער יוד איז געווארן זייער צובראכן, און ער האט נישט געוואוסט וויאזוי זיך אן עצה צו געבן, ער האט דאך נישט געהאט קיין געלד, ובפרט נאך אזוי פיל געלד ווי דער פריץ דער רשע האט פארלאנגט,

ביז דער יוד האט אנגעטראפן א גוטן חבר, און דער חבר האט

אויסגעהערט זיין פראבלעם, און האט אים געגעבן אן עצה, און געזאגט אז אזוי ווי נישט ווייט פון דא וואוינט דער הייליגער אפטער רב, (דער הייליגע אוהב ישראל) פאר אריבער צום גרויסן און הייליגן צדיק, און רעדט אויס דיין ביטער הארץ פאר'ן צדיק, און דער הייליגער צדיק וועט זיכער אוים פועל'ן פאר דיר א ישועה.

דער צובראכענער יוד האט אויסגעהערט זיין חבר, און ער האט מחליט געווען אז ער וועט פאלגען, און ער האט זיך תיכף געזעגענט פון זיין גאנצע משפחה, און זיך ארויס געלאזט אויף'ן וועג צו פאהרען צום הייליגען צדיק דער אפטער רב, ווען דער יוד איז אנגעקומען צום הייליגען צדיק איז פונקט געווען ערב שבת הגדול, האט ער געטראכט ביי זיך אז ער וויל נישט שטערן דעם הייליגען צדיק פאר שבת, ער וועט אריין גיין צום צדיק מוצאי שבת,

און ער איז אריין געגאנגען אין ביהמ"ד, זיך אנגרייטען צום הייליגען שבת, אזוי ווי דער יוד איז געווען א דארפסמאן, האט ער ליידער נישט געקענט לערנען, האט ער גענומען א תהלים און ערליך געבעטען דעם באשעפער, אז אין זכות פון דעם הייליגען צדיק זאל ער געהאלפען ווערן פון זיין צרה, און ער האט מיטגעהאלטן אלע תפלות גאנץ שבת מיט דעם הייליגען צדיק,

דער הייליגער אפטער רב האט זיך געפירט ווי עס ווערט געברענגט אין שולחן ערוך, אז שבת הגדול זאגט דער רב א דרשה, איז דער יוד אויך געגאנגען הערן די דרשה, ווי אלע יודן פון שטאט, כאטש ער האט געוואוסט אז ער איז נישט קיין תלמיד חכם און ער וועט נישט פארשטיין וואס דער הייליגער צדיק רעדט, דאך האט ער געטראכט אפשר וועל איך יא עפעס קענען פארשטיין, און ער האט אויסגעהערט יעדעס ווארט וואס איז ארויס פון דעם מויל פון צדיק,

אינמיטן דרשה, האט דער יוד געהערט ווי דער צדיק זאגט אז, די יודען אין מצרים, ווען זיי זענען געווען אינמיטן פון זייערע ביטערע צרות, האבן זיי נישט געוואוסט וואס מ'קען טוהן פטור צו ווערן פון די צרות, האבן זיי געדאווענט און געשריגען צום הייליגען באשעפער, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ונצעק אל ד' אלקי אבותינו, און דער הייליגער באשעפער האט צו געהערט צו זייער געשריי, און ער האט געשיקט משה רבינו העלפן די יודן פון זייערע צרות.

ווי נאר דער יוד האט געהערט די ווערטער פון דעם הייליגן צדיק, האט ער באלד פארשטאנען אז דער רבי האט אים געמיינט, אז ער זאל אויך טוהן אזוי ווי די יודן אין מצרים האבען געטוהן און שרייען צום הייליגען באשעפער, וועט דער באשעפער אים אויך העלפען פון זיינע צרות, אזוי ווי ער האט געהאלפן די יודן אין מצרים.

דער יוד איז געווארן מלא שמחה, און ער האט זיך מיישב געווען אז ער דארף שוין נישט אריין גיין צום צדיק, ווייל ער האט שוין פארשטאנען וואס ער האט צו טוהן, און גלייך מוצאי שבת, האט ער זיך צאם געפאקט זיינע פעקלעך און אהיים געפארען פול מיט שמחה, ווייל ער וועט שוין ווערן געהאלפען וויבאלד ער וועט דאווענען און שרייען צום הייליגען באשעפער, אזוי ווי דער צדיק האט געזאגט.

וויבאלד דער יוד איז אהיים געקומען האט דער גאנצע משפחה באמערקט אז ער איז זייער בשמחה, האבן זיי אים געזאגט מיר דערקענען אויף דיין פנים אז דער הייליגער צדיק האט דיר געגעבען דאס גאנצע געלד וואס מיר דארפ'ן געבן פאר'ן פריץ, ווייל דו ביסט אזוי פריילעך,

ניין! האט דער יוד געזאגט פאר זיין משפחה, די געלד האב איך נאך נישט, אבער די עצה וויאזוי מ'קען געהאלפן ווערן פון אלע צרות האב איך געהערט פון דעם הייליגען צדיק, דער צדיק האט געזאגט אז אויב א יוד האט א צרה, און ער דארף א ישועה, זאל ער טוהן וואס די יודן אין מצרים האבן געטוהן, זיי האבן געדאווענט און געשריגען צום הייליגען באשעפער, און דער באשעפער איז מקבל די געוויין און געשריי פון די יודישע קינדער, און ער העלפט זיי אין זייערע צרות, אזוי ווי ער האט געהאלפן די יודען אין מצרים, ממילא, האט דער יוד געזאגט פאר זיין משפחה, עס וועט באלד זיין יו"ט פסח, און ביים הייליגען סדר, ווען מיר וועלן אנקומען אין די הגדה צו די ווערטער ונצעק אל ד' אלקי אבותינו וועלן מיר אויך שרייען צום הייליגען באשעפער אזוי ווי די יודען אין מצרים האבן געטוהן און דער הייליגער באשעפער וועט אויף אונז אויך רחמנות האבן, און ער וועט אונז ארויס נעמען פון אונזער צרה.

פסח אויף דערנאכט, די גאנצע משפחה זיצט ביים טיש, און מ'זאגט די הגדה ערליך, ווען מ'איז אנגעקומען צו די ווערטער ונצעק אל ד' אלקי אבותינו האט די גאנצע משפחה זיך גענומען שרייען מיט גרויסע קולות, צום הייליגען באשעפער אז ער זאל זיי העלפן פון זייערע צרה,

## צו דערציילן ביים פסח טיש

פלוצלינג הערט מען א קלאפ אין טיר, מאכט אויף! שרייט איינער, האט רחמנות!, ווי נאר מ'האט געפענט די טיר האט מען געזעהן ווי עס שטייט דארט דער שכן דער גוי איוואן, צוקלאפט, צוביילט און צובלוטיגט פון קאפ ביז פיס, און ער וויינט און בעט זיך לאזט מיך אריין, האטס אויף מיר רחמנות, ווען מען האט אים אריין געלאזט אין שטוב האט ער דערציילט אז ער האט זיך צושלאגען מיט זיין זון, און זיין זון האט אים ביטער צושלאגן און כמעט געהרג'ט, און דערנאך ארויס געווארפן פון שטוב, דער יוד האט אים אנגעוויזן א שטוב ווי ער קען זיך אראפלייגען און צוריק קומען צו די כוחות,

פאר דעם ווי דער גוי איוואן האט זיך אראפגעלייגט האט ער גערופן דעם יוד אין א זייט און האט אים געזאגט , איך וויל מיט דיר רעדן אפאר ווערטער, איך פיל, זאגט איוואן, אז איך וועל נישט איבער לעבן די געהרג'טע קלעפ וואס מיין זון האט מיר געגעבן, איך וועל דיר יעצט מגלה זיין א סוד, איך האב אסאך געלט און איך וויל נישט אז מיין זון דער רוצח וואס האט מיך צוביילט און ארויס געווארפן פון שטוב זאל ירש'ן דאס גאנצע געלט נאך דעם וואס איך וועל שטארבען, וועגען דעם קום יעצט מיט מיר ארויס אין וואלד, וועל איך דיר ווייזען וואו איך האב באהאלטן מיין גאנץ פארמעגן, דאס וויל איך דיר געבן א מתנה ווייל דו האסט אויף מיר רחמנות געהאט.

ביז אפאר טעג איז באוואוסט געווארן אין די גאנצע דארף אז איוואן דער גוי איז געשטארבן, איז דער יוד געגאנגען אין וואלד און ארויסגענומען דאס גאנצע פארמעגן אזוי ווי איוואן האט אים געזאגט, און אויסער דעם וואס ער האט געקענט פון די געלט אויסצאלן פאר דעם פריץ די גאנצע חוב, איז ער געווארן א גרויסער עושר און געקענט שיקן זיינע קינדער אין די בעסטע ישיבות און זיי געקענט חתונה מאכן אויף דעם שענסטען אופן,

דאס אלעס האט פאסירט אין זכות וואס ער האט אזוי שטארק געגלויבט אין די ווערטער פון הייליגן צדיק דער אפטער רב.

---

## ריכטיג מקיים זיין "ביעור חמץ"

דער זיידע פון הייליגן חוזה פון לובלין (זיין מאמעס טאטע) רבי קאפל זי"ע וואס האט געוואוינט אין דארף "ליקעווע" איז געווען א סוחר פון וויין און ברוינפן כאטשער איז געווען א גרויסער צדיק האט ער זיך אליינס געפלאגט אויף פרנסה כדי נישט צו דארפן צוקומען צו קיין נדבות פון אנדערע

יעדן ערב פסח פלעגט ר' קאפל רופן א גוי און אים פארקויפן אלע פעסער ברוינפן וואס ער האט געהאט און נאך יו"ט האט ער עס צוריק אפגעקויפט.

און ווייטער געהאנדלט דערמיט איין יאר האבן זיך די גוים אין דארף אפגעשמועסט אז קיינער וועט נישט אפקויפן דעם ברוינפן פון ר' קאפל במילא וועט ער מוזן מפקיר זיין די ברוינפן כדי נישט צו האבן אינעם יו"ט פסח קיין חמץ ח"ו אין זיין רשות אזוי ארום וועלן זיי זיך קענען טיילן מיט די פעסער ברוינפן.

יענעם יאר האט ר' קאפל טאקע זייער פיל ברוינפן אינעם ווערד פון א גרויסן מארמעגן וואס ער געהאפט פון דעם צו האבן גענוג געלט חתונה צו מאכן זיינע טעכטער און אויך געבן א שיינעם נדן אבער ערב פסח ווען ר' קאפל האט גערופן דעם גוי פאר וועם ער פלעגט שטענדיג פארקויפן דעם חמץ האט דער גוי זיך ארויסגעדרייט מיט פוילע תירוצים אז ער קען נישט קויפן היי יאר דעם חמץ ר' קאפל האט געבעטן איין גוי נאכן צווייטען אבער יעדער האט געהאט אן אנדערן תירוץ און קיינער האט עס נישט געוואלט אפקויפן ר' קאפל איז געווארן זייער אומגעדולדיג אז עס איז שוין כמאט "סוף זמן ביעור חמץ" און זיין פארמעגן איז נאך נישט פארקויפט ווי נאר עס איז געווארן דער זמן פון "שריפת חמץ" האט ר' קאפל גענומען א וואגן און ארויף געלייגט דערויף זיין "גאנץ פארמעגן" אלע פעסער ברוינפן אן עס געטראגן צום ברעג

פונעמטייך און עס דארטן אראפ געווארפן זאגענדיג"כל חמירא" מיט גרויס כוונה עס איז אים געווען א געוואלדיגע שמחה אז ער איז איצט מקיימדי מצוה פון "ביעור חמץ" לויטן פשוט'ן פשט טראץ דעם וואס ער האט געוואוסט אז ער בלייבט יעצט אן ארימאן אויפן גאנצן לעבן די גוים זענען געשטאנען פון די זייט און זיך געריבן די הענט פאר פרייד אז אט אט וועלן זיי ווערן מיט א געוואלדיגע עשירות זיי האבן קוים געקענטווארטן ביז ר' קאפל וועט אנקומען אהיים.
רבי קאפל איז אנגעקומען אהיים מיט גרויס שמחה לויבענדיג השי"ת אז ער האט געהאט די זכיה עומד צו זיין בנסיון און אוועק ווארפן דעם חמץ מיטן גאנצן הארץ אבער זיין פרוי און קינדער זענען יא געווען זייער טרויעריג, אז זיי וועלן פלוצלונג ווערן ארימעלייט דעם גאנצן יו"ט איז ר' קאפל געווען זייער גוט אויפגלייגט און פרייליך אז ער האט אריינגעברענגט א שמחה אין די גאנצע משפחה.
מוצאי יו"ט ווען ר' קאפל האט גענדיגט "הבדלה" האט ער אריינגעקלערט וואס ער קען יעצט טאן ער האט דאך נישט קיין געלט צו מאכן פרישע ברוינפן האט ער זיך מיישב געווען אז ער וועט גיין זעהן די פעסער אפשר דאך האבן די גוים איבער געלאזט עפעס א טראפן אפילו נאר די ליידיגע פעסער אליין וועט ער זיי נעמען און פארקויפן פאר עטליכע פרוטות ער זאל כאטש האבן עפעס געלט.
ווי ערשטוינט איז רבי קאפל מי זיין משפחה געווארן ווען זיי זעננען אנגעקומען צום ברעג ים און געזען אז די פעסער זענען גאנץ קיינער האט זיי נישט גערירט פון ארט די גוים זענען דארט געשטאנען ארום און געזאגט צו אים "אוי דו איד דאס הייסט ביי ענק "ביעור חמץ" אז מען שיקט א סאלדאט מיט א שווערד צו היטן די פעסער אלע זיבן טעג בייטאג און ביינאכט ? פארוואס האסטו נישט מפקיר געווען דעם חמץ געהעריג אן קיין שומר."?
רבי קאפל איז געווארן זייער איבעראשט פון זייער פראגע ער האט גענצליך נישט געוויסט פון קיין שום סאלדאט ער האט נישט געשטעלט קיין שומר ער האט אבער פארשטאנען אז דער "שומר ישראל" האט רחמנות געהאט אויף איינעם וואס איז זיך "מוסר נפש" אויף א מצוה און האט אפגעהיטן גאנץ פסח בייטאג און ביינאכט זיין פארמעגן אז ער זאל נישט שאדן האבן פון די הייליגע מצוה ... דאן האט ר' קאפל גענומען אלע פעסער ער האט זוכה געווען דערין פון "הפקר" און זיי צוריק אהיים געפירט אזוי ווי ער האט זיי געטראגן (עס זענען געווען צדיקים וואס האבן דערציילט די מעשה יעדן שושן פורים ביי די יארצייט פון רבי קאפל זי"ע)

---

**וכל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משבח**

און דער וואס פארמערט צו דערציילן אין די געשעהנישן פון יציאת מצרים דער איז געלויבט, אין דער אמת'ן וואס האבן אונז זיך יעצט צו פרייען מיט דעם וואס אונזערע עלטערן זענען דעמאלט געראטעוועט געווארן, אונז זענען דאך יעצט אין א ביטערן גלות? מ'קען דאס געבן צו פארשטיין מיט א משל, א ארעמאן וואס האט נעבעך נישט געהאט קיין שטיקל ברויט אין מויל צו נעמען און ער איז געווען א עם הארץ ווייל ער האט נישט געהאט קיין געלט צו באצאהלן פאר א רבי'ן זאל מיט אים לערנען, האט זיך זיין מזל איבער געדרייט און ער איז זייער רייך געווארן, די ערשטע זאך האט ער זיך געדונגען א רבי'ן א תלמיד חכם זאל אים אויסלערנען די הייליגע תורה און ער האט ברוך השם שטארק מצליח געווען סיי אין לערנען און סיי אין רייכקייט, און יעדע'ס יאר ווען ס'איז אנגעקומען דער טאג וואס ער איז רייך געווארן האט ער געמאכט א יום טוב און געדאנקט דעם הייליג'ן באשעפער פאר די גרויסע חסדים וואס ער האט מיט אים געטוהן, ס'איז אריבער א שטיקל צייט און דער רעדל האט זיך צוריק געדרייט און ער איז נעבעך צוריק ארעם געווארן אזוי ווי פריעהר, אבער ווען ס'איז אנגעקומען דער טאג וואס ער פלעגט מאכן דעם יום טוב האט ער זיך ווייטער געפרייט אפילו ער איז שוין צוריק ארעם געווארן, האבן אים מענט'שן געפרעגט צו וואס פרייסטו דיך יעצט? האט ער זיי געענטפערט מיין געלט האב איך טאקע פארלוירן אבער די חכמת התורה וואס איך האב באקומען דורך מיין רייכקייט איז געבליבן אין מיר, איז די זעלבע מיט אונז, מיר פרייען זיך יעצט מיט

### צו דערציילן ביים פסח טיש

יציאת מצרים אפילו אונז זענען יעצט ווייטער אין גלות ווייל דורך יציאת מצרים האבן מיר זוכה געווען צו קבלת התורה וואס דאס וועט אונז קיינמאהל נישט פארלאזן און מיט דעם וועלן מיר אייביג בלייבן, איז וועגן דעם וכל המרבה לספר ביציאת מצרים אפילו אין דעם פינסטערן גלות דערציילט ער

די ניסים פון יציאת מצרים איז הרי זה משבח, איז ער געלויבט ווייל ער ווייזט אז ער ווייסט און ער פארשטייט די שמחה וואס מ'דארף האבן וועגן קבלת התורה און עול מלכות שמים.

)דברי שאול(

---

### מאכן ד' כוסות מיט מילך

ערב פסח איז געקומען א איד צום גאון ר' יאשע בער בריסקער זי"ע מיט א שאלה צו ער מעג יוצא זיין די ארבע כוסות מיט מילעך? פרעגט אים דער רב צו ער איז חלילה קראנק זאגט ער ניין נאר די יאהר איז פאר מיר זייער טייער די ווין איך קען מיר נישט ערלויבן צו טרינקען אזא טייערע משקה, האט אים דער רב געזאגט אז על פי דין קען מען יוצא זיין מיט מילעך און אזוי אינמיטן באגלייטנדיג צו די טיר האט אים דער רב אריין געשטופט אין האנט פינעף און צוואנציג רובל, און דער איד האט נישט געוואלט נעמען און ער זאגט פאר'ן רב איך בין נישט געקומען נאך א נדבה איך בין געקומען נאר פרעגן א שאלה, אבער דער רב האט גאנץ גוט פארשטאנען אז ער האט נישט אינדערהיים קיין געלט און ער שעמט זיך צו נעמען די געלט האט אים דער רב געזאגט איך בארג דיר עס איך געב דיר נישט קיין נדבה ערשט דעמאלט

האט זיך יענער געלאזט איבער רעדן פון רב און ער האט גענומען די געלט, ווען דער איד איז אוועק האט די רעבעצן געפרעגט דעם רב אויף ווין צו די ארבע כוסות איז דאך צוויי אדער דריי רובל אויך גענוג צו וואס האסטו אים געדארפט געבן גאנצע פינעף און צוואנציג רובל? האט דער רב איר גענטפערט פון זיין שאלה האב איך פארשטאנען אז ער האט נישט אינדערהיים קיין זופ און פלייש אויך נישט, ווייל ווען ער וואלט יא געהאט וואלט ער נישט געקומען פרעגן אזא שאלה צו מ'מעג טרינקען מילעך צו די ארבע כוסות ווייל מילכיג'ס מיט פליישיג'ס טאר מען דאך נישט, האב איך אים שוין געגעבן געלט ער זאל האבן מיט וואס איינצוקויפן אויף יום טוב.

---

### דער ערשטער בלוט בלבול אין מעזבוז

"מיט מיר אליין האט דאס פאסירט" - האט רבי משה חיים אפרים מסדיקלוב ז"ל דער "דגל מחנה אפרים" אנגעהויבן זיין דערציילונג פאר זיין ידיד הגאון הקדוש ר' אברהם מרדכי מפינטשוב ז"ל, וואס ער איז אליין געווען דערין פארמישט ווען ער האט אין זיינע יונגע יארן געוויילט ביי זיין גרויסן זיידען אור שבעת הימים דער בעש"ט אין די טעג פון פסח, אין די שטאט מעזבוז.

"בלוט בלבול" - דאס שרעקליכע ווארט וואס האט שוין פיל אידן דערציטערט, אין אסאך אידישי בלוט פארגאסן דורכאויס די ביטערע גלות יארן, האט אויך נישט איבערגעהיפט איבער די שטאט מעזבוז. דער דארפישער באפעלקערונג, וועלכע זענען געווען פראסטע און נארישע האבן געגלייבט צו אלסדינג וואס דער גלח האט זיי געפרעדיגט, ווי א פעלד אנגעפילט מיט דערנער וואס איין פינק פייער קען דאס גאנצע פארלענדען איז געווען ער המון וואס איין קליינעם פינק פון ארטיגן גלח האט ווי אנגעצונדען

די כעס פון די באפעלקערונג און זענען געווען גרייט אויפן ארגסטן ה״י.

צו די פרייד פון די אידישע איינואוינער האט דער בעש״ט שוין דארט געוואוינט ווען דער גלח איז דארט אנגקומען, זיין הייליגער נאמען איז שוין דאן געווען פארעהערט אויך ביי די גויאישע איינוואוינער, וועלכע האבן אים אויך שטארק פארערט און רעספעקטירט, דאס האט עטוואס אפגעשוואכט דעם כח פון דעם גלח, וויסענדיג די חשיבות אין די איידלקייט פונעם אידישן פאלק.

דאס האט נאך מער אנגערייצט דעם גלח, זעהנדיג ווי זיינע העצערישע רעדעס פאלן אויף טויבע אויערן, און ס׳האט נישט דאס וואס ער האט ערווארטעט, האט ער פלאנירט פארשידענע פלענער וויאזוי ער קען עפעס שלעכטס טאן פאר די אידן, און וויאזוי ער קען דאך אנצינדן דעם פייער אין דער שטאט מעזבוז.

κ κ κ

אין די וואוינונג פון ר׳ שמחה, פון די גבירים אין שטאט מעזעבוז, איז שוין פארענדיגט געווארן די לעצטע פארברייטונגען צום יו״ט פסח, אלעס איז שוין גרייט, א שטילקייט האט געהערשט אינעם פרעכטיגן אויסגעצירטן שטוב, אלעס ווארט אז דער בעה״ב פון הויז ר׳ שמחה זאל אנהייבן קדש, ווען פלוצליג האט זיך די עקרת הבית, ר׳ שמחה׳ס פרוי אויסגעדרייט צום פענסטער, אויסגעשארפט איר אויער, און געטענה׳ט אז זי האט עפעס געהערט אינדרויסן אין הויף, ס׳דאכט זיך איר אז א מילדער קלאפ וואס זעהט אויס ווי מ׳האט עפעס אראפגעווארפן.

דער בעה״ב האט אראפגעלייגט דעם בעכער וואס איז שוין געווען אין זיין האנד, און האט - בלית ברירה - געווארט אויף זיין פרוי וועלכע איז א פארעקטנטע ארויס געגאנגען אין הויף צו דערגיין וואס דער קלאפ האט גאזאלט זיין.

ס׳איז נישט אדורך בלויז עטליכע מינוט, אין דער פרייליכע אטמאספערע וועלכע האט געהערשט אין דעם שטוב איז צושטערט געווארן, ווען די פרוי איז אריינגעלאפן אין שטוב אין היסטעריש אויסגעשריגן: א צרה, האט אונז געטראפן, זי האט זיך פארקלאפטביידע הענט, זאגענדיג אז א טויטער פגר ליגט אין הויף און באלד וועלן דא שוין קומען די פאליציי, אין די סוף וועט זיין ביטער.

אוי וויי - האט זיך ארויסגעריסן די ביטערע שטומע פונעם בעה״ב ר׳ שמחה, וויאזוי גיט מען זיך דא אן עצה, האט דער טאטע געפרעגט פון זיינע קינדער, וועלכע זענען געשטאנען אינגאנצן דערציטערט, וויסענדיג וואס דא שמעקט אלס.

איך האב א וואזשנעם פלאן, האט זיך געשטארקט איינער פון די קינדער - ערשטענס וועל איך ארוי סאין הויף אין ארויסראגן ערגעץ ווי דעם פגר - ס׳זאל זיך נישט געפונען ביי אונז אין הויף.

ער איז טאקע זאפארט ארויסגעלאפן אויספירן דעם פלאן, ווען זיין מאמע שטעלט אים אינמיטן וועג, און פארשטעלט אים דאס דורכגאנג זאגענדיג, צו פארשטייסט נישט דער עפענונג פון הויף איז ארומגענומען מיט שומרים פון אלע זייטן, וויאזוי ווילסטו ארויסנעמען דעם פגר? אבער דער זון איז ארויסגעלאפן זאנגיד לאמיר אליין גיין צוקוקן דעם מצב, מעגליך אז איך וועל טרעפן א לעזונג צו דעם פראבלעם, אבער נאך עטליכע מינוט איז ער צוריק געקומען אין צוגעשטימט צו זיין מוטער, - עס איז שוין נישטא וואס צו מאכן - האט ער א פארביטערטער אויסגערופן, דערביי האט ער זוגעגעבן אז צוויי הויכע פאליציי באאמטע שטייען ביים טיר פון הויף, זיכער צומאכן אז מ׳וועט גארנישט ארויספירן פון הויף.

״אפשר וואלט געווען כאי ווען מ׳לויפט אריבער צום בעש״ט, איבערגעבן וואס דא האט פאסירט״ - די ווערטער וואס זי האט ארויסגעזאגט פון איר מויל האט פאראוזאכט א שטילקייט אין צימער, געווען זענען זיי א מתנגדישע שטוב וואו מ׳האט גאץ קנאפ געהאטן פון די מופתים וועלכע האבן קורסירט אין שטאט איבערן בעש״ט, פארקערט דאס אנוועזענהייט פונעם בעש״ט האט זיי ענג געמאכט זייער וואוינונג, דעריבער זיינען זיי איצט געווען אין א גרויסער פארגעלעגנהייט צו דער בעש״ט וועט זיי בכלל איצט אריינלאזן.

מאדנע - האט זיך די פרוי אנגערופן, אין א צייט פון דער פייער פלאקערט וועט דער בעש״ט אפילו קוקן ווער דאס איז, גיי שוין אין לויף צום בעש״ט ער וועט אונז זיכער ארויסראטעווען פון דעם געפאר האט די פרוי ארויסגעשריען מיט א כעליפענדיגען קול געשטיקט פון געוויין.

κ κ κ

אין שטוב פון הייליגן בעש״ט שפירט זיך א הייליקייט, יעדער פשוט׳ער מענטש האט געקענט טאפן מיט די הענט די קדושה

וואס האט געשוועבט אין שטוב, דער בעש"ט איז געזעסן פון אויבנאן, זיין פאראכטפולע הייליגע צורה האט ווי עדות געזאגט אויף די ערנסקייט פון די צייט, פון צייט צו צייט האט דער בעש"ט אויבערגעהאקט מיט פארשידענע הויכע געדאנקען וואס האט אויסגעהויבן די אנוועזנדע אין די הויכע ספערן.

פלוצים איז אפגעהאקט געווארן דער סדר ווען ר' שמחה דער באקאנטער אויסגעשפראכענער מתנגד איז אריינגעקומען אין שטוב, אלע האבן זיך געווינדערט ווי קומט דער מתנגד צום בעש"ט, אין נאך פונקט אינמיטן אזא הייליגע נאכט, אויך ר' שמחה איז אין די ערשטע מינוט געווארן פארלוירן, זעהנדיג אין שפירענדיג וואו ער איז דא אריינגעפאלן, אבער דער ליכטיגער שמייכל פונעם צדיק האט אים געטוואס בארואיגט, אין עס האט אים ווי געגעבן דעם טאן, אין ר' שמחה האט אנגעהויבן צו דערציילן די אורזאך וואס האט אים געברענגט צום בעש"ט.

דערציטערט ביז גאר זענען אלע געווארן הערנדיג די שרעקליכע געשיכטע, מ'האט געקענט שמעקן אז ס'וועבט זיך דא א געפערליכן בילבול וואס קען אריינשטעלן אין סכנה נישט נאר ר' שמחה אליין, נאר אויך אלע אידישע איינוואוינער, אבער דער בעש"ט האט יעדן בארואיגט, ווען א באהאלטענעם שמייכל האט זיך אנגעזעהן אויף זיין הייליגער ריינע געזיכט.

"אפרים" - האט דער צדיק א שריי געטאן, צו זיין באליבטע אייניקל, - דער שפעטערדיגער "דגל מחנה אפרים" - נעם מיין שטעקן וואס ליגט אין דערנעבענדיגן צימער אין גיי שוין מיט דעם איד, זאג אריין אין אויער פינעם פגר אז דיין זיידע רופט אים, האב נישט מורא, נאר קום צוריק אהער צוזאמען מיט'ן פגר.

ר' שמחה איז געבליבן שטיין ווי געפלעפט, ער האט נישט געגלויבט וואס ער הערט, טיף אין הארצן האט ער געקלערט אז דער בעש"ט שפעט גאר אויף זיין חשבון, אין לאכט אפ פון אים, אבער צווישן דעם גרויסן נעפל וואס האט אים ווי ארומגענומען, האט זיך געהערט דער קול פון צדיק אויסשרייענדיג, א פרייליכער יו"ט ר' שמחה, זארגט אייך נישט, גייט אהיים און פראוועט דעם סדר ווי גארנישט פאסירט, השי"ת וועט העלפן גארנישט וועט נישט פאסירן, נישט צו אייך, אין נישט צו אייער הויז געזונד.

האלב פארשיכורט האט זיך ר' שמחה אהיים געשלעפט, ווען פון זיין זייט ווערט ער באגלייט פון דער קליינעם אפרים, וועלכער שפרייזט מיט זיכערע שריט, פאכענדיג מיט'ן שטעקן און די האנט, אנקומענדיג צום הויף פון ר' שמחה איז ער אומצווייפלהאפטיג צוגעגאנגען צום פגר א קלאפ געטאן מיטן שטעקן אין אריינגעזאגט אין אויער ווי דער זיידע האט אים באפוילן, אין צו די ווינדער פון ר' שמחה און זיין משפחה האט זיך דער פגר אויפגעשטעלט, אנכאפנדיג אין דעם שטעקן האט ער צוריק שפאצירט ביז צו די וואוננונג פון בעש"ט, די שומרים וועלכע זיינען געשטאנען ביים טויער הבן זיך נישט אומגעקוקט אויף די צוויי מענטשן וועלכע זענען ארויס פון הויף טראכטנדיג אז דאס קען גאר נישט זיין דער פגר ווייל ער איז דאך טויט.

אריינקומענדיג צום זיידן אין שטוב, האט ער אנגעוויזן פארן גוי וואו ער זיך אוועקזעצן אין האט ווייטער געפירט דעם סדר ווי גארנישט וואלט פארסירט.

א א א

די ערוואראטעט שרעק איז ווירקליך אנגעקומען, די משפחה פון ר' שמחה פראוועט ווייטער דעם סדר, פלוצים איז עס ווידער איבערגעהאקט געווארן ווען א פעסטער קנאט האט זיך געהערט אויפן טיר. ר' שמחה איז באלד צוגעגאנגען צום טיר, ווען פאר זיינע אויגן האט זיך באוויזן דער טרויעריגער בארימטער גלח צוזאמען מיט עטליכע פון די פאליציי, פון הונטער זיי האט זיך שוין אנגעזען א היפשער געזעמעל פון די גויאישע שכינים, וועלכע האבן זיך אונטערגעמורמלט, פסח, מצה, בלוט.

א שטרענגע אונטערזוכונג איז דורכגעפירט געווארן ביי ר' שמחה אין שטוב, אלעס איז געווארן ווילדערהייט איבערגעדרייט, מ'האט ארויסגעצויגן די שופלאדן, געוזכט אויף אלע בוידעמ'ער, אבער אן ערפאלג מ'זעהט קיין זכר נישט פון דעם פגר, פלוצים קומען אריין צוויי שכנים פון ר' שמחה, אין דערציילן אז זיי אליין האבן געזען ווי דער איד גייט ארויס פון זיין שטוב, אין גייט צום ריכטונג פון דער ראבינער'ס וואוינג, מעגליך - האבן זיי אויסגעריפן - אז ער האט דעם טויטן אהין געליפערט.

ס'איז נישט קיין צווייפל - האט דער הויפט גלח געשטורמעט, אז דער "ראבין" האט דא א האנט, לאמיר גיין אין מאכן א רעוויזיע אויך ביי אים אין שטוב.

## צו דערציילן ביים פסח טיש

קוקט נישט אויף זייער זייט, לאזן זיי טועלן וואס זייער הארץ באגערט - האט דער בעש"ט באפוילן פאר אלע אנוועזענדע.
ווען די פאליציי האבן אריינגעשטורעמט אין זיין שטוב, אזוי ריידנדיג האט דער בעש"ט אראפגענומען דעם היטל פון זיין אייניקל ברוך - דער שפעטערדיגער רבי ר' ברוך מעזבוזשער זצ"ל - און עס אנגעטאן דעם פגר, דערנאך האט ער גענומען א הגדה אין אים באפוילן מיט צוהאלטן די הגדה, דער פגר האט אויסגעפאלגט דער באפעל אין - צו אלעמענס ערשטוינג - מיט געמורמעלט די הגדה, אין געמאכט דעם איינדרוק ווי איינער פון די משפחה מיטגלידער.
ווי די פאליציי האבן איינגעזען אז זייער מי און פלאג איז אן אומזיסטיגע זיינען זיי אוועק פון דארט מיט ליידיגע הענט, אויך דער גלח איז צוריק אהיים טרויעריג אין פארשעמט אז פון זיין טיילאוונישן פלאן האט זיך גארנישט אויסגעלאזט.
דאן האט דער בעש"ט באפוילן פאר ר' שמחה, ער זאל נעמען דעם פגר און באגראבן באהאלטענערהייט אין פארבאטן צו רעדן דערפון.
דער וויסטער מפלה האט אנגעצינדן דעם גלח, וועלכער האט באשלאסן אז ער וועט נישט רוען אזוי לאנג ווי ער וועט זען וויאזוי מ'קען פריש מאכן א בלוט בלבול אויף די אידן, בעפאר פסח האט ער גלאזט צו זיך רופן פארשידענע אזעלכע שונאי ישראלים אזוי וו ער אליין, און זיי באויפטראגט צו טרעפן א וועג וויאזוי אויסצוטרעפן א בלבול.
ערב פסח אינמיטן מצות באקן, איז דער בעש"ט פלוצים נעלם געווארן, אין איז צוזאמען מיט זיין משמש געגאנגען אין די ריכטונג פונעם גלח'ס וואוינוג.
דער גלח איז שטארק דערציטערט געווארן זעהנדיג ווי דער הייליגער ראבין קומט צו אים, ער האט דאך גאנץ גוט געוויסט אז דער ראבין איז א געטליכער מאן.
דער בעש"ט איז נישט אריין אין שטוב, נאר פון אונדרויסן אריינגעשריגן צו אים, זאג נאר וואס האט דיר דאס אידישער פאלק שלעכטס געטאן, אז די פראבירסט כסדר צו מאכן אומזיסטיגע בילבולים אויף זיי, צי ווייסטו דען נישט אז ביז ווילאנג איך געפין זיך דא אין שטאט איז דיין מי אן אומזיסטיגע, פארגאנגענעם פסח איז דער קליינער גוי געזעסן ביי מיר אין צימער, אין די האסט אים נישט דערקענט, ווילסטו ווייטער מלחמה האלטן מיט מיר?
דער דערשראקענער גלח איז געשטאנען פארציטערט, ווען איין אבר קלאפט אים צום אנדערן, אין געענטפערט, ריכטיג, איך האב טאקע געהאט א פרישע פלאן אויף היינט, אבער אזוי ווי איך בין איבערצייגט אז ווילאנג דער ראבין איז דא אויף דער וועלט, וועל איך גארנישט קענען טוהן, גיב איך אויף אלע מיינע בייזע פלענער.
פרייליכערהייט איז דער בעש"ט צוריק צום מצות באקן, ווען פון זיין מויל שעפשט ער: "שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו והקדוש ברוך הוא מצלינו מידם."

---

## מרור איז דאך א מיכלא דאסוותא

ס'איז געווען א חסיד וועלכער האט ל"ע שווער געליטן ביים אטעמען. ער איז געפארן קיין ווין צו גרויסע דאקטוירים, און זיי האבן פעסטגעשטעלט או ער האט ל"ע אן אינפעקציע, אייטער האט זיך אנגעזאמלט אין די לונגען, און די קראנקייט איז ליידער אומהיילבאר. פארנדיג אהיים פון וויען, האט דער איד אפגעטרויטן אין צאנז און געפרעגט דעם הייליגן דברי חיים זי"ע צי ער מעג עסן מרור, ווייל דער דאקטער האט אים אנגעזאגט אז ער וועט זיך דערביי איינשטעלן דאס לעבן. זאגט אים דער דברי חיים, "מרור איז דאך א מיכלא דאסוותא) .א מאכל וואס היילט (עס שאדט נישט, מעגסט עסן א כזית." דער איד האט נישט געפונוען קיין מוט צו מאכן א באמערקונג פאר'ן דברי חיים אז ער האט לכאורה געמאכט א טעות, ווייל דער זוהר הקדוש רופט אן בלויז מצה א מיכלא דאסוותא. דער איד האט פארלאזט דעם צימער און ביי זיך אנגעקלערט, אז היות דער צאנזער רב האט געבויט זיינע ווערטער אויף דעם סמך אז מרור איז א

מיכלא דאסוותא, און באמת געפינט זיך נישט אזא מאמר, על כן טאר ער נישט עסן מער ווי א משהו. און אזוי האט ער טאקע געטון, ביים סדר האט ער גענומען א קליין שטיקעלע מרור און געגעסן. אבער ווען ער האט דאס אראפגעשלינגען, האט אים אנגעהויבן צו ברענט און ער האט געקייכט און זיך געשטיקט ל"ע. עס זענען דורכגעלאפן א פאר סעקונדן און ער האט נישט געקענט כאפן דעם אטעם. פילנדיג אז דאס חיות לאזט זיך אים אויס, האט ער זיך מיישב געווען, זאל ער כאטש גומר זיין די לעצטע מצוה בשלימות בכדי זיין נשמה זאל זיך אויסהויכן מיט א מצוה. ער האט געכאפט א כזית מרור און עס אריינגעשטיפט אין מויל, צוקייעט, און מיט אלע כוחות אראמגעשלינגען. דא האט זיך ערשט אנגעהויבן די יסורים. זיין פנים איז געווארן פלאמיג-רויט. ער האט זיך געווארפן און געהוסט מיט שרעקליכע געשרייען. און מיט אמאל האט ער אנגעהויט צו ברעכן. ער האט אויסגעבראכן עסנווארג, און דערנאך אייטער. ווען ער האט געענדיגט ברעכן, איז ער, אן אויסגעמאטערטער, איינגעזונקען אין א טיפן שלאף. מען האט געשיקט רופן א דאקטער וועלכער איז שנעל געקומען צו לויפן. דער דאקטער האט נישט געלאזט אויפוועקן דעם חולה, נאר ער האט געהייסן מען זאל אים ווידער רופן ווען דער חולה וועט אויפקומען. צומארגנס אינדערפרי, ווען דער חולה האט זיך אויפגעוועקט, האט מען געשיקט נאכ'ן דאקטער. ער האט אונטערזוכט דעם חסיד, און האט געפונען אז זיין צושטאנד האט זיך פארבעסערט און ער איז ארויס פון געפאר פון זיין קראנקייט. דאס גאנצע פארגיפטיטער אייטער איז פון אים ארויס און ער אטימט פיל לייכטער. דאן האט דער חסיד איינגעזען אז דער הייליגער דברי חיים האט גארנישט געמאכט קיין טעות, נאר דער מרור איז טאקע געווען א מיכלא דאסוותא, א רפואה שלימה פאר אים. ער איז אינגיכן געווארן געזונט כאחד האדם.

---

**אינעם זכות פונעם בעכער**

עס איז געווען אמאל א גביר וואס האט געוואוינט אין רומעניע, און איז געווען פון די חסידים פון דער הייליגער רוזשינער זצוק"ל. דער גביר פלעגט זיך פירן צו באשיינען דעם סדר מיט דאס שענסטע און בעסטע. ספעציעל פלעגט ער - צוזאמען מיט זיין אידענע - יעדעס יאר מהדר זיין אנצוגרייטן א שיינעם, הערליכן און טייערן "כוס של אליהו" פאר'ן כבוד פון אליהו הנביא. און פון ווען ער האט געקויפט דעם בעכער, פלעגט ער יעדן טאג צולייגן נאך שיינע שטיינדלעך אא"וו צו באצירן דעם "כוס של אליהו" שענער און שענער.

מיט דער צייט האט זיך דער רעדל א דריי געגעבן, און דער איד איז נעבעך זייער פאראראעמט געווארן. פון טאג צו טאג איז דער מצב ערגער געווארן, און ער האט כסדר געמוזט פארקויפן חפצים און טייערע זאכן פון זיין הויז, כדי צו האבן פון וואס צו לעבן.

ווען עס איז אנגעקומען דעם יו"ט פסח, וואס די הוצאות פון יום טוב איז זייער פיל, איז דעם איד איינגעפאלן א פלאן, און נישט האבנדיג קיין ברירה, האט ער זיך געווענדן צו זיין פרוי און געפרעגט: אפשר זאלן מיר פארקויפן דעם טייערן בעכער, דער "כוס של אליהו", וואס ס'איז זיכער ווערד גאר אסאך געלט, און מיט די געלט וואס מיר וועלן באקומען דערפאר וועלן מיר קענען בריוח איינקויפן די באדערפענישן פאר'ן יום טוב

זיין פרוי האט אבער בשום-אופן נישט מסכים געווען צו דעם פארשלאג, זאגנדיג: ענדערש זאלן מיר זיצן אין הונגער, ווי צו פארקויפן דעם בעכער וואס מיר האבן געמאכט פאר אליהו הנביא זל"ט.

זיי האבן זיך טאקע געגרייט צום יום טוב מיט גרויס ארימקייט, ווען אין שטוב ווייסט מען נישט פון וואנעט זיי וועלן האבן אויף צרכי יום טוב.

ווען עס איז אנגעקומען דער יום טוב, איז דער איד - זעענדיג אז ער האט נישט צופיל וואס צו טוען לכבוד דעם יום טוב -

געגאנגען אין שול ווען ס'איז נאך געווען אינמיטן טאג. אינדערצייט וואס ער איז געזעצן אין ביהמ"ד, איז צו זיין פרוי אינדערהיים אריינגעקומען א יוד ,וואס האט אויסגעזען אַן אנגעזענער מענטש, און געזאגט, אז ס'האט זיך געמאכט א סיבה אז ער איז אנגעקומען צו די שטאט, און ער האט נישט וואו איינצושטיין אויף יום טוב, דעריבער בעט ער איר, זיי זאלן מסכים זיין ער זאל איינשטיין ביי זיי אינדערהיים. די פרוי האט אבער געענטפערט אז זיי קענען דאס נישט צושטעלן, ווייל זיי אליין זענען גרויסע ארעמעלייט, און זיי פארמאגן קוים פאר זיך צו עסן לכבוד דעם יום טוב. הערנדיג דאס, האט דער איד איר געזאגט: "אויב דער פראבלעם איז געלט? נו, גיב איך א געלט, און גייט אין געשעפט איינקויפן מכל טוב וטוב, עס זאל זיין ברייט צו עסן לכבוד יום טוב, און פארנאכטס צום סדר וועל איך אויך קומען און זיך באטייליגן מיט אייך צוזאמען". די פרוי האט גענומען דאס געלט, און איז טאקע געגאנגען איינקויפן לכבוד יו"ט.

ווען דער געוועזענער גביר איז אהיימגעקומען צום סדר, איז ער ערשטוינט געווארן אויף דעם וואס ער האט געזען: דאס הויז לייכט איבעראל, א הערליכע סדר-טיש אנגעגרייט מכל טוב וטוב, פון שענסטן און בעסטן. ער האט באלד געפרעגט זיין פרוי דערויף, און זי האט אים דערציילט די גאנצע מעשה.

ווען זיי האבן זיך געזעצט צום סדר, איז אריינגעקומען דער אורח, און האט זיך אראפגעזעצט, ער האט זיי געבענטשט מיט עשירות וכל טוב, און איז פארשוואונדן געווארן.

זיי האבן זיך זייער געוואונדערט אויף דעם וואס זיי האבן געזען, און האבן באשלאסן אז באלד נאך יום טוב וועלן זיי גיין צו הרה"ק מרוזי'ן זצוק"ל דערציילן די מעשה.

דער הייליגע רוזשינער האט זיי געזאגט: "וויסן זאלט איר, אז דער גאס איז נישט געווען קיין צווייטער ווי אליהו הנביא זכור לטוב, און צוליב אייער מכבד זיין אזוי שטארק דעם "כוס של אליהו" האט איר זוכה געווען אים צו זען, און אים צו האבן אין אייער שטוב און געבענטשט צו ווערן פון אים. און די עקרת הבית וואס האט נישט געוואלט פארקויפן דעם כוס של אליהו אפילו אין גרויס דחקות, האט זוכה געווען אים צו זען צוויי מאל"!

---

## די סאלדאטן ביים סדר

אין א שטעטל נעבן ווילנא האט פאסירט די דאזיגע מעשה, עס איז געווען אין די צייטן ווען די מחלוקה צווישן די חסידים און די מתנגדים האט זיך געהאלטן אין איין צעפלאקערן, אין איז פארוואנדלט געווארן אין א גרויס פייער פון מחלוקת'ן, די מתנגדים האבן גערודפט די חסידים מיט די שארפעסטע רדיפות, אפטמאל זענען אנטשטאנען ערנסטע קאנפליקטן אפילו צווישן אייגענע משפחה מענטשען, נאנטע משפחה לייט זענען געווארן ברוגז איינער אויפן צווייט,ן רייבערייען מיט דין תורה'ס זענען געווען טאג טעגליכע דערשיינונגען, אמאליגע גיטע פריינט זענען געווארן שונאים, אפילו צווישן מאן און ווייב זענען אנטשטאנען קריגערייען און ס'איז אפילו געקומען צו גיטין ר"ל.

אזוי האט אויך פאסירט אין יענעם שטעטל, מיט א יונגערמאן וואס האט ערשט מיט א קורצע צייט צוריק חתונה געהאט, א תלמיד חכם אבער דאס ווייב האט באמערקט אז עפעס איז זיין אויפפירונג זייער מאדנע, זי האט אזא התנהגות ביי איר פאטער אין הויז נישט געזעהן, און זי איז געווארן שטארק באזארגט און די מנוחה איז איר צעשטערט געווארן.

וואס איז דאס געווען וואס עס האט ארויסגערופן איר פארדאכט צום מאן?

עס איז איר נישט געפעלן זיינע פירעכצער, אט למשל זעהט זי אז איר מאן שטייט אויף אינמיטן דער נאכט ער זעצט זיך אויף דער ערד און וויקלט זיך ארום מיט עפעס א שמאטע, און דערנאך נעמט ער זיך מורמלען אין א סידור, דערביי האלט ער אין איין וויינען און פארגיסן טרערן, צופרי וידער גייט ער יעדן טאג זיך טובל'ן אין א מקוה, דערנאך פארטיפט ער זיך אין עפעס א ספר און ווען ער איז פארטיג באהאלט

ער דאס ספר אונטערן קישן, און נאך אזעלכע מאדנע שטיק, דאס גייט שוין אן אזוי א שטיק צייט און זי ווערט וואס א טאג אלץ מער באומראיגט.

וואס איז דאס געשעהן מיט אים, וואס פראוועט ער אזעלכע מאדנע שטיק?

פון אנפאנג האט דאס יונג ווייבל געטראגן איר זארג באהאלטן און זיך זי האט פאר קיינעם נישט פארציילט וואס עס דרוקט איר, אבער ווען עס האט איר אנגעהויבן שטארק צו דערקוטשען האט זי איינגעזעהן אז זי קען מער נישט האלטן דעם פראבלעם אין זיך זי וועט מוזן דערציילן איר פאטער וועגן איר זארג.

דער פאטער האט אויסגעהערט די טענות פון זיין טאכטער, אויך ער איז געווארן שטארק באזארגט, ער האט איר געהייסן זיין פארזיכטיג זי זאל נישט דערציילן פאר קיינעם קייןווארט, צום אלעם ערשטן זאל זי אויף א שטילן אופן ארויס'גנב'נען דאס ספר פון איר מאנ'ס בעט און עס ברענגען צו אים וועט מען זעהן וואס פאר א ספר דאס איז, און דערנאך וועט מען זעהן ווייטער וואס דא צו טון,

די טאכטער האט געפאלגט, זי האט אויף א געשיקטן אופן ארויסגענומען דאס ספר, און עס געברענגט צו איר פאטער, דער פאטער האט געעפענט דעם שער בלאט און ס'איז אים פינסטער געווארן פאר די אויג, ער האט צוזאמגעקלאפט די הענט און כמעט ווי געפאלן אין חלשות "אוי ער איז דאך אריינגעכאפט געווארן אין די כת" האט זיך דער איד געריסן די האר פון קאפ, "כ'האב גארנישט געוואוסט אז מיין איידעם דער איידעלער יונגערמאן און תלמיד חכם איז גאר ארינגעכאפט געווארן צו דער כת חסידים און קוקט אריין אין ספרים וואס מען טאר נישט קוקן", האט ער זיך נישט געקענט בארויגן.

דאס ספר איז געווען, דער ספר הק' "תולדות יעקב יוסף" פון פולנאה מגיד הרב הקדוש רבי יעקב יוסף זי"ע, אויף וועמען די מתנגדים האבן אויסגעגאסן זייער גרעסטע קעגנערשאפט. עס איז געווארן חושך אין שטוב. ר' זעליג דער שווער האט זיך געריסן די האר פון קאפ, ער האט זיך קיינמאל נישט געקענט פארשטעל אז זיין איידעם דער שטילער בערעלע זאל גאר באלאנגען צו די חסידים.

ווען בערל איז אהיימגעקומען פון דאווענען האט אים שוין זיין שווער ר' זעליג אפגעווארט, און אן קיין שום טענות ומענות גענומען אויסגיסן אויף אים זיי גאנצן צארן, ער האט אים גוט אויסגעזידלט, און קוים זיך צוריק געהאלטן ער זאל אים נישט געבן קיין קלעפ.

ר' בערל דער איידעם איז זיך געשטאנען רואיג און גארנישט רעאגירט ווי גלייך נישט אים מיינט מען, ער וועט דאך נישט ארויסוויזן קיין חוצפה לגבי אן עלטערן מענטש ובפרט נאך זיין אייגענעם שווער, און ער האט אים נאך שטערקער גענומען זידלען אבער מיט די אלע זידלערייען האט דאך ר' זעליג גארנישט דערגרייכט עס האט אים געעגבערט די שאלה "וואס טוט מען?"

פון יענם טאג אן האט זיך ר' זעליג נישט געקענט קיין ארט געפונען וואס טוט מען ווייטער? עס איז קלאר אז מען דארף פון דעם איידעם פטור ווערן, ער דארף אפ'גט'ן זיין פרוי, און טאקע וואס שנעלער אבער ווי אזוי דערגרייכט מען דאס?

ר' זעליג האט געהאט עטליכע גוטע פריינט, איז ער אריבער צו זיי און זיך פארטרויט פאר זיי פון זיין גרויס "אומגליק", אז זיין איידים איז נעבעך אריינגעכאפט געווארן אין דער כת החסידים, און ער האט פאראומגליקט זיין טאכטער, די ידידים האבן אים אויסגעהערט מיט מיטלייד און גערעאטן אים עצות, יעדער לויט זיין פארשטאנד, געווען אזעלכע וואס האבן געזאגט אז מען דארף גיין מיט די שטערקסטע שטרענגקייט, מען דארף בערל'ען אנלערנען אזוי אז ער זאל געדענקען אויף אייביג, און מען זאל אים צווינגען צו געב א גט, געווען אנדערע מער מעסיגע וועלכע האבן געזאגט מען דארף קודם פרובירן מיט גוטן, אז מען וועט גיין מיט תקיפות וועט מען נישט אויספירן, חוץ דעם אויב מען וועט אים צווינגען צו געבן א גט קען דאס ווערן א "גט מעושה) "אן ארויפגעצוואונגענער גט (און מען וועט דערנאך ווארפן א חשש אז דער גאנצער גט איז פסול, נישט נאר וועט מען נישט האבן דערגרייכט דעם ציל, נאר די פרוי דאס הייסט די טאכטער פון ר' זעליג וועט נאך דארפן ארומלויפן צו רבנים און מורי הוראות אז זי זאל זיין פריי און קענען חתונה האבן צו א צווייטן, דעריבער איז בעסער זיך צו פארגלייכן מיט דעם איידעם, עס איז כדאי צו געבן אים אפילו געלט און אזוי ארום אים באוועגן אז ער זאל אפ'גט'ן דאס ווייב.

אינצווישן איז דער ענין שוין באקאנט געווארן אין דער גאס, דאס גאנצע שטעטל האט גענומען רעדן פון דער מעשה, אלע פון גרויס ביז קליין האבן שוין געוואוסט אז דער שווער האט

זיך צעקריגט מיט'ן איידעם, אז ער מאנט פון אים ער זאל גט'ן זיין טאכטער, אבער דער איידעם וויל נישט, עס איז געווארן דא געשפרעך פון טאג און נישט נאר די אידן האבן גערעדט נאר אפילו די גוים להבדיל האב ןשוין גערעדט פון די מעשה, אזוי ווייט אז די מעשה איז דערגאנגען אויך צו די אויער פונעם סטאראסטא, דער נאטשאלניק (פריץ) פון שטעטל.

דער נאטשאלניק איז געווען אן אלטער גענעראל, ער פלעגט ארומפאראדירן איבערן שטעטל מיט זיין מילטערישן מונדיר, און זיך בארימען מיט די העלדישע אויסצייכענונגען וואס זענען אים געהאנגען אויף אים, ער האט זיך נאך באטייליגט אין די מלחמה וואס דער רוסישער צאר האט געפירט קעגן יאפאן, דארט טאקע האט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע העלדישע טאטן און באקומען די העכסטע מעדאלן, אויף די עלטער ווען ער האט שוין אויפגעגעבן זיין מיליטער דינסט האט אים דער צאר באשטימט אלס סטאראסטא אין דעם שטעטל נעבן ווילנא.

ער איז נישט געווען קיין גרויסער אוהב ישראל, אבער אויך קיין אנטיסעמיט איז ער נישט געווען, און די אידן אין שטעטל זענען מיט אים גאנץ גוט דורכגעקומען,

ער האט געפירט זיין מלוכה אינעם שטעטל מיט א פעסטער האנט, גארנישט האט נישט געטארט געטאן ווערן אן זיין ידיעה און אן זיין רשות, אפילו אין די אידשע קהל'שע ענינים פלעגט ער ליב האבן זיך אריינצומישן מען האט אים דאס אבער פארגעבן, ווייל מען האט געוואוסט אז ער מיינט נישט אויסצוטיילן קיין צרות נאר עס נעמט זיך פון זיין נאטור וואס ער פילט זיך ווי דער טאטע פון שטעטל, מען פלעגט אים טאקע רופן מיט די נאמען "באטיקא" (טאטע אויף רוסיש)

ווען דער פריץ דער גענעראל האט געהערט אז עס קאכט זיך אין שטעטל איז ער נישט געבליבן שטול, ער האט באפוילן אז ר' זעליג זאל אריבער קומען צו אים און דערציילן אלעס וואס עס גייט פאר.

ר' זעליג האט זיך אביסל דערשראקן ווער ווייסט וואס דער פריץ וויל פון אים, אבער ער האט זיך תיכף בארואיגט רעכענענדיג אז דער פריץ איז נישט אזא שלעכטער מענטש, און מסתמא וועט ער אים גארנישט טאן קיין שלעכטס.

ר' זעליג איז ארויף צום פריץ און דערציילט וועגן זיין סיכסוך וואס ער האט מיט'ן איידעם, אז דער איידעם קוקט אריין און לערנט אין א ספר וואס איז זייער "שעדליך", דאס קען אים חלילה אראפפירן פון ערליכן אידשן וועג, ער קען אזא זאך נישט דולדן און ער פאדערט דעריבער אז ער זאל זיך שיידן פון זיין טאכטער...

דער פריץ האט געדולדיג אויסגעהערט דעם איד, און ער האט זיך שטארק געוואונדערט וואס צוליב עפעס א ספר זאל אנטשטיין א מחלוקה צווישן מאן און ווייב אויף אזוי ווייט אז עס זאל קומען צו א גט?, די זאך האט אים שטארק אינטריגירט וואס פארא ספר קען דאס זיין, וואס צוליב דעם זאל מען זיך אזוי שטארק ארומקריגן?

דער פריץ האט געהייסן ר' זעליג'ן ער זאל ברענגען צו אים דעם דאזיגן ספר, ער וויל אליין זעהן מיט די אייגענע אויגן וואס פארא ספר דאס איז, וואס שטייט אין דעם ספר וואס איז עלול ארפצופירן מענטשן פון ריכטיגן וועג?

ר' זעליג האט נישט קיין חשק געהאט אריינצוציען א גוי אין אזא ריין אידישער מחלוקה, וואס וועט דען דער אלטער פריץ פארשטיין וואס אין א ספר שטייט ? ווי קען א גוי וויסן וואס טוט זיך אפ אין הארץ פון א אידישן טאטע וואס ציטערט אז זיינע קינדער זאלן זיך חס ושלום נישט אויסגליטשן און ארפגיין פון אידישן דרך? אבער קיין ברירה האט ער דאך נישט געהאט, איצט איז שוין שפעט אצינד מוז מען שוין אויספאלגן דעם באפעל פון פריץ.

ער איז אוועק אהיים און געברענגט דאס ספר "תולדות יעקב יוסף", וואס זיין טאכטער די פרוי פון זין איידעם ר' בערל האט ארויסגע'גנבט פון הינטער זיין קישן,

דער פריץ האט גענומען די ספר אין זיינע הענט, צוערשט האט ער מיט זיין גוי'אישן קאפ געעפנט פון דער צווייטער זייט פון לינקס ווי ער איז געווען געוואוינט, דערנאך האט ער זיך געכאפט און איבערגעדרייט די ספר אויף די רעכטער זייט, גענומען קוקן אויבן און אונטן די הייליגע אידישע אותיות זענען אים געווען ווילד פרעמד, ענדליך האט ער באמערקט גאנץ אונטן אויפ'ן שער בלאט עטליכע ווערטער און רוסיש, דאס זענען געווען די ווערטער פון יאר און פלאץ ווען און וואו די ספר איז געדרוקט געווארן און אויך דער נאמען פון "ראבין יעקב יוסף דער מגיד פון דער שטאט פולנאה" (דאס האט געדארפט זיין געשריבען אויף רוסיש),

ווען די פריץ האט איבערגעליינט די נאמען "ראבין יעקב יוסף

פון פולנאה" האט אים א ציפ געטאן אין הארצן, ער האט זיך עפעס דערמאנט אז ער האט שוין אמאל געהערט פון די נאמען.
האט זיך די פריץ געווענדעט צו ר' זעליג'ן און אים געפרעגט וואס עס גייט אים אזוי אין לעבן אז זיין איידעם זאל נישט ארייננקוקן אין די ספר עס האט דאך געשריבן א ראבין?
ווי שווער עס איז אנגעקומען פאר ר' זעליג'ן מסביר צו זיין פאר דעם גוי זין התנגדות צו די חסידים, האט ער אבער פארט דערציילט פאר'ן פריץ אז די דאזיגע מחבר יעקב יוסף פון פולנאה שרייבט אין דעם אזעלכע אומדערלאזבארע זאכן, וואס האט זייער א שעדליכע ווירקונג, און אז אסאך ערליכע יודען זענען שוין ליידער אראפגעפירט געוואקן פון ריכטיגן וועג דרוך לערנען אין דעם ספר...
דער פריץ האט זיך איצט שוין דערמאנט פון וואנען עס איז אים קענטיג דער נאמען, ווען ער האט געהאט צו טאן מיט דעם ראבין יעקב יוסף פון פולנאה, ער האט אבער גארנישט געזאגט, ער האט געהיסען פאר ר' זעליג אז צומארגנס זאל ער ארויפקומען אין זיין פלאטץ צוזאמען מיט זיין ווייב די טאכטער און דער איידעם, אויך זאל ער צורופן צו די פארזאמלונג אלע באקאנטע משפחה – קרובים, ווייל ער האט ארויסצוגעבן מארגן א וויכטיגן באשלוס.

* * *

ר' זעליג איז אהיימגעגאנגען בפחי נפש, עפעס איז אים פארגעקומען זייער מאדנע די גאנצע האנדלונג פונעם פריץ וואס עפעס האט זיך דער פריץ אריינגעלייגט אין דעם ענין מיט אזא אינטערעס " וואס גייט עס אים אן די גאנצע מעשה", דאס איז דאך א ריין אידשער ענין און האט גארנישט צו טאן מיט זיין אמט אלס פריץ? אבער מיט די פריץ איז נישט שייך צו טענ'ן אז ער האט באפוילן האט מען געמוזט פאלגן, ר' זעליג האט צוזאמגערופן אלע משפחה מענטשן און אויך די איידעם מיט די פרוי זיין טאכטער, און אלע זענען ארויף צו די פריץ און פלאטץ. דער פריץ האט זיי אויפגענומען די מענטשן מיט א פריינדליכקיט האט געהייסן אלע זיצן.
און דערנאך האט ער גענומען דערציילן א מעשה:
געווען איז עס מיט אסאך אסאך יארן צוריק, איך האב דעמאלט געדינט אלס פאלקאווניק אין דער צארישער ארמיי, איך האב געהאט אונטער מיין קאמאנדא א גאנצן פאלק סאלדאטן מיר האבן געמאכט מאנעווורס אין צפון אוקראינע, עס איז געווען פרילינג צייט און די מאנעווורעס זענען דורכגעפירט געווארן גענוי לויט די פארגעשריבנער פלענער. מיטאמאל האב איך געקראגן א באפעל פון גענעראל שטאב אז מיין פאלק דארף אפמארשירן פון יענעם געביט, און גיין צו א צווייטן ארט וואס איז געווען אפגערוקט עטליכע הונדערט קללאמעטער ווייט, ווי דער שטייגער איז אין אזא צייט האט מען זיך געדארפט לאזן אין וועג אריין גאנץ פארטאגס, און דריי אזייגער פארטאגס האב איך ארויסגעגעבן א באפעל צו מאכן אן "אלארם" און מאביליזירן אלעמען צו זיין גרייט צום ווייטערדיגן מארש.
דער גאנצער ארמיי איז געווארן געשטעלט אויף די פיס, די אפיצירן און אונטער אפיצירן האבן געשטעלט אלע סאלדאטן און א שירה, מען האט דורך געפירט א ציילונג צו מאכן זיכער אז אלע סאלדאטן זענען דא און זענען גרייט, אבער דא האט זיך ארויסגעשטעלט אז דריי סאלדאטן האבן געפעלט, מען האט באלד גענומען זוכן אין אלע באראקן, אבער די דריי סאלדאטן זענען נישט דארט געווען,
אלס פאלקאווניק האב איך ארויס געשיקט עטליכע "לויפערס" אין דער דערנעבעדיגער שטאט צו זוכן דארט די דריי סאלדאטן, די שטאט נעבן וועלכע מיר האבן געזוכט איז געווען פולנאה – דאס איז די זעלבע פולנאה פון וואנען עס איז דער מחבר פון דעם ספר וואס איך האלט איצט דא אין די הענט,
און איצט הערט ווייטער:
נישט לאנג דערויף זענען די לויפערס צוריקגעקומען און זיי האבן דערציילט אן אויסטערלישע געשיכטע, זיי האבן געטראפן די דריי סאלדאטן אין א הויז וואו עס איז פארגעקומען עפעס א פייערליכע מסיבה די שטוב איז געווען הערליך באלויכטן מיט פיל ליכט און זילבערנע לייכטער עס האט אויסגעזען ווי נאך א גרויסארטיגער סעודה, אויבנאן ביים טיש איז געזעסן אן אלטער מאן מיט א שניי ווייסע בארד, ער האט געהאט א ג-טליך געשטאלט און אט אין יענעם שטוב האבן די לויפערס געטראפן די דריי סאלדאטן שטיין נעבן די טיר, זיי זענען געשטאנען שטייף אויסגעצויגן און האבן נישט גקענט רעדן קיין ווארט און האבן נישט געקענט געבן קיין ריר מיט א האנט אדער מיט א פיס, ממש ווי זיי וואלטן געלעמט געווארן.

אט דאס אלעס האבן מיר די "לויפערס דערציילט, איך האב נישט געוואלט גלייבן אזא מין אויסטערלישע מעשה – האט די פריץ ווייטער דערציילט, עפעס האט זיך עס מיר נישט געלייגט אויפ'ן שכל, מסתמא האט זיך אזוי אויסגעדאכט פאר די "לויפערס" האב איך געשיקט אנדערע סאלדאטן זיי זאלן גיין צו יענעם הויז און זען וואס מיט די דריי פעלנדע סאלדאטן האט פאסירט,

עס האט נישט גענומען לאנג און די צווייטע גרופע שלוחים זענען צוריקגעקומען און באשטעטיגט אלעס וואס די פריערדיגע האבן דערציילט, עס איז אמת אז די דריי סאלדאטן שטייען דארט און קענען זיך נישט רירן פון ארט, דאס האט מיך שוין גאר אינטריסירט, איך האב באשלאסן אז איך דארף מיך אליין איבערצייגן אין דער זאך, איך האב זיך ארויפגעזעצט אויף מיין פערד און אין די באגלייטונג פון עטליכע אפיצירן בין איך צוגעריטן צום הויז וואו די סאלדאטן האבן מיר אנגעוויזן, איך בין אריינגעקומען אין דער שטוב, און איך בין געפלעפט געווארן. פאר מיינע אויגן האט זיך אנטפלעקט דאס געשטאלט פון אן עלטערער מאן וואס זיין פנים האט געלויכטן מיט א ג-טליך ליכטיגקייט, איך האב קיין מלאך נישט געזען אבער איך קען זיך פארשטעלן אז אזוי קען אויסזען נאר א מלאך! דער אלטער מאן איז געזעסן ביים טיש פארטיפט איבער א ספר, ביי די טיר זענען טאקע געשטאנען די דריי סאלדאטן פון מיין רעגימענט, אלעס איז אמת געווען, זיי האבן זיך נישט געקענט רירן מיט קיין אבר. איך בין שוין א אויסגעדינטער סאלדאט – האט דער פריץ דערציילט ווייטער די געשיכטע – איך האב שוין מיטגעמאכט שווערע שלאכטן און בייגעוואוינט גרויס געפארן, אבער אין דעם מאמענט וואס איך האב געזען יענעם ג-טליכן מאן איז אויף מיר געפאלן א פחד און אן אימה.

איך האב געקוקט אויף די סאלדאטן זיי זענען געשטאנען ווי טויב און שטום נישט געקענט רירן זיך, דאס האט מיך נאך מער צערודערט, איך האב נישט געוואוסט וויאזוי מ'הייבט אן צו רעדן צו יענעם אלטן מאן, ענדליך האב זיך אנגענומען מוט און גענומען זאגן:

"זאל מיר מיין הער אנטשולדיגן, איך זעה אז איר זענט א הייליגע מאן עפעס האט דא פאסירט, דא שטייען דריי סאלדאטן פון מיין פאלק איך האב א באפעל פון גענעראל-שטאב אפצומארשירן פון דאנען, די דריי סאלדאטן קענען דא נישט בלייבן זיי דארפן קומען מיט אונז, מסתמא האבן זי זיך מיט עפעס פארזינדיגט און דערפאר אזי אויף זיי געקומען די דאזיגע שטראף, אבער איך קען פארט נישט דא איבערלאזן די סאלדאטן בעט איך אייך נעמט אראפ פון זיי די שטראף און זאלן זיי קענען אפמארשירן צוזאמען מיט'ן גאנצן רעגימענט"

דער אלטער מאן האט אויפגעהויבען זיינע אויגן פונעם ספר און ער האט זיך אנגערופן: "געוויס האבן די סאלדטאן עפעס גע'גנב'ט זאלן זיי צוריקגעבן די גניבה וועלן זיי באלד קענע גיין פון דא,"

מיינע אפיצירן זענען באלד צוגעגאנגען צו די סאלדטאן און גענומע נישטערן אין זייערע טאשן, מען האט ביי זיי געפונען פארשידענע זילבערנע כלים, בעכערס און עסצייג און אנדדערע ווערדזאכן, ווען מיר האבן ארויסגענומען פון זייערע טאשן די גע'גנב'טע חפצים האבן צווי פו ןדי דריי סאלדאטן גענומען רירן זיך און גיין, אבער איינער דער דריטער האט נאך אלץ זיך נישט געקענט רירן פון ארט, ער איז געשטאנען פונקט אזוי געלעמט ווי פריער, האב איך זיך ווידער געווענדעט צום אלטן מאן און גע'טענה'ט אז איינער פון די דריי סאלדטאן איז נאך אלס נישט פריי, האט זיך דער ג-טליכער מאן אנגערופן "מסתמא האט ער נאך עפעס באהאלטן ביי זיך", אזוי איז טאקע געווען מיר האבן געזוכט אין זיינע שיך און דארט געפונען פארשטעקט א זילבערנעם בעכער, ווען מען האט דעם בעכער ארויסגענומען הט דער סאלדאט געקענט גיין זיין וועג...

* * *

נו די מעשה איז גענוג וואונדערליך! – האט די פריץ געזאגט צו די פארזאמלטע, יעצט וועל איך אייך דערציילן וויאזוי דאס איז געשען, וואס איך בין דערנאך געוואויר געווארן. דער אלטער מאן איז געווען א אידישער ראבין אין פולנאה, ער האט געהייסן ר' יעקב יוסף. פאסירט האט עס אין אייער יום טוב פסח ביינאכט נאכ'ן "סדר", דער ראבין האט שוין געהאט געענדיגט דעם "סדר" און דאס בני בית איז געגאנגען שלאפן, אבער ער דער רבין אליין איז נאך געבליבן ביים טיש פארזונקען אין זיינע מחשבות און געלערנט א גאנצע נאכט, די טיר איז נישט געווען פארשלאסן ווייל ביי די אידן ווייסט מען אז די נאכט פון פסח איז א "ליל שמורים" און מען האט יענע נאכט נישט מורא פאר קיין שום זאך, די דריי סאלדאטן

פון מיין פאלק זענען געווען יענע נאכט אין שטאט אין פולנאה, זיי האבן געזען דורך די פענסטערס א שיין באלויכטענע שטוב מיט שיינע כלים אויפ'ן טיש, די טיר איז נישט געווען פארשלאסן און ביים טיש זיצט בלויז אן אלטער איד וואס זעט אויס ווי ער וואלט געדרימלט, האבן זיי נישט לאנג געטראכט זיי זענען אריין אינעווייניג און זיך אנגעפולט די טאשן מיט אלעס גוטס, בעכערס און זילבערנע עסצייג אלעס וואס זיי האבן געטראפן, און געווענליך נעמען ארויס אידן צום סדר אלע טייערע כלים, האבן זיי געהאט א היבש ביסל רויב, אבער ווען זיי האבן געוואלט פארלאזן די שטוב און ארויסגיין, זענען זיי געווארן ווי צוגעשמידט צו זייערע ערטער, זיי הבן נישט געקענט רירן מיט קיין האנט ביז ביז איך בין געקומען און געבעטן דעם אלטן רב ער זאל אראפנעמען פון זיי די שטראף ערשט ווען זיי האבן צוריקגעגעבן די גאנצע גניבה האבן זיי געקענט גיין.

* * *

דער פריץ פונעם שטעטל האט ווייטער דערציילט די מעשה. ווען איך האב געזען דעם דאזיגן גרויס וואונדער האב איך דאך באלד פארשטאנען אז דא האב איך צו טאן מיט נישט קיין פשוט'ן מענטש א ג-טליכער מאן, האב איך אים געבעטן ער זאל מיך בענטשן מיט צוויי ברכות איינס, אז איך זאל האבן קינדער ווייל ביז דעמאלט האב איך נישט געהאט קיין קינדער, און צוויי אז איך זאל לעבן לאנג,

דער ראבין איז נאכגעומען מיין בקשה ער האט מיך געבענטשט און אנגעוואונטשן צו האבן קינדער, און אויך א לאנג לעבן.

איך האב געזען אז דער ראבין איז גוט צו מיר האב איך אים געבעטן ער זאל מיך אויך זאגן ווי לאנג איך וועל נאך לעבן, ווייל זייענדיג שטענדיג פארוויקלט אין מלחמות האב איך געוואלט וויסן ווען מיין ענדע וועט זיין.

דערויף האט מיר דער ראבין גוזאגט: דער סוף פון יעדן מענטש איז פארהוילן און פארבארגן, דאס איז נישט א זאך וואס מען קען אויפדעקן, אבער א סימן קען איך דיר יא געבן, וואס דערפון וועסטו וויסן אז עס איז געקומען דער סוף און דו דארפסט זיך גרייטן צו גיין פון דער וועלט, דאס וועט זיין, ווענעס וועט פאסירן ביי דיר א געשעעניש וואס צוליב דעם וועסטו דארפן דערציילן פאר אידן איבער מיר, אידן וואס האבן מיך נישט געקענט און האבן נישט געוואוסט וועגן מיר דעם אמת, דאן ווען דאס וועט פארקומען זאלסטו וויסן אז דעמאלט איז געקומען די צייט ווען דיין לעבן האלט זיך ביים ענדיגן.

די ברכה פון יענעם ראבין יעקב יוסף פון פולנאה איז מקויים געווארן – האט די פריץ געזאגט ווי איר זעהט האב איך זוכה געווען צו א לאנג לעבן, אויך מיט קינדער בין איך באשאנקן געווארן,

יעצט אז די דאזיגע מעשה די קריגעריי צווישן דעם פארפאלק איז פארגעקומען און איך האב געזען דעם נאמען פונעם מחבר פון יענעם ספר (תולדות יעקב יוסף) אז דאס איז דער זעלבער ראבין יעקב יוסף פון פולנאה וועלכער האט היך געבענטשט, האט עס מיר א שטאך געטאן אין הארצן, אויף אזא הייליגען מאן האסטו געוואגט צו רעדן שלעכטס האט די פריץ זיך געבייזערט אויף ר' זעליג – אזא ג-טליכער מאן האט מחבר געווען א הייליג ספר און דערפאר וואס דיין איידעם לערנט אין דעם ספר דערפאר טוסטו אים רודפ'ן, און דו ווילסט אז דערפאר זאל ער אפ'גט'ן זיין פרוי? ! איך וועל דאס נישט דערלאזן! און איך בין זיכער אז אויך אין הימל וועט מען דאס נישט דערלאזן! איר דארפט אייך שפירן גליקליך וואס אייער איידעם לערנט אין די הייליגע ספרים פון דעם גרויסן מאן, איך באפעל אז איר זאלט שלום מאכן צווישן זיך!

* * *

ר' זעליג און זיין בני בית און אלע אידן ארום האבן זיך איבערגעקוקט איינער מיט'ן צווייטן, זיי זענען געווארן איגנאנצן צעשרויפט פונדער דאזיגער וואונדערליכע מעשה וואס דער פריץ האט דערציילט, און עספאשטייט זיך אז זיי האבן תיכף שלום געמאכט און איינגעזען די גרויסע קדושה פון הייליגן מגיד פון פולנאה, דער תולדות יעקב יוסף,

צו לעצט האט זיך דער פריץ אנגערופן: אצינד זעה איך אז עס איז שוין געקומען מיין צייט זיך צו געזעגענען פון דער וועלט, איך בין אבער צופרידן וואס עס איז מיר געלונגען צוקיקצושטעלן דעם שלום בית צווישן א פארפאלק, א דאנק דעם וואס איך האב דערציילט די גרויסקייט פון אייער היליגען ראבין, איך האלט דאס פאר מיר פאר א גרויסע זכיה! – האט די פריץ דערציילט.

מיט עטליכע טעג שפעטער איז טאקע דער פריץ געשטארבן

**צו דערציילן ביים פסח טיש**

און אידן האבן אים דערמאנט צום גוטן, אז די ברכה פונעם גרויסן מגיד וואס ער האט געבענטשט אין דער נאכט פון פסח איז אים בייגעשטאנען אין דער מצוה פון ברענגען צו א שלום בין איש לאשתו,

דאס הייליגע ספר "תולדות יעקב יוסף" איז אנגענומען געווארן בכל תפוצות ישראל, און ווערט געלערנט דורך אידן בכל מקומות מיט יראת הכבוד...

---

**השם יתברך היט זיין פאלק**

עס איז געווען אין די פאר-פסח טעג אין די גרויסע אידישע קהלה פראג, מיט הונדערט יאהר צוריק. אין דעם אידשן פראגער געטא לאזט זיך גוט דעקענען דער פאר-פסח. אידישע הייזער ווערן גרינטליך אויסגערוימט און געררייניגט. און דער יום טוב שפירט זיך אין די לופט.

אידן זענען פאריאגט און פארפלאגט פון די גויים וואס וואוינען ארום. מ'שטופט זיך צונויף אין דעם ענגען געטא און פרנסה איז נישטא. אבער אידן פארלירן נישט זייער בטחון אין באשעפער, אידן געפינען פרייד און האפענונג לערנענדיג די תורה און היטנדיג די מצוות. איבערהויפט ווען עס קומט דער יום טוב פסח, דער פרייליכער פייער טאג פון פרייהייט, שפירט דער איד ווי דער יאך פון גלות ווערט אראפגענומען פון איהם און ער זיצט זיך אין שטוב ווי א קעניג. און שעפט מוהט און שארקייט פון די וואונדערליכע יציאת מצרים זכרונות.

ריכטיג, די שונאי ישראל האבן געזוכט צו צושטעלן די אידן אלעמאל אנדערע צרות און נגישות, פאר קנאה צו אידישע ימים טובים וועלכע דערפרייען דעם איד, פלעגן זיי שוין אויסגעפינען בלבולים זיי זאלן קענען נאכער העצן די אומוויסנדע קריסטליכע מאסן געגן די אידן. די גרויזאמסטע פון די בלבולים איז געווען די באוואוסטע "עלילת דם", אז אידן באניצן קריסטליך בלוט באקנדיג די מצות, טרערן און בלוט האבן די בלוט בלבולים געברענגט פאר די אידישע קהילות אין איירופע. די הויפט ראלע אין דעם פארברעכן האבן געשפילט די פינסטערע פאנאטישע גלחים, וועלכע האבן זיך נישט געקענט זעטיגן מיט אידישע צרות און ערנידערונגען, און פלעגן דארשטן נאך אידיש פארגאסן בלוט.

דער אידישער געטא אין פראג איז שוין געוואוינט מיט אזעלכע בלוט בלבולים וועלכע האבן זיי פארשאפט פאגראמען און פייניגונגען. אין שפיץ פון די שונאי ישראל איז געשטאנען דער גלח טאדעאוס וועלכער האט זיך געפונען אין די אזוי גערופענע "גרינע קירכע", און דארטן האט ער געשארפט זיינע וואלף-ציינער געגן די אידישע באפעלקערונג.

איבערהויפט ווען עס איז געקומען דער פאר פסח, איז טאדעאוס ערוועקט געווארן ווי א ווילדער טיגער, און בלוט-דארשטיג זיך אריינגעווארפן אין טייוולאנישע פלענער ווי אזוי צו פארווירקליכן א בלוט בלבול אויף די אידן און אזוי ארום פאראורטיילן צום טויט א צאל אידן און פאגראמירן די איבריגע.

דא איז שוין אין גאנצן א פאר טעג פאר פסח און מ'מוז ארבעטן אמשנעלסטן. די "גלאטע וועג" איז דאך שוין אויסגעטראטן...מ'כאפט א קריסטליך קינד און מ'הרג'עט עס און מ'טראכט אויס א בלבול אז אידן האבן איהם דער'הרג'עט כדי אריינצוטההון זיין בלוט אין די מצות. אבער ווי אזוי כאפט מען אין די איינצעלנע טעג א קריסטליך קינד, און עס דער'הרג'ענען, און אונטערווארפן אין א אידישע שטוב קיינער זאל עס נישט מערקן?

דער מוח פון טאדעאוס האט געארבעט און פארשידענע פלענער זענען איהם דורכגעלאפן פלוצלים איז דורכגעפלויגן א געדאנק וואס האט איהם ווי עלעקטעריזירט: "דער פיניוזער פאלאץ!"

דאס איז געווען א אלטער פארלאזענער פאלאץ, געבויט אויף א אלטמאדישן שטייגער. מ'האט איהם גערופן "דער פיניוזער

פלאץ", ווייל אנשטאט פיהר ווענט איז עם געווען געבויט מיט פינף ווענט. פאר די ווענט זענען געשטאנען פינף הויכע זיילן. צווישן די זיילן איז געווען פינף פענסטער. פון די מאהלערייען און אויסקריצונגען וואס האט זיך געפונען אין דעם פלאץ, האט מען געוואוסט אז אמאל מיט פיהל יאהרן צוריק האבן דא געוואינט געצנדינער וועלכע האבן געדינט צו די זון. אין יענע צייטן האבן דארטן געוואינט ארימע לייט. אבער געמאכט האט עס א איינדרוק ווי א פארצייטישע חורבה. פון אונטער די חורבה האט זיך געצויגן א גרויסער קעלער פארמאכט און פארשלאסן. עס איז ארומגעגאנגען שמועות אז דא אין קעלער געפינען זיך שדים און רוחות און פיהל מענטשן האבן געציטערט אפילו דורכצוגעהן נעבן דעם קעלער.

איז עס אלזא וואונדערבאר, ברומט זיך אונטער דער גלח טאדעאוס מיט א גיפטיגן נצחון שמייכל, אט דא דארף מען אונטערוואַרפן דעם קרבן. אבער וואו נעמט מען דעם קרבן און ווי ברייננגט מען איהם דא אין די פאר טעג. די צייט איז קורץ און מ'מוז ארבעטן שנעל.

דערווייל איז דער גלח ארויס אין דרויסן שפאצירנדיג אין גארטן וואו זיין משרת האט געוואוינט. דער משרת און זיין ווייב האבן געארבעט אין גארטן און זייערע קינדערלאך האבן זיך געשפילט אויפן באדן. אזוי שפילנדיג איז דער קליין אינגעל ארויסגעלאפן פונ'ם טויער. דא איז אונטערגעקומען דער גלח טאדעאוס מיט זיינע פינסטערע געדאנקען. וועגן א קרבן אונטערצוווארפן אין יענעם קעלער. ווען דער גלח האט באמערקט דעם קליינטשיגן, האט ער אים געגעבן א כאפ ביים הענטל און געפירט ביז דעם פינסטערן קעלער, וואו ער האט אים ארייננגעפירט דורך א געהיימען אונטערוועג, און צוגעגרייט אלעס צום בלוט בלבול....

אין דעם אידישן צענטער אין פראג גרייטן זיך שוין אלע צו בדיקת חמץ. מ'לויפט אין די גאסן, מ'איילט זיך אהיים צוגעהן.

אויך אין שטוב פון דעם אידישן מנהיג דער גאון מהר"ל זצ"ל, דער פראכט פון דעם פראגער אידנטהום. האלט מען שוין ביי בדיקת חמץ, דער מהר"ל געהט ארום מיט די ליכטל אין האנט און זוכט אין אלע ווינקלאך און שפאלטן. ווען ער האט געענדיגט און נעמט דעם סידור צו זאגן "כל חמירא דאיכא ברשותי"

איז פארלאשן געווארן דאס ליכטל. האט דער מהר"ל געוואונקען זיין אלטן שמש אברהם חיים און יענער האט אנגעצונדן דאס ליכט. האט זיך עס ווידער פארלאשן. אלע אנוועזנדע האבן זיך דערשראקן. דאס איז נישט אזוי גלאטיג. דאס פארלעשן איז דאך אן קיין שום אורזאך. דאס מוז עפעס באדייטן.

ענדליך האט דער מהר"ל געמוזט זאגן זיין אלטן שמש ער זאל אריין געהן אין דעם אנדער צימער און צוגעהן צום שיינענדן לאמפ מיטן סידור און זאגן מיט א הויכע שטימע די ווערטער" כל חמירא דאיכא ברשותי", און דער מהר"ל וועט עס נאכזאגן פון וואו ער שטעהט.

מיט א קלאפענדיגע הארץ איז דער אלטער שמש אברהם חיים אריין אין יענעם צימער און גענומען זאגן "כל חמירא", האט זיך איהם ארויס געזאגט פון מויל "דאיכא בחמשא", האט דער מהר"ל א געשריי געטוהן. נו ! נו ! איז דער שמש נאך מער דערשראקן געווארן און ווידער געזאגט: "דאיכא בחמשא..."

האט דער מהר"ל א קלאפ געטהון אין טיש און געזאגט:

-יא ! איך פארשטיי שוין. דא לאקערט אויף אונז א נייע צרה. מ'זוכט שוין אויסצולעשן דאס אידישע ליכט. יעצט פארשטיי איך שוין דאס ענטשיידונג פון דעם חלום וואס האט זיך מיר גע'חלום'ט פרייטיג צו נאכט פון שבת הגדול. אין מיין חלום האב איך געזעהן, האט דער מהר"ל פארגעזעצט מיט א ציטערדיגע שטימע, ווי דער "פיניווער פאלאץ" געהט אויף אין פלאמען, און דער פייער טראגט זיך אריבער צו די פענסטער פון די גרויסע שוהל ווען עס איז געפאקט מיט מתפללים, האב איך אנגעפאנגען צו שרייען א גרויס געשריי אין מין שלאף און איך בין גלייך אויפגעשטאנען.

יעצט פארשיי איך שון פארוואס דעם שמש אברהם חיים איז ארייננגעפאלן אין מויל די ווערטער "דאיכא בחמשא", וואס באדייטן אז אין "חמשא", דאס הייסט אין דעם "פיניווער פאלאץ" געפינט זיך עפעס א "חמץ" וואס מ'דארף אויסראמען, עפעס א צרה ליגט דארטן באהאלטן וואס א שונא ישראל האט צוגעגרייט פאר אונז. דאס איז דער פייער וואס איך האב געזעהן אין מיין חלום ווי ער פלאמט ארויס פון דעם פיניווער פאלאץ צו די זייט פון שוהל, ווען דארטן איז געווען פוהל מיט אידן...

דער מהר"ל האט אנגעהויבן אריינצוקלערן וואס פאר א צרה עס איז מעגליך ס'זאל ארויסקומען פון דעם אלטן חורב'דיגן פאלאץ, ער האט געגומען פארשן ביי די אנוועזנדע וואס ווייסן זיי עפעס וועגן דעם ארט, אבער פון קיינעם איז נישט געווען ארויסצונעמען א געוויסע זאך וואס מ'קען אננעמען פאר ערנסט.

ענדליך האט זיך אנגערופן דער אלטער שמש אברהם חיים אז ער געדענקט פון זיינע קינדערישע יארן,האט מען געשמועסט, אז א באהאלטענע הייל (מערה) ציהט זיך פון דער גרינער קירכע" ביז דעם קעלער וואס אונטער דעם פיניוורער פאלאץ.

א ציטער איז באפאלן דעם מהר"ל'ס געזיכט. ער האט גלייך ערקלערט אז ער גלויבט אז די האנט פון דעם פארשאלטענעם שונא ישראל דעם גלח טאדעאוס וועלכער וואוינט אין די גרינע קירכע, שטעקט אין די צרה וואס ערווארטעט די אידן אין פראג. אלזא מען מוז שוין צוגעהן עפעס טהון. מ'טאר נישט פארזאמען קיין מינוט. פון הימל האט מען געוויזן א רמז און מיר דארפן שוין טהון וואס נאר מעגליך איז.

די גאנצע צייט וואס די קינדער האבן זיך געשפילט אין גארטן איז זייער פאטער, דער משרת פון די גרינע קירכע, געווען פארנומען, מיט זיין פרוי איז זייער געוועגליכע טאג טעגליכע ארבעט ביים קלויסטער און ביים גארטן, ווען די נאכט האט זיך אונטערגערוקט און די קינדער האבן אנגעהויבן אהיים צוגעהן, האט די מוטער געמערקט ווי דאס קליינטשיקס פעלט. זייענדיג איינגעזונקען אין שפיל האבן זיי, די ברידערלאך, גארנישט געמערקט ווי דער קליינער איז ארויסגעלאפן איבערן טויער פון גארטן און ווי דער גלח טאדעאוס האט איהם גלייך אריינגעכאפט אין זיינע לאפעס. עס איז געווארן א געשריי א ליארעם, אלע האבן זיך צושפרייט אין אלע ווינקלעך זוכן דאס קליין קינד, אבער אן ערפאלג, דא איז שוין אריבער א שעהנע פאר שעה און דער קינד איז ווי אין וואסער אריין, פרעג דעם, פרעג יענעם, קיינער ווייסט נישט וואס צו זאגן.

פלוצים וואקסט אויס דער גלח טאדעאוס וועלכער פרעגט, וואס איז דא פאר א טומל. מיט טרערן אין די אויגן דערצעהלט איהם די מוטער וואס פאר א אומגליק איהר איז געשעהן, איהר קליין קינד איז פארשוואונדן געווארן און קיינער וויסט נישט פון איהם.

דער גלח האט אנגעשטעלט א פאזע פון ערנסטקייט און מיטלייד. ער האט זיך אנגערופן מיט א געלאסענע שטימע אז ער מיינט אז דאס קינד איז ערגעץ וואו אנטלאפן. ער האט צוגעגעבן אז זיין הארץ קלאפט איהם זייער צום גורל פונ'ם קינד. מיט א טיפן זיפץ האט ער געזאגט: היינט איז דאך ערב פסח ביי אידן. ווער ווייסט אויב די אידן האבן נישט געכאפט דעם קינד. זיי מוזן דאך אריינטהון אין זייערע מצות בלוט פון א קריסטליך קינד. איך האב שטארק מורא אז דאס קינד איז אריין געפאלן אין אידישע נעגל און זיי האבן איהם פאר א קרבן געמאכט...

ווען די מוטער האט דאס דערהערט, איז איהר נשמה שיעור ארויסגעפלויגן פון איהר. דא איז דער גלח אריבער אויף גוטע רחמנות'דיגע מיטלייד רייד. מ'דארף זיך מוהטיגן און שטארקן. וואס איך האב געזאגט איז דאך נישט קיין זיכערע זאך. און עס קען זיין אז מ'קען נאך ראטעווען דיין קינד. די הויפט זאך איז דאס ער איז פארשוואונדן געווארן. אבער כדי די פאליציי זאל גוט זוכן אין די אידישע הייזער, און עס קען גאנץ מעגליך זיין אז מ'וועט איהם געפינען דארטן לעבעדיג, דארפסטו זיי זאגן אז פארנאכט ווען דו ביסט געגאנגען פארמאכן דעם גארטן-טויער האסטו געזעהן פון דערווייטנס ווי א איד טראגט אויף זיינע פלייצעס א זאק און אין דעם זאק האט זיך עפעס געשאקלט. דו זאלסט פאדערן שטרענג אז די פאליציי זאל גאר גרונטליך אונטערזוכן אלע אידישע הייזער און קעלערס. דו זאלסט אויך צוגעבן אז דו ווילסט אז דער גלח טאדעאוס זאל אויך צושטעהן צו די אונטערזוכערס, ווייל ער איז באקאנט אין אלע אידישע ווינקלאך.

ווי א פייל פון בויגן, איז געלאפן די מוטער פון דעם פארשוואונדענעם קינד, צו די פאליציי סטאנציע און געמאלדן איהר ביטערן אומגליק, צולייגנדיג אלעס וואס איהר "פריינד" דער גלח טאדעאוס האט איהר געלערנט.

ביי די פאליציי האט מען איהר צוגעזאגט אז גלייך אינדערפריה וועט געמאכט ווערן א שטרענגע אונטערזוכונג אין דעם אידישן צענטער צוזאמען מיטן גלח טאדעאוס.

שוין גאנץ שפעט אין דער נאכט. אין די שטאט פראג שלאפן די איינוואוינער רוהיג און שטיל. א שווערער ארבעט טאג איז אריבער אויף די אידן אין דער פראגער געטא, ביז עס האט געלונגען גענצליך ארויסצוראמען דעם חמץ פון שטוב

אין אלע ווינקעלאך. רוהיג שלאפן די אידן און שפירן גארנישט די געפאר וואס שוועבט אויף זייערע קעפ, קיינער פון זיי ווייסט נישט וואס דא האט זיך אפגעטוהן, וואס דער צורר היהודים דער רשע טאדעאוס האט פאר זיי צוגעגרייט אויף מארגן. קיינער האט נישט געזעהן ווי דער גלח האט אריינגעשלעפט דאס קריסטליך קינד דורך די הייל וואס געהט פון די גרינע קירכע צום קעלער אונטער דעם פיניווער פאלאץ. דארטן האט ער דער'הרג'עט דאס קינד און ארייינגעטהון די בלוט אין פיהל פלעשלאך און אויפגעשריבן אויף יעדן פלעשל דעם נאמען פונ'ם מהר"ל, די דיינים און נאך נכבדים פון די אידישע קהילה. דאס קערפערל האט ער איינגעוויקעלט אין א טלית און באהאלטן אין א קעסטאלע וואס ער האט ארייינגערוקט אין א ווינקאלע. (אפטהוענדיג די ארבעט, איז ער געגאנגען מיטלייד נעמען מיט די אומגליקליכע מוטער...)

קיינער האט נישט געוואוסט דערפון. אבער דער באשעפער וואס היט זיין פאלק ישראל, "הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל", האט עס ענטפלעקט פאר זיין געטרייען דינער דעם מהר"ל, דורכן חלום וואס האט זיך איהם גע'חלומ'ט פרייטיג צו-נאכט פון שבת הגדול און דורכן "בחמשא" וואס איז ארייינגעפאלן אין מויל פונ'ם אלטן שמש.

פאר האלבע נאכט איז דער מהר"ל מיט זיין געטרייען אלטען שמש אברהם חיים געגאנגען שטיל צום ריכטונג פון דעם "פיניווער פאלאץ", מבער צו זיין דעם "חמץ". נאך איינעם האבן זיי מיטגענומען. דאס איז געווען "יאסעלע גולם", א מענטש וואס דער מהר"ל מיט זיין הויכן גייסט און טיפע סודות לערנונגען האט איהם באשאפען דורך באהאלטענע הימלישע כוחות, מיטן צוועק צו ראטעווען אידן פון צרות. שטארק איז ער געווען אומנאטירלאך און געגאנגען פאר זיין רבין זיין שאפער, אין פייער און וואסער.

אראפגעהנדיג אין קעלער האבן זיי אנגעצונדן דריי הבדלות ליכטיג צו מאכן דעם פינסטערן קעלער. אבער דא האט זיך דערהערט ווי פון דערווייטנס וואויעט א ווינט און ווי א הינט בילעריי. האט דער מהר"ל געזאגט דריי מאהל "יושב בסתר עליון" און דער ווינט האט זיך געשטעלט אבער באלד האבן אנגעהויבן צו פאלן שטיינער פון די כיפה אין דער הויך, איז דער מהר"ל שטעהן געבליבן און געזאגט זיין אנדערן "שמש" יאסעלע גולם ער זאל געהן מיט די הבדלה און גוט נאזוכן אין קעלער און ווען ער וועט געפינען עפעס א פארדעכטיגטע זאך, זאל ער עס גלייך ברענגען.

יאסעלע האט זיך גלייך גענומען צו דער ארבעט און גענומען זוכן אין אלע ווינקאלעך. עס האט נישט גענומען פיהל צייט און יאסעלע האט זיך אומגעקעהרט שלעפענדיג א פארמאכט קעסטל וואס איז גלייך אויפגעפענט געווארן. זיי זענען אויפגעטרייסלט געווארן דערזעהענדיג פאר זיך א טויט קינד איינגעוויקלט אין א טלית און צענדליגער פלעשלאך מיט בלוט פארצייכענט פארשידענע אידישע נעמען.

דער מהר"ל האט גלייך געזאגט יאסעלע ער זאל שוין נעהמען דעם טויטן קערפער פונם קינד און אריבער טראגן, דורך די הייל, צום קעלער פון די גרינע קירכע וואס טאדעאוס וואוינט, און עס גוט באהאלטן צווישן זיינע פעסער וויין, יאסעלע האט ערפיהלט זיין שליחות ווי געהעריג און ביז א האלבע שעה איז ער שוין געווען צוריק און געוואונקען דעם מהר"ל אז אלעס איז שוין אין ארדענונג. דער מהר"ל האט דערוויל באגראבן טיף אין דער ערד די אלע פלעשלאך אז עס זאל נישט זיין צו דערקענען.

ערב פסח אין דער פרי. די אידן פון פראג האבן אנגעהויבן זייערע צוגרייטונגען צום יום-טוב, פלוצים האט זיך דערהערט א טומל אין גאס. פאליציי מיט פיהל זעלנער האבן זיך צולאזט אין דעם אידישן צענטער צוזאמען מיטן גלח טאדעאוס און געזוכט גרונטליך אין אלע אידישע הייזער. אנגעפאנגען ביי דער גרויסער שוהל, נאכער ביים מהר"ל און אנדערע נכבדים פון די אידן.

אינצווישן איז ארום געגאנגען פון מויל צו אויער א ידיעה אז דער מהר"ל זאגט אז עס איז נישטא קיין ארט צו זיין אומרוהיג. מ'קען אומגעשטערט פארזעצן די צוגרייטונגען צום פסח.

ווען זיי זענען דורך געגאנגען דעם פיניווער פאלאץ האט טאדעאוס געמאכט אויפמערקזאם די פאליציי אז עס איז כדאי צו זוכן דארטן אפשר האבן די אידן דארטן באהאלטן. די פאליציי האבן זיך ארייינגעלאזט און געזיכט נישט איבער געלאזט קיין איין איינציג ווינקעל, אבער אן ערפאלג. טאדעאוס אליין האט גענומען זוכן דעם קעסטאלע וואס ער האט באהאלטן, אבער צו זיין בעדויערן האט ער גארנישט געפונען. פארשעמטערהייט איז ער ארויס פון דארט. די פאליציי האט גלייך אפגעצויגן, און דאס אידישע פראג האט

פריי אפגעאטעמט.
אין א צייט ארום האט דער גלח פארלאנגט פון זיין משרת (ביי וועלכן דער גלח האט צוגערויבט דעם קינד) ער זאל איהם ברענגען א געוויסן וויין פון קעלער.
דער משרת איז גלייך אראפ אין קעלער צוזאמען מיט זיין הונט ווי זיין שטייגער איז געווען. דער הונט האט גלייך דערשפירט דעם ריח פון דעם קערפער וואס איז געלעגן צווישן די פעסער וויין, און ער האט אנגעהויבן צו בילן און שארן מיט זיינע פיסלאך אין יענעם ארט. דער משרת איז גלייך צוגעגאנגען אין יענעם ריכטונג. ער האט גלייך דערזעהן זיין אומגליק דערקענענדיג זיין געהרג'טע קינד. דער משרת איז גלייך געגאנגען צו די פאליציי און זיי געמעלדעט וועגן זיין טראגישע אנטפלעקונג. די פאליציי האבן גענומען דעם גלח אויפן פארהער. ענדליך איז ער געווארן געבראכן און האט מודה געווען. ער האט אפן ערקלערט אז ער האט געוואלט שאפן א בלוט בלבול אויף די פראגער אידן.
ער איז פאראורטיילט געווארן אויף לעבנסלענגליכע טורמע.
און די אידן פון פראג מיט זייער באליבטן רב דער מהר"ל זיין זכות זאל מגין זיין אויף אונז, האבן דאן געפראוועט א פרייליכען לוסטיגן יום-טוב פסח.

---

איינמאל ביים סדר האט מען מגלה געווען פאר דעם הייליגן בארדיטשובער רב זצוק"ל, אז כאטש ער האט מכוון געווען ביי זיין סדר אלע כוונות, פונדעסטוועגן געפונט זיך אין שטאט א פשוט'ער איד מיטן נאמען "חיים טרעגער", וואס זיין סדר האט געמאכט א גרעסערן איינדרוק אין הימל פון דעם בארדיטשובער רב'ס סדר!
דער בארדיטשובער רב האט זיך געפרואווט דערמאנען צי עס איז פארהאן א איד מיט דעם נאמען, אבער ער האט נישט געדענקט.
אויפצומארגנס האט ער געפרעגט זיינע חסידים צו זיי איז באקאנט א איד מיט'ן נאמען חיים טרעגער.
אבער חים דער טרעגער איז געווען זייער א באשיידענער, אז קיינער פון די חסידים האט פון אים נישט געהערט. ענדליך האט זיך איינער דערמאנט אז אין שטאט איז טאקע פארהאן א טרעגער מיט'ן נאמען חיים, אבער וואו ער וואוינט דאס ווייסט ער נישט.
עס וואלט גוט געווען ווען איינער זאל דעם טרעגער אויפזוכן - האט דער הייליגער בארדיטשובער רב זיך אנגערופן, און מען זאל אים ברענגען צו מיר.
זעלבספארשטענדליך אז די חסידים האבן זיך גלייך פארשפרייט איבער'ן שטאט זוכן דעם טרעגער. נאך פיל זיכענישן איז מען דערגאנגען וואו דער טרעגער וואוינט, דאס איז געווען א קליין איינגעפאלענע הייזקע אין עק פון שטאט.
ווען די חסידים זענען אריינגעקומען צו דעם טרעגער אין שטוב, האבן זיי אים געטראפן שלאפן אויף אַן אלטע צובראכענע בעט, אויסגעבעט מיט עטליכע צוריסענע שמאטעס.
איינער איז צוגעגאנגען און געפרואווט אויפוועקן דעם שלאפענדן טרעגער, אבער צו זייער גרויס וואונדער האט זיין פרוי זיי געזאגט: איר וועט אים נישט קענען דערוועקן, ער איז שיכור!
די חסידים וועלכע האבן געוואלט ערפילן דעם רבי'נס פארלאנג, האבן זיך נישט גערירט פון ארט ביז דער טרעגער איז אויפגעשטאנען, דערנאך האבן זיי אים מיט גרויס כבוד אפגעפירט צום רבי'ן.
דער בארדיטשובער רב האט מיט שטוינונג געקוקט אויף דעם ארעמען טרעגער. דער טרעגער האט זיך זייער נישט גוט געפילט אין אזא חשוב'ן מעמד, פארציטערטערהייט האט ער זיך ארומגעקוקט, געווארט מען זאל אים שוין וואס שנעלער לאזן פריי, צו גיין צוריק צו זיין בעט.
" -קום מיין זון" - האט דער בארדיטשבער רב געזאגט - "האסטו דעם שבת הגדול געזאגט 'עבדים היינו"...?'
" -יא" - האט דער טרעגער געענטפערט.
" -האסטו בודק חמץ געווען?" - האט דער רבי ווייטער געפרעגט.
" -יא."
" -האסטו אפגעריכט א סדר"?
דער חיים איז געבליבן שטיין צוטומעלט, קענטיג אז עס איז

אים שווער געווען צו ענטפערן אויף דער שאלה. דער בארדיטשובער רב האט פריינטליך צו אים געקוקט און מיט זיין שמייכל געשטארקט דעם טרעגער'ס געמיט, ענדליך האט ער דערציילט מיט א ציטערדיגע שטימע:

איך וועל דערציילן דעם אמת... איך בין א איד... און איך וייס אז חמץ איז פארבאטן אום פסח, אבער וואס זאל איך טון אז איך מוז אנקומען צום "ביטערן טראפן", וואס זאל איך טון די וואך פון פסח, וועל איך זיך דען קענען איינהאלטן פון טרינקען אזא לאנגער צייט? האב איך זיך בארעכנט און ערב פסח אינדערפרי זיך אנגעטרונקען עס זאל גענוג זיין פאר דער גאנצער צייט...

פארשטייט זיך אז נאך אזא טרינקען בין איך שטארק מיד געווארן און איינגעשלאפן, ביינאכט האב איך געפילט אז מען וועקט מיר, מיין ווייב האט מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן אז איך זאל אויפשטיין פראווען דעם סדר ווי אלע אידן.

כאטשיג איך בין נאך שטארק שלעפעריג געווען בין איך אבער אויפגעשטאנען פון בעט, קלאר וויאזוי צו פירן א סדר האב איך נישט געוואוסט, דעריבער האב איך געזאגט צו מיין פרוי: דו ווילסט אז איך זאל פראווען א סדר? פון וואו זאל איך אבער וויסן וויאזוי, כ'בין נישט קיין תלמיד חכם, כ'האב קיינמאל נישט געלערנט, אויך מיין טאטע איז געווען אַן אומוויסענדער ווייל אים האט מען אויך נישט געלערנט תורה קיינמאל, צו איין זאך האט ער מיר ערצויגן: צו מורא האבן און ליב האבן דעם איינציגן באשעפער און מקיים זיין זיינע מצוות, און דאס וואס איך וויס קען איך אויך דיר זאגן:

"אונזערע עלטערן זענען געווען קנעכט ביי די מצריים - א ווילד שלעכטע פאלק אזיווי ציגיינער, דער אויבערשטער האט אויף זיי רחמנות געהאט און זיי אויסגעלייזט פון דעם ביטערן גלות. אויך היינט זענען מיר אין גלות מיר ליידן און מוטשען זיך ביי די שונאי ישראל, אבער איין זאך איז זיכער אז אויך היינט וועט אונז דער אויבערשטער בקרוב אויסלייזן פון דעם ביטערן גלות."

ווען איך האב געענדיגט דאס אלעס אפזאגן ביך איך צוגעגאנגען צום טיש אפגעגעסן די יום-טוב'דיגע סעודה, אויסגעטרינקען די פיר כוסות וויין, געדאנקט און געלויבט השי"ת אויף זיינע גרויסע חסדים און זיך צוריקגעלייגט שלאפן.

די אנוועזנדע זענען גערירט געווארן ביז טרערן פון די תמימות'דיגע רייד פון דעם טרעגער. דער בארדיטשובער רב האט דעם טרעגער צוריקגעשיקט אהיים און דאן זיך אנגערופן צו די חסידים:

"לערנט זיך ביז וואו דערגרייט דער כח פון אמת'דיגע תמימות, א פשוט'ער איד וועלכער לעבט איינפאך זיינע אלע יארן, אַן אומוויסנדער און נישט קיין געלערנטער און דאך ווען ער האט אפגעזאגט פסח ביי דער נאכט זיינע תמימות'דיגע רייד מיט א גוטע כוונה מיינענדיג צו מקיים זיין דעם אויבערשנט'ס רצון, איז דערפון געווארן א רעש אין הימל...

ווייל עס איז באליבט פאר'ן אויבערשטן דאס ביסל וואס א איד טוט מיט א ריינע כוונה, מער ווי גרויסע אויפטיהונגען וועלכע זענען אָן קיינע ריכטיגע כוונות.

---

## מגילת אסתר פסח ביינאכט

הרה"ק רבי יוסף מאיר פון ספינקא בעל "אמרי יוסף" זיע"א פלעגט דערציילן יעדע יאר דעם צווייטן נאכט פון פסח, אז עס איז געווען א יונגערמאן וואס האט געענדיגט אפרעכטן דעם סדר די צווייטע נאכט פסח און האט שוין געזאגט שיר השירים און האט מאריך געווען מיט סיפור יציאת מצרים, און עס האט אים נאך נישט געכאפט דאס שלאף, האט ער זיך מיישב געווען אז אזוי ווי יעצט דעם צווייטן טאג פסח איז דאך דער זמן פון סעודת אסתר, במילא האט ער אנגעהויבן צו ליינען מגילת אסתר.

אזוי ווי ער האט געענדיגט ליינען די מגילה האט זיך באוויזן צו אים א נשמה און אים געבעטן א תיקון, האט איר דער יונגערמאן געפרעגט וואספארא שייכות האט זי צו אים וואס

זי בעט פון אים א תיקון, האט דער נשמה געענטפערט און האט דערציילט אז עס איז פאראן נשמות וואס נאך דעם וואס זיי זענען שוין גע'משפט געווארן און באקומען וואס זיי דארפן באקומען קענען זיי נאך האלץ נישט אנקומען צו זייער רוה אין גן עדן, ווילאנג זיי האבן נישט א ספעציעלע זכות, אבער יעדעס יאר ווען מען לייַנט די מגילה עפענט מען די טויערן פון גן עדן וואס דעמאלס קען יעדער אריין גיין, דערפאר שטייען שוין לאנגע שורות פון טויזנטער און צען טויזנטער נשמות פון חדשים פריער לעבן דעם טויער ווארטענדיג די טויער זאל געעפענט ווערן,

אבער ווי באלד דאס לייַנען די מגילה דויערט נישט מער ווי עטליכע שעה קענען נישט אלע נשמות אריין גיין, און ווער עס בלייבט ארויס מוז ווארטן אויף די קומענדיגע יאר ווען מען וועט לייַנען די מגילה, און איך –דערציילט ווייטער די נשמה: האב זיך אויך געשטעלט אין די רייע ווארטן אריין צו גיין, און שוין עטליכע יאר וואס עס איז מיר נישט געלונגען אריין צו גיין, אויך דאס לעצטע יאר האט מען פארשפארט די טויער פינקט ווען איך האב געדארפט אריין גיין, דערפאר האב איך מחליט געווען נישט אוועק צו גיין פון טויער ביז די קומענדיגע יאר.

אזוי שטייענדיג און ווארטנדיג אריין צו גיין האב איך געהערט ווי מען לייַנט די מגילה, האב איך גענומען קלאפן אויפן טויער פון גן עדן מען זאל מיר עפענען, ווייל מען לייַנט דאך יעצט די מגילה, דער שומר וואס האט געהערט קלאפן אויף'ן טויער איז ארויס געקומען און געזאגט אז אמת מען לייַנט יעצט די מגילה אבער אזוי ווי יעצט איז נישט די צייט צו לייַנען די מגילה קען זי נישט עפענען די טויער, אבער איך האב גע'טענ'עט אז ווי באלד מען לייַנט יעצט די מגילה איז ער מחוייב מיר אריין צו לאזן אפילו עס איז נישט די צייט צו לייַנען.

דערצווישן איז ארויס געקומען איינער פון בית דין של מעלה און געזאגט אז דער שומר הפתח איז גערעכט, און נאר ווען מען לייַנט די מגילה אין צייט דעמאלס עפענט מען די שערי גן עדן, אבער מען געט איר די געלעגנהייט אראפ צו גיין צום יונגערמאן וואס האט יעצט געליינט די מגילה און אויב ער וועט פסק'ענען אז זי קען אריין גיין וועט מען איר אריין לאזן.

**עד כאן הסיפור.**

**הערה :**די זקני החסידים פלעגן דערציילן אז דער "אמרי יוסף" איז געווען א גרויסער דייקן און נאך דערציילן סיפורים, און ער פלעגט נישט דערציילן א סיפור אן דעם וואס ער זאל זאגן א מקור פון ווי ער האט דאס געהערט, און א נאמען פון דעם בעל העובדא, און נאר ביי דעם סיפור האט ער דערציילט אן א מקור און אן א נאמען פון דעם "יונגערמאן", ממילא איז מסתבר אז דער יונגערמאן איז נישט געווען קיין צווייטער נאר ער אליין) .**הגדה של פסח - ספינקא(**

---

## די רעביצן וויל פסח'דיג מאכען די קישענעס

דער הייליגער "חפץ היים" זצ"ל איז געוועהן א מורא'דיגער מתמיד אין זיינע עלטערע יארן און נאך מער אין זיין יוגנט. ער פלעגט גאנצע טעג פארברענגען אין בית המדרש איבער זיינע ספרים. פאר יעדן איז געוועהן באקאנט די פלייסיגקייט פון דעם הייליגן "חפץ חיים" זצ"ל. אזוי גרויס איז געוועהן זיין ליבשאפט און חשק צו לערנען אז ער פלעגט זיצן שעה'ן לאנג און לערנען אן אויפהער. עס איז אפילו שווער געוועהן פאר אים זיך אוועקצורייסן פון זיין לערנען אהיימצוגיין עפעס עסן. יעדער מינוט פון לערנען איז געוועהן ביי אים אזוי טייער אז די צייט וואס עס האט געדויערט אהיימצוגיין פון בית המדרש איז געוועהן א שאד צו פארלירן. אזוי פלעגט דער "הפץ חיים" אפזיצן גאנצע טעג און אפילו נעכט אין בית המדרש. אויב ער האט זיך אמאל געפילט צו מיד אז ער האט נישט געקענט ווייטער לערנען, האט ער ארויס גענומען צוויי קליינע קישענעס וואס ער האט מיטגעברענגט פון דער היים און זיך אראפגעלייגט אויפ'ן באנק זיך אפצורוען אביסל.

איינמאל, ווען דער "חפץ חיים" איז געזעצן ווי געוועהנליך אין ביהמ"ד האט ער געהערט ווי דער גבאי צדקה גייט ארום און נעמט צוזאמען געלט צו קויפן בעט צייג פאר א ארימע כלה. דער "חפץ חיים" האט זיך גלייך אויפגעהויבן פון פלאץ, צוגעגאנגען צום שאנק וואו ער האט געהאלטן זיינע קישענעס און פריילייכערהייט עס איבערגעגעבן פאר דעם גבאי צדקה.

"איך וועל מיך קענען אן עצה געבן אן די קישענעס", זאגט אים דער "חפץ חיים", "און איך פריי מיך אז עס איז מיר אינטער געקומען אזא געלעגנהייט צו דערפרייען א ארימע כלה".אויך האט ער געבעטן דעם גבאי צדקה ער זאל קיינעם נישט דערציילן פון דעם.

אזוי איז אריבער דער ווינטער און קיינער חוץ דער גבאי צדקה האט נישט געוואוסט פון דימעשה פון דעם "חפץ חיים" און די אלע נעכט איז דער "חפץ חיים" געשלאפן אויפ'ן הארטן באנק אן קישענעס.

ווען עס האט זיך דערנענטערט דער יום טוב פסח, האט די רביצ'ן פון "חפץ חיים" אים געבעטן ער זאל אהיימברענגען די קישענעס כדי זי זאל עס קענען רייניגן און אויסוואשן לכבוד יום טוב. ערשט דעמאלץ האט איר "דער חפץ חיים" אויסגעזאגט אז די קישענעס זענען שוין לאנג נישט זיינס...

**עסען און טרונקען און זיך שפירן ווי אינדערהיים**

די נאכט פון ערב פסח פון יאר תרפ"ו, נאכדעם ווי דער ירושלימ'ער רב, הגאון ר' יוסף חיים זאנענפעלד זצ"ל, האט געענדיגט בודק חמץ זיין, קלאפן אן אין זיין טיר פיר אידן, פון די חשוב'ע ראשי הקהלה אין בודאפעסט, און דרוקן אויס זייער באגער צו זיין ביים רב'ס סדר, צוגעבנדיג אז זיי וועלן באצאלן די הוצאות פון דער סעודה. "איר קענט געזונטערהייט זיין ביים סדר" זאגט ר' יוסף חיים, צוגעבנדיג, "און איך וועל ביי אייך נעמען דאס געלט."

זיי האבן געטון ווי זיי האבן געזאגט, און אוועקגעלייגט א שיינעם סכום אויפ'ן טיש. דער רב האט זיך נישט געדונגען מיט זיי צו פרובירן צוריקצוגעבן טייל פונעם געלט, נאר ער האט אלץ גענומען, טראצדעם וואס דאס האט באטראפן פיל מער ווי די קאסטן פון איין סדר-סעודה.

תענוג רוחני אין דעם ערשטן טאג חול המועד פון ארץ ישראל, קומט פלוצלונג דער רב אן אין האטעל "אמדארסקי" וואו זיינע געוועזענע געסט, די ראשי הקהלה, זענען איינגעשטאנען, ער קלאפט אן אויף זייער טיר, און זיי נעמען אים אויף מיט כבוד. דער רב האט זיך צושמועסט מיט זיי, און דערנאך נעמט ער ארויס דאס געלט וואס ער האט באקומען פון זיי ערב יום טוב, און לייגט דאס אוועק אונטער דעם טישטעך. די מענטשן האבן גארנישט געקענט טון דערגעגן, זיי האבן דאן נישט געקענט אומקערן אים, ווייל אפהיטנדיג דעם צווייטן טאג יום טוב פון חוץ לארץ, איז דאך דאס געווען מוקצה פאר זיי נאר איינער פון זיי האט געפרעגט:

ענטפערט דער רב: עס איז דאך דער יום טוב פון זמן חירותינו. און איך האב פארשטאנען אז עס וועט נישט זיין קיין שלימות'דיגע חרות פאר אייך צו עסן יענעמס עסנווארג, דאס וועט ביי אייך זיין "נהמא דכסופא", און איר וועט שפירן דעם טעם פון א קנעכט וואס עסט ביי זיין האר, נישט ווי בני חורין. דעריבער האב איך ביי אייך גענומען דאס געלט, אז איר זאלט שפירן אז איר עסט אייגנס, און איר וועט זיך פילן ווי ריכטיגע בני חורין, און דערצו וועט איר אויך נישט קארגן ביים עסן. אבער אצינד, נעמט אייך צוריק דאס געלט, ווייל חלילה וחס אז איך זאל נעמען לוינונג פאר די מצוה פון הכנסת אורחים

---

**עלילת דם אין ראגוזא**

**די שטאט ראגוזא**

אין יאר ה' אלפים שפ"ג אין די שטאדט "ראגוזא" אין שפאניען, איז געווען א ריזיג באפעלקערטע שטאדט, און א גאנץ בעזונדערע רייכע קריסטליכע הערשאפט.

ארום און ארום איז זי געווען פערצוימט און בעשיצט פאר א איבערפאל פון א שונא, מיט הויכע שטיינערנע מויערן, וואו עס זענען געמאכט געווען נאר אייניגע גראבע אייזערנע טהירן, און בעוואפנטע וועכטער האבן זיי געהיטן טאג און נאכט.

צו "ראגוזא" האבן אויך געהערט די ארומיגע דערפער, וועלכע זענען געווען רייך און אנגעפילט מיט פיעל פרוכטבארע פעלדער און גערטנער. נאטירליך איז דארט אויך געווען א קיהלע פרישע לופט און די ראגוזער בעפעלקערונג, איבערהויפט די יוגנד, פלעגן דארט שטענדיג שפאצירן. פון אידן האבן זיך דארט נאר געפונען בערך 20 פאמיליעס. נאר קיין גלייכע בירגער רעכט, מיט אלע איבריגע נישט אידישע איינוואוינער האבן זיי נישט באקומען, און זענען אלע געווען פערשפארט אין א שמוציגן טייל פון אונטער דער שטאדט, וועלכעס האט זיך גערופן "געטא."

די בעציהונג פון דער מאכט צו זייערע אידישע אונטערטאהנען איז, - ווי איבעראל אין יענער צייט - געווען א העכסט פיינדליכע, און זיי האבן די אידן געדריקט מיט שווערע אונטערעגליכע גזירות.

איבערהויפט האט זיך די גאנצע רעגוזער באפעלקערונג, מיט זייער הערשאפט בראש, געהאלטן ביי דעם מורא'דיגן אידן-פרעסערישן געדאנק, וואס האט אין יענער צייט, נישט ווייניג אידיש בלוט פערגאסן, - אז אידן זענען א העכסט פערדארבן פאלק, באשטייט פון גנבים, שווינדלערס, און רוצחים, און בענוצן צו זייערע הייליגסטע ימים טובים קריסטליכעס בלוט.

ווייטער די אידן, חאטש זיי האבן איבעראל בעגעגנט שאנד און שפאט, זענען אויסגעשטאנען אלע מאל אנדערע נייע ביטערע עינויים, און האבן זיך פון דעם ענגן געטא נישט געטראט ארויסרירן, דורך דעם זענען זיי געווען דאנקבאר דער ראגוזער הערשאפט, פאר דעם וואס מען ערלויבט זיי, חאטש אויף א קליינעם שטח צו וואוינען, און נאך א צייט פון אזוי פיעל רדיפות און אינקוועזיציעס אין שפאניען, האבן זיי ענדליך א שטיקל מנוחה בעקומען.

זייער בעשעפטיגונג איז מערסטענס בעשטאנען פון מסחר, און אייניגע פון זיי האבן זיך גערעכנט פאר גרויסע גבירים, זיי האבן אויך געהאט א רב, א בית המדרש, און האבן זיך ווי ווייט מעגליך בעמיהט, אלע השפלות רוהיג איבערטראגען, פערבויגן זייער איינגעבוירענעם שטאלץ, דערשטיקן אין זיך זייערע הייסע לעבנס געפילן און ווי עס איז, זיך דארט איינארדנען, אזוי, אז זיי זאלן קענען לעבן און זיך פיהרן לויט די הייליגע מצוות און תורה און זייערע מנהגים.

**ב.**

**א כמארע פארשטעלט דעם הימל**

פלוצלונג האט א פינסטערע כמארע, זייער בלאס און קוים ליכטיגן הימל, בעדעקט, א שרעקליכע, א טרויעריגע צייט, א עת צרה איז אויף די אידן געקומען.

דאס איז געווען אין דעם ערשטן טאג סוכות.

אין דערהויך! - האט זיך אויסגעוויזן, גלייך ווי די זון אין הימל, האט זיך אין א גאלדן קלייד, מיט בריליאנטן בעצירט, און טונקט זיך אין א קלאר, שטיל און געלאסן פליסנדיג קריסטאלן וואסער.

אונטן אבער, אין שטאדט - איז געווען הייס אזוי ווי אין א תמוז טאג, די ראגוזער יוגנד איז ארויס פון דער פערמאכטער שטאדט, זיך געלאזט שפאצירן אין די ארומיגע דערפער, זיך צו ערקוויקן מיט דער ריינער פרישע לופט, אויף די פרייע פעלדער און גערטנער.

אין דעם געטא, האבן פרייליך די אידן געפייערט זייער הייליגן יום טוב, פון טיפן הארצן געדאנקט דעם באשעפער פון דער גאנצער וועלט, פאר דעם גרויסן חסד וואס ער האט זיי בעוויזן, האט זיך ערבארעמט אויף זיין אויסדערוועלט פאלק, די עלענדע, אונגליגליכע, שוצלאזע אידן, און האט פערלאשן דאס גרויזאמע פייער, פון די "אויטא-דע-פע" אינקוועזיציעס וואס האבן אזוי אן רחמנות, אומגעבראכט דאס לעבן פון די אלע וועלכע זענען טריי זייער באשעפער און פאלק געבליבן. לויב און געזאנג, האט זיך געהערט פון דער אידישער קהלה, און זייער שוהל. זייערע פארזארגטע געזיכטער האט געשטראלט פאר פרייד. ווידער האבן זיי געקענט פריי און אומגעשטערט פייערן זייער הייליגן יום טוב סוכות.

*

אבער צום אומגליק, איז אויך ארויס שפאצירן די טאכטער פון זייער א רייכן מאן און אנגעזעהנעם בירגער פון דער שטאדט, וועלכע איז אויך געווען בעהאנגען מיט די טייערסטע צירונגען.

דאס מיידל איז ארויס פון איר היים פון "ראגוזא", נאך גאנץ פריה, און האט צוגעזאגט איהר פאטער זיך באלד אומצוקערן

אויף מיטאג.
זי האט אבער פערבלאנדזשעט זייער ווייט, און גייענדיג אויף צוריק איז זי געווארן מיד, און האט זיך ערגעץ וואו אין א דארף אוועק געזעצט אביסל אברוהען.
יעדעס פערבייגייענדע אויג האט איהר פערוואונדערט אנגעקוקט, און ביי אלעמען האט זי ארויס גערופן כבוד און אכטונג.
נישט ווייט פון איר, אין דעם טיר פון א נידעריג הייזל איז געשטאנען אן אלטע פרוי, אויפמערקזאם בעטראכט דאס רייכע מיידל, און אפשאצנדיג די ווערט פון איהר צירונג, האט זי זיך געטראכט, אז זיי וואלטן פאר איהר גוט צוניץ געקומען...
עס האט געדויערט א ווילע, אין קאפ האבן זיך איהר געמישט פערשידענע געדאנקען און פלענער. ענדליך האט זיך א טייוולישער שמייכל אויף איהרע ליפן בעוויזן, און א ווילד פייער האט זיך אין אירע אויגן צופלאקערט.
מיט פערשידענע פאלשע אויסריידן, האט זי זיך צו דעם מיידל געווענדעט, ביז עס איז איהר געלונגען דאס מיידל פערנארן צו זיך אין הייזל.
און דאן! מער האט שוין די אלטע נישט געברויכט... זי האט מכבד געווען דאס נאאיווע מיידל מיט מילך טרינקען, האט זי פאר זיך אויסגעזוכט א שארפע האק, האט פארמאכט אלע טיהרען און פענסטער און זיך געווארפן אויף דעם אונשולדיגן מיידל אזוי פלוצלונג, אז איהר קרבן האט קוים צייט געהאט א געשריי צו טהון, און איז אנידער געפאלן אין א טייך בלוט.
נאך דעם האט שוין די אלטע נישט געהאט קיין גרויסע מיה, זי האט גלייך אראפ געריסן פון דאס מיידל איהר צירונג, אראפגענומען איהרע טייערע קליידער, און דעם טויטן קערפער בעהאלטען אונטער איהר בעט.

**ג.**

**דער בלבול אויף די אידן**

אין דער זעלבער צייט, איז אין גאנץ ראגוזא געווארן פערשפרייט די ידיעה, אז א רייכע קריסטליכע טאכטער איז פערשוואונדן געווארן. אויף אלע גאסן, פאר יעדן הויף, האבן זיך צונויפגעקליבן גרופעס נייגעריגע מענטשן, און איבעראל האט מען געשמועסט, וועגן דעם נאר וואס פאסירטן פאל.
נעבן די טויערן פון דער שטאדט, איז אומגעדולדיג געשטאנען דעם פערארענעם מיידל'ס פאטער, און געווארט אויף דאס צוריקומען פון זיין טאכטער. זיינע פריינד און בעקאנטע זענען אומגעלאפן איבער דער גאנצער שטאדט, האבן איהר געזוכט אויף יעדער גאס, אין יעדן ווינקל, און ענדליך צוריק געקומען אנזאגן איהר פאטער די טרויעריגע בשורה, אז זיין טאכטער איז אין ערגעץ נישטא.
דערווייל איז אויף דער טאג גאנץ אימבאמערקט פערשוואונדן געווארן און די נאכט האט זיך צוגערוקט.
פון די דערפער, האבן זיך שוין כמעט אלע אומגעקערט, און דאס פערלארענע מיידל, איז נאך אלץ נישט געווען, איהר פאטער האט ביי יעדן זיך געפרעגט אויף זיין טאכטער, אבער קיינער האט איהם קיין ענטפער נישט געקענט זאגן.
ענדליך איז געווארן רעכט פינסטער, די וועכטער האבן די טויערן פון דער שטאדט פערשלאסן, און פון דעם פערלארענעם מייל איז קיין שפור נישט געווען.
א פערצווייפלטער איז דער אומגליקליכער פאטער געבליבן שטעהן. זיין טאכטער איז ביי איהם געווען איין און איינציג, און טייערער פון אלעס אין דער וועלט.
-וואס טוט מען? וואו זוכט מען איהר יעצט? וואו קען זי זיין מיין טייערע טאכטער? - האט ער זיך געווענדעט מיט א געוויין צו זיינע פריינד, וואס זענען נעבן איהם געשטאנען. נאר קיינער פון זיי איז נישט אומשטאנד געווען זיינע שאלות צו פערענטפערן.
פלוצלונג האט דעם פאטער א זעץ געטהון. א מורא'דיגער געדאנק אין זיין מוח. ווער ווייסט אויב די אידן האבן איהר נישט ערמארדעט, און זיך בענוצט מיט איהר בלוט צו זייער יום טוב...?
-ווער ווייסט? ווער ווייסט? - האבן זיינע פריינד געמורמלט.
-בעשטימט אזוי! אנדערש קען נישט זיין! - האט איינער שוין זיכער אויסגעשריען.
-אבער אפשר נישט?... ניין! די אידן וועלן עס נישט טהון, זיי וועלן מורא האבן פאר'ן פאלק!... - האט דער פאטער געצווייפלט.
-וואס רעדסטו? נאר זיי! די אידן זענען מערדער! - האבן איהם זיינע פריינד געענטפערט - גנבים! אויסווארפען!
-וואס זשע האבן מיר צו טהון? - האט דער פאטער פערבראכן די הענד.
-שנעל, לאמיר פערשליסן דעם הויף פונ'ם געטא!

-קודם לאמיר זיך ווענדן צו דער מאכט!
-א רעוויזיע לאמיר ביי זיי מאכן! - האבן איהם זיינער פריינד, יעדער א אנדערע עצה געגעבן.
-אויסשחטן דארף מען די אידן! - האט דער פאטער געקריצט מיט די ציין.
-יא! יא! א תל מוזן מיר פון זיי מאכן, א תל! - האבן אלע אויסגעשריען, און זיך געלאזט אין שטאדט, זיך ווענדן נאך הילף צו דער ראגוזער מאכט.
*

אין שטאדט, האט זיך שוין אפילו געהאט פערשפרייט א קלאנג, אז דאס מיידל איז ענדליך געפונען געווארן. נאר זעענדיג דעם פאטער, צוזאמען מיט זיינע פריינד, לויפן און איילן פון איין גאס אין דער צווייטער, האט זיי באלאגערט פון אלע זייטן גרופעס, נייגעריגע און זיך געפרעגט; - נו וואס הערט זיך? געפונען?
אבער דער פאטער מיט זיינע פריינד האבן דעם נייגעריגן עולם געענטפערט: - יא געפונען!... ווער ווייסט אויב די אידן טרינקען שוין נישט איהר בלוט!?
-דאס בלוט פון מיין קינד! - האט זיך דער פאטער צוכליפעט. די ווערטער זענען נישט געבליבן אזוי ווי א קול קורא במדבר, און א העליש פייער פון נקמה, האט זיך צופלאקערט אין די הערצער פון דעם פערזאמעלטן המון, וועלכער איז אלע וויילע פערגרעסערט געווארן, און מיט ווילדן צארן האבן אלע אויסגעשריען: שלאגט די אידן! די אידן האבן א קריסטליכע טאכטער געפאנגען!
-ערמאדעט! -ה אבן אנדערע אונטערגעהאלפן.
-לאמיר זיי אלע אויפהענגען אויף איין תליה! קיין לעבעדיגע נפש, זאל פון זיי נישט בלייבן! קומט לאמיר זוכן, זי מוז ביי זיי זיין!
-צום געטא! צום געטא! - האבן אלע געשריגן אויף איין קול, און דער צורייצטער המון, איז אוועק צום געטא.

**ד.**

**עס איז נישטא קיין אויסזוכט**

די אידן האבן דעמאלס פון דעם אלעם קיין אהנונג נישט געהאט, און האבן גאר נישט געוואוסט וואס פאר א שרעקליכע צרה, ווארט אויף זיי.
אפגעדאווונט אין בית המדרש, זענען אלע אוועקצו זיך אהיים, צו זייערע פרויען און קינדער, און האבן זיך פערקליבן אין די אויפגעשטעלטע סוכות און דעכער, נאר מיט ביימער צווייגלעך בעדעקט.
...אונטער דעם פרייען הימל, און די די ארימע פרלאטעטע פאלאטקעס, וועלכע זענען א גוטער זכר געווען צום אידישן גלות, צום שטענדיגן בלאנדזשען, אן א היים, אן א דאך...
אינוועניג זענען שוין לאנג געווען די טישן געגרייט, און סערווירט, מיט די בעסטע משקאות און מאכלים.
ליכט האבן געברענט אין יעדן ווינקל, און א פרייליכע יום טוב שטימונג ארום זיך געגאסן.
...ערגעץ וואו, אין די טיפענישן פון די אידישע הערצער, האט דער לעצטער פערלאשענער פונק ערוואכט, און טרייסטנדיג זיי, געגעבן פרישן מוהט, גלויבן, האפנונג אויף א צייט א בעסערע, ווען עס וועט זיין ושבו בנים לגבולם. דער באשעפער וועט זיך מרחם זיין אויף זיין אידישן פאלק, וועט פערהיילן זיינע בלוטיגע וואונדן --- און אלע אידן האבן קידוש געמאכט.
פלוצלונג האבן זיך שטורמישע קולות פון וויטן דערהערט, און א האגל פון שטיינער האבן זיך אין די אידישע פענסטער געשאסן.
דאס קראכן פון די שויבן און פאלן פון די שטיינער, צוזאמען מיט די ווילדע געשרייען פון דעם צובושעווטן המון, האבן מורא'דיג אבגעקלונגען אין די גאסן פון דעם געטא.
פערשטיינערט זענען אלע געבליבן...
וואס קומט דא פאר? וואס פאר א ביטערן שפאס טרייבט מען דא מיט זיי?
קיינער האט נישט געוואוסט, קינדער האבן זיך פאר שרעק צו זייערע טאטע-מאמע'ס צוגעדריקט, און אלעמענס אויגן האבן זיך מיט טרערן צום הימל געווענדעט.
*

-העי! נאראנים! אויף וואס ווארט איר? פאר וועמען האט איהר מורא? נעמט אייך צו דער ארבייט, חברה! - האט א הייזעריג קול קאמאנדעוועט, און דער צורייצטער המון, האט אריינגעדרונגען אין געטא.
צום ערשט האבן זיי געזוכט אין די סוכות, דערנאך אין די הייזער, אין די קעלער'ס, אין די בוידעמ'ס, קיין איין ווינקל האבן זיי נישט דורך געלאזט, נאר פון דעם פערלארענעם מיידל האבן זיי קיין זכר נישט געפונען.
-וואס ווילט איהרפון אונז? - האבן די דערשראקענע אידן

געפרעגט - וואס זוכט איהר ביי אונז?
-דאס מיידל, וואו האט איהר בעהאלטן? דעם קריסטליכן קרבן וואו האט איהר? - האט דער המון געוואלדעוועט.
-וואס הייסט? וואס פאר א מיידל? וואס פאר א קריסטליכן קרבן? האבן די אידן מיט שרעק און פרוואונדערונג געפרעגט.
-הא הא הא! האט זיך א שפאטיש געלעכטער דערהערט - איהר הערט? - האט איינער צום המון אויסגערופן - זיי לייקענען גאר! זעהט נאר ווי זיי מאכן זיך תמ'עוואטע! הא! הא! הא!
-גלויבט זיי נישט די בלוט דורשטיגע מערדער! גלויבט זיי נישט! - האט דער המון געשריגן.
-שא! זאל זיין שטיל! לאזט צו די וואך! די אויספארשונג'ס לייט גייען! האבן די וואס זענען נענטער געשטאנען צו די אידן אויסגעשריגן, און א באפעלענדע שטים האט זיך צו די אידן געווענדעט.
-בעסער זייט אייך מודה. אפשר לעבט זי נאך דאס אומגליגליכע מיידל!?
-מערדער! וואס האט איהר צו מיין קינד געהאט? - האט דער פאטער זיך געבעטן. - זאגט וואו איז זי? וואו האט איר זי בעהאלטן? אפשר לעבט זי נאך!?
ערשט יעצט האבן די אידן פערשטאנען, אין וואס פאר פערברעכן מען בעשולדיגט זיי און אין וואס פאר א ערנסטע לאגע זיי געפינען זיך.
א גרויל האט זיי ארומגענומען, די ערד האט נאך נישט איינגעזאפט דאס אומשולדיגע אידיש פערגאסענע בלוט, פון די פריערדיגע בלבולים און בעשולדינגען אין שפאניען, און שוין, ווידער, אויך דא א עלילת-דם...!?
אלע זענען צוטומלט געווארן, אלע האבן מורא געהאט זייער מויל צו עפענען, נאר איינער, דער רב פון זייער קהלה, אן אלטער גרייז גראהער מאן, האט זיך בעהערשט און געענטפערט:
-עס איז א ליגנט! איך שווער ביי דעם אלמעכטיגן ג-ט וואס לעבט אייביג, אז אונזערע הענד זענען ריין פון אזא שרעקליכע זינד.
-מיר וייסן דאך אבער, אז איהר ברויכט קריסטליכע בלוט צו אייערע הייליגסטע ימים טובים! - האבן די אויספארשונגס לייט ווייטער פארגעזעצט זייער בעשולדיגונג.

-פון וואנען ווייסט איהר דאס? - האט דער אלטער רב זיי געפרעגט - זאל עס מעגליך זיין, אז נאך דאס וואס איינס פון אונזערע צעהן הויפט געבאטן,ווארנט אונז שטרענג "לא תרצח"! זאלן מיר א קריסטליכעס מיידל האבן ערמארדעט!?
---נאך דעם וואס אונזער תורה ווארנט אונז אזוי שטרענג, אין בעמיהט זיך ווי ווייט מעגליך אונז צו פערהיטן פון געניסן בלוט, אפילו פון א בהמה און א עוף, זאלן מיר בענוצן צו אונזערע הייליגע ימים טובים, מענטשליכעס בלוט!?
די אויספארשונגס לייט זענען געבליבן שטום, און האבן שוין נישט געהאט מעהר קיין גרונד, די אידן צו בעשולדיגן, אבער דער פאטער פון דעם פערלארענעם מיידל, ווי אויך זיינע פריינד, צוזאמען מיט דעם גאנצן המון, זענען געליבן אומצופרידן, און האבן ווייטער געליארמעט און געשריען, אז דאס מיידל איז אין ערגעץ נישטא, נאר ביי די אידן.
דאן האבן די אויספארשונגס לייט, אליין אונטערזוכט אלע אידישע עסן און געטראנקען, נאר נישט געפינענדיג קיין פעדעכטליכע זאך, האבן זיי בעפוילן דער וואך פונאנדער צו טרייבן דעם המון, און זענען זיך אוועקגעגאנגען.

**ה.**

**געפונען די מערדער**

עס איז שוין געווען שפעט אין דער נאכט, דער פערזאמעלטער המון איז שוין לאנג געווען פונאנדער געגאנגען, יעדער צו זיך א היים. אין שטאדט איז געווען פינסטער, שטיל, אלע זענען געשלאפן, נאר ער איינער דער פאטער פון דאס פערלארענעם מיידל איז געווען וואך. זיין פאטערליך הארץ, איז איהם געווען שרעקליך בעשוועהרט. דאס פארגעפיהל האט איהם געזאגט אז מיט זיין טאכטער איז עטוואס שרעקליכעס געשעהן.
-עס קען זיין - האט ער זיך געטראכט, - אז די אידן האבן איר נישט ערמארדעט, דאן האבן איהר אנדערע אויסווארפן ערמארדעט. און ער האט ביי זיך בעשלאסן. זאל זי זיין אפילו דעם טייוול אין די הענד, מוז ער אמוועניגסטנס איהר טויטן קערפער אויסגעפינען.
דאן האט ער זיך גוט בעוואפנט, און איז אוועק צו די מויערן פון דער שטאדט, דארט האט ער מיט זיך מיטגענומען אייניגע ו ועכטער. זיי זענען ארויס פון שטאדט, און ענערגיש געמומען זוכן אין יעדן דארף, אויף יעדן פעלד און גארטן. זיי זענען געגאנגען פון הויז צו הויז, פון טהיר צו טהיר, ביז זיי

זענען געקומען אויך צו דעם הויז, וואו די אלטע מערדערן
האט געוואוינט.
אבער דא, איז עפעס אונפערשטענדליכעס זיי פארגעקומען.
איבעראל אין וועלכער טהיר זיי האבן אנגעקלאפט, האט מען
זיי גלייך געעפנט, נאר דא האט א צייט געדויערט, און מען
האט זיי נישט געוואלט עפענען? דאן האבן זיי נאך
שטארקער גענומען קלאפן ביז די טהיר האט זיך געעפנט.
-פאר וואס האט איהר נישט גלייך געעפנט? - האבן די
אריינגעקומענע געפרעגט.
-איך האב נישט געהערט - האט די אלטע געענטפערט.
-פע! וואס פאר א מיאוסער ריח עס הערשט דא! - האט דעם
מיידעל'ס פאטער באמערקט - עס איז דאך נישט צו
אויסהאלטן! - און ער האט זיך געלאזט צו דער טהיר.
-ווארט א ווײלע! - האבן איהם די וועכטער אפגעהאלטן.
אויף דער ערד האבן זיי בעמערקט פלעקן פון בלוט.
באלד האבן זיי זיך גענומען צום אונטערזוכן, און גלייך
אונטער דעם בעט פון דער אלטע, דערזעהן א שוידערליכע
בילד.
אין שמאטעס פערוויקלט, און אין בלוט פערשמירט, איז
געלעגן מיט א צושפאלטענעם שארבן, דער טויטער קערפער
פון דעם יונגן מיידל.
-מיין קינד! מיין אומגליקליך קינד! - האט איהר פאטער
שמערצליך אויסגעשריגען. נאר אזוי גיך ווי ער האט זיך
בעהערשט, איז זיין ערשטער געדאנק געווען, נקמה צונעמען
אין דער געמיינער מערדערן, פאר דאס פערגאסענע בלוט פון
זיין קינד, און ווי א בייזע טיגער, האט ער זיך אויף איהר
געווארפן, און האט איהר געוואלט חאטש אויף שטיקער
צורייסן, נאר די וועכטער האבן עס נישט צוגעלאזט, און
האבן דער מערדערן געשמידט אין קייטן.
אין שטאדט האט מען איהר נאך נישט געקענט אריין פיהרן,
ווייל די טויערן האט מען דארט נישט געטארט עפענען צום
אריינלאזן, נאר ווען עס איז שוין געווען טאג, און זיי האבן
שוין דארט איבער גענעכטיגט און געווארט ביז טאג.
דערוויל האט זיך דער דארפישער המון איינציגווייז זיך
דערוואוסט, פון דער מורא'דיער ענדעקונג, און אלע האבן זיך
געלאזט צו דעם הויז וואו די אלטע האט געוואוינט, זעהן
איהר שאנדע.
מענער און פרויען, יונג און אלט, אלע האבן איהר געפלוכט,
גוזידעלט, - דו ביזט דאך רייך? דו האסט דאך אן אייגן הויז,
א פעלד, א גארטן? פאר וואס האסטו דאס געטהון?
מערדערן!
אבער די אלטע האט קיינעם נישט געענטפערט, און אפילו
זיך נישט געפרובט צו פערטיידיגן און האט געשוויגן.

**ו.**

**דער קרבן - יצחק ישורון**

אריינפיהרנדיג די געבונדענע אין שטאדט, איז פארשטייט זיך
געווארן א גרויסער רעש, און ווידער איז ווי אין די דערפער
דאס זעלבע פארגעקומען.
א גאנצער המון זענען איהר נאך געלאפן, געפלוכט און
געפרעגט נאר דאס איינע, ווי קומט דאס אז א פערמעגליכע
פרוי זאל אזא מערדליכע זאך באגעהן!?
נאר די שטאדט לייט, זענען ווי עס ווייזט אויס געווען
קליגער פאר די דארפישע, און אייניגע פון זיי האבן זיך צו
איהר געווענדעט - אפשר האבן דיר די אידן צו דעם
צוגערעדט? אפשר האבן זיי דיך געהייסן דאס מיידל
ערמארדן, זיי זאלן זיך קענען בענוצן מיט איהר בלוט, צו
זייערע ימים טובים?
די ווערטער זענען איהר גוט אריין אין קאפ. דער תירוץ, האט
זי זיך געטראכט וועט נישט שלעכט זיין, און ווען מען האט
איהר געבראכט פאר די ריכטער, האט זי זיך טאקע מיט דעם
תירוץ בענוצט.
אויף זייער ערשטע פראגע, צו איז זי בעגאנגען דעם מארד,
האט זי גאר נישט געפרובט לייקענען, און האט גלייך מודה
געווען. נאר אויף זייער צווייטע פראגע פארוואס? וועלכע
אורזאך האט איהר דערצו געבראכט? האט זי געענטפערט,
אז א איד איז צו איהר געקומען און האט איהר אזוי געהייסן
טהון.
-פאר וואס האסטו איהם געפאלגט? - האבען די ריכטער
געפרעגט. - ווייל ער האט מיך געסטראשעט, אז אויב איך
וועל איהם נישט פאלגן, אזוי וועט ער מיך ערמארדן, - האט
זי געענטפערט.
-און וואו איז דער איד? ווי הייסט ער? - האבן די ריכטער
ווייטער געפרעגט.
דא איז זי געבליבן צומישט, זי האט אינגאנצן קיין אידן נישט
געקענט, און מיט זיי קיין פערקעהר נישט געהאט. דאך האט
זי זיך גלייך דערמאנט, אין דעם נאמען פון א געוויסן רייכן

איד, ביי וועלכן זי האט געליהען 50 גילדן אויף א משכון פון איהר'ס א קלייד, וועלכעס איז ווערט געווען א שיינע מטבע, און זי האט געענטפערט:

-יצחק ישורון הייסט ער!

-ווערסטו איהם דערקענען? - האבן די ריכטער געפרעגט.

-יא! איז געווען איהר ענטפער.

דאן האבן די ריכטער געגעבן א בעפעהל, גלייך צו פערשליסן די טויערן פון געטא און ארעסטירן דעם איד, יצחק ישורון. די אידן, האבן זיך דעמאלס שוין געהאט געפרייט דערמיט, וואס מען האט אנדעקט די אמת'ע מערדער פון דעם מיידל, און דער חשד איז פון זיי אראפ.

האבן זיי זיך געטרייסט, און געדאנקט דעם באשעפער דערפאר, וואס זיי זענען אפגעקומען נאר מיט שרעק. נאר גאר אומגעריכט, אין דער צייט ווען זיי האבן געדאוונט אין בית המדרש, איז דער געטא געווארן אפגעשלאסן, און דער איד יצחק ישורון ארעסטירט.

אז דאס האט א שייכות מיט'ן עלילת-דם, האבן אלע אידן ווי אויך ר' יצחק גלייך פערשטאנען, נאר אזא געמיינעם בלבול האט זיך קיינער נישט געקענט פארשטעלן.

קעגן איבער ר' יצחק'ן אין געריכט, איז געשטאנען א געמיינע פערדארבענע פרוי, אן א הארץ און מענשליכעס געוויסן, האט זי איהם רוהיג געזאגט גלייך אין די אויגן: - דו האסט מיר געהייסן ערמארדן דאס קריסטליכע מיידל.

-איך?! - האט ר' יצחק דערשראקן געפרעגט - ווי אזוי קענסטו אונפערשעמטע מערדערן, אזא נידערטרעכטיגן ליגנד, אויף דיינע פאלשע ליפן צו ברענגען?

-עס איז א אמת! - האט זי גאנץ קאלט אויף זיינע ווערטער געענטפערט.

-הארצלאזע מערדערן! איז דיר נאך ווייניג וואס דו האסט דאס לעבן פון א יונג אומשולדיג מיידל צוגענומען, ווילסטו אויך מיר מיין לעבן צונעמען? - האט זיך ר' יצחק צוויינט. זי האט געשוויגן.

-פאר וואס-זשע שוויגסטו? פאר וואס-זשע זאגסטו נישט דעם אמת? בערעכן זיך. - האט זיך ר' יצחק נישט אויפגעהערט ביי איהר צו בעטן - נישט נאר איך אליין וועל דערביי ליידן, נאר אויך מיין פרוי, מיינע קינדער, וואס וועלן זיי טהון אן מיר? ווער וועט פאר זיי זארגן?

-איך האב שוין איינמאל געזאגט דעם אמת, און איך זאג נאך א מאהל, - האט זי געענטפערט - דו האסט מיר נישט נאר געהייסן, נאר אויך געצוואונגען דעם מארד צו בעגעהן.

-אוי באשעפער - האט ר' יצחק פערבראכן די הענד.

-יא! - האט זי ווייטער פארגעזעצט, - דו האסט מיך געסטראשעט, אז אויב איך וועל דיך נישט פאלגן, וועסטו מיר ערמארדן, און יעצט לייד איך איבער דיר - האט זי זיך צוויינט...

די ריכטער, וועלכע זענען די גאנצע צייט רוהיג געזעסן, זיך צוגעהערט, און צוגעקוקט צו דער סצענע, האבן זיך יעצט אנגערופן:

-אויף אזא פאקט ביסטו, איד, דער ווירקליכער מערדער, און דו וועסט בעשטראפט ווערן פאר דעם מארד, נישט זי די פרוי, וועלכע איז נאר געווען א ווערקצייג אין דיינע הענד, און האט צוליב מורא געטהון דאס, וואס דו האסט איהר בעפוילן.

א קאלטער שווייס האט בעגאסן ר' יצחק'ן דערשראקענע געזיכט, דאס בלוט איז איהם געווארן פערקיהלט אין זיינע אדערען, און אין קאפ איז איהם געווען דאס איינע געדאנק, ווי אזו קען ער געפינען אן אויסוועג זיך צו ראטעווען פון א זיכערן טויט. און זייענדיג צוטומלט פון די ריכטערס שארפע רייד, האט ער זיך אינגאנצן פערלוירן און ארויס געשטאמעלט:

-ליגנד זאגט זי! איך שווער ביי אלעס וואס איז מיר הייליג און טייער. ליגנד זאגט זי! איך האב דער פרוי קיין מאל נישט געקענט, קיין ווארט מיט איהר נישט אויסגערעדט, איך זעה איהר יעצט דאס ערשטע מאל אין מיין לעבן...

-חא, חא, חא! - האט די עמארדערן זיך עזות'דיג צולאכט - איהר הערט, הערן ריכטער?! - האט זי זיך צו זיי געווענדעט - דאס ערשטע מאל אין זיין לעבן זאגט ער, זעהט ער מיך יעצט, יא?! נו און ביי וועמען האב איך געליהען 50 גילדן, און איינגעלעגט דערויף אלס א משכון מיין קלייד וואס איז ווערט א שייע מטבע, ביי א אנדערן איד יצחק ישורון...!?

ר' יצחק האט זיך נאך אפילו געפרובט פערטיידיגן, אז אין זיין אויפרעגונג, האט ער דאס אינגאנצן פערגעסן, אבער די ריכטער האבן שוין ווייניג וואס אויף זיינע טענות געקוקט, און אויף דעם גרונד פון זיין אבלייקענען, האבן זיי איהם פעראורטיילט צו איהם אנטהון שרעקליכע יסורים, ביז ער וועט זיך מודה זיין אין זיינע זינד.

**ז.**

**די שרעקליכע יסורים**

ביידע, ר׳ יצחק ווי אויך די מערדערן, זענען דערווייל געווארן ארעסטירט און צוטיילט אין בעזונדערע קאמערן. נאר אויפ׳ן דריטן טאג, האט א וועכטער געעפענט די טיר פון דעם פינסטערן קאמער, וואו ר׳ יצחק איז געווען פערשפארט, און האט איהם ארויס געפירט אויפ׳ן הויף פונ׳ם געפענגעניש, וואו עס האבן שוין געווארט אלע ריכטער.

-מאכט איהם די "טורטורה"! - האבן זיי א קאמאנדעווע געטהון.

גלייך זענען צו איהם צוגעגאנגען דריי געזונטע לייט, האבן איהם פעסט געבינדן די הענד ארונטער, און אזוי נאך ביי די הענד, ארויף געשלעפט אויף א תליה, וועלכע איז געווען זייער הויך.

עס האט געדויערט אייניגע מינוטן, דער געהאנגענער האט געצאפלט, און זיך געווארפן אין דער לופטן, דאן האבן זיי מיט א מאל נאך געלאזט די שטריק

און ער איז אויגנבליקליך אראפגעפאלן, בעקומענדיג אזא שטארקן קלאפ פון וועלכן אלע זיינע גלידער זענען איהם צוטרייסלט געווארן, און ער איז געבליבן ליגן אין חלשות. אבער די מערדערליכע אינקוויזיטארן האט עס גאנץ וועניג געקימערט, און ווי נאר דער אומגליקליכער איד האט געעפענט זיינע אויגן, האבן זיי ווידער א באפעהל געטהון, און ער איז א צווייטן מאל ארויף געשלעפט געווארן אויף דער תליה, און מיט אמאל צוריק אראפגעווארפן געווארן, און דאן אויך א דריטן מאל.

די בלוט דורשטדיגע חיות, וועלכע האבן געהאט א פנים פון מענטשן, האבן געמיינט אז מיט זייער פייניגן און מאטערן וועלען זיי צווינגען ר׳ יצחק׳ן ער זאל זיך מודה זיין, און אנערקענען פאר שולדיג, אבער זיי האבן א טעות געהאט. דער באשעפער האט זיך דערבארעמט אויף דעם אונשולדיג געפייניגטן איד, ער האט איהם געגעבן קראפט, איבערצוטראגן די אלע מערדערליכע יסורים, און ר׳ יצחק האט נישט געוואלט אין די טרויעריגסטע מינוטן פון זיין לעבן, זינדיגן מיט זיינע ליפן, און מודה זיין אויף א זאך וואס ער איז איהם נישט בעגאנגען.

-נו זאל שוין זיין גענוג אויף היינט! פיהרט איהם צוריק! - איז געווען זייער לעצטע בעפעהל, און די וועכטער האבן איהם מיט א ווילדן צארן צוריק אריינגעווארפן אין זיין קאמער, א צובייליטן, און צושלאגענעם. אן שום הילף און רעטונג.

זייער צארן האט זיך אבער דערמיט נישט געשטילט, און זייעדניג אויפגעבראכט פון דעם אידנס הארטנעגיקייט, האבן זיי איהם אין פיהר טעג ארום, ווען זיינע וואונדן זענען נאך רעכט נישט געווען פערהיילט פון זיינע ערשטע יסורים, ווידער גענומען צו ארבעטן מיט דער בארבארישער "טורטורה."

-איך בין אומשולדיג! איך ווייס נישט פון קיין זאך! - האט דער אומגליקליכער איד געוויינט, און זיך געבעטן, אבער קיינער האט אויף איהם קיין רחמנות נישט געהאט. קיינער האט איהם נישט געענטפערט, אויסער איין באשעפער אין הימל, וואס האט צוגעהערט זיין געוויין, און ער האט אויך דאס מאל איבערגעטראגן זיינע יסורים.

די ריכטער זענען געבליבן דערשטוינט און פערוואונדערט זעהענדיג ווי ר׳ יצחק שטעהט אויס אלע שווערע ענויים, און איז דאך נישט מודה. זיי האבן שוין נישט געוואוסט וואס ווייטער מיט איהם צו טהון. דאן האבן זיי פארגעלעגט, די גאנצע געשיכטע מיט איהרע אלע איינצעלהייטען, פאר א אנדערן, נאך א העכערן געריכט פון זיי, יענע זאלן זייער מיינונג וועגן דעם ארויסזאגן.

**ח.**

**דער איד ווערט נישט געבראכן**

אין א שיינעם פרימארגן, האבן זיך פערזאמעלט אין דער געביידע פון דעם געריכט, 12 הויכגעשטעלטע לייט, פון ריכטער און הערשער, כמעט דער גרעסטער אדעל פון ראגוזא, און האבן נאך לאנג קלערן און פיהל וויכוחים בעשלאסן, צו נעמען דעם הארטנעקיגן איד, א דריטן מאל אויף דער טורטורה, און איהם פייניגן נאך שרעקליכער פון פריהער, ביז ער וועט מודה זיין אין דעם פארברעכן. זייער פסק איז גלייך ערפילט געווארן.

צום ערשטן האט מען איהם געבונדן די הענד ארונטער, און אין זיי איהם אויפגעהאנגען אויף דער תליה, אזוי ווי ביים ערשטן און אנדערן מאל.

נאר נאכהער, כדי נאך שווערער און אונערטרעגליכער צו מאכן זיינע יסורים, האבן זיי געבראכט א גראבן שטיק האלץ, ווי ווייט מעגליך ברייט פוננאדער גענומען זיינע פיס, און

צוגעבינדן זיי, איין פוס צו דעם ערשטן עק פון האלץ, און זיין אנדערן פוס צום צווייטן עק פון האלץ.
אזוי נאך האט דער געהאנגענער שוין נישט געקענט דערנעהנטערן איין פוס צום צווייטן, און האלטן ביידע צוזאמען כדי זיך דערמיט עפעס צו ראטעווען, און נישט גענוג וואס זיינע פיס האבן איהם יעצט נישט געקענט ארויס העלפן, האבן זיי איהם נאך ערגער, נאך שווערער געמאכט זיינע יסורים, ווייל די משא פון דעם האלץ צווישן זיינע פיס האט איהם אראפ געשווערט זיין גאנצן קערפער.
און דאן! אויסער די אלע אינקוויזיטארישע מעשים, האבן זיי איהם נישט געלאזט אפילו דעם אטעם כאפן, און אונצעהליגע מאל, ארויף געשלעפט און צוריק אראפגעשליידערט פון דער תליה. איין בראך נאך דעם אנדערן.
-גרויסער באשעפער פון רחמים און נקמה! - האט דער געפייניגטער איד מיט זיינע לעצטע כוחות געשריען - העלף מיר אין מיינע ביטערער נויט! לאז שוין זיין א ענדע צו מיינע אומזיסטע יסורים! קוק אראפ פון הימל, דו קנא ונקם! נעם נקמה פאר מיין שרעקליכן ווייטאג און צער! - האט ער ווי א פערוואונדעטער לייב, אויף דער תליה געברומט.
די אלע וואס זענען נעבן איהם געשטאנען, האט זיין שרייען גאנץ ווייניג גערירט, זיי האבן מיט א קאלטער גזלנישער אכזריות, איהם געענטפערט:
-עס וועט דיר דא גאר נישט העלפן, זיי זיך גלייכער מודה, מיר ווייסען אז דו האסט די פרוי צוגערעדט און געצוואונגען צו דעם מארד, געדענק! אויב נישט, וועסטו נאך הארטער בעשטראפט ווערן.
-ניין! - האט ר' יצחק ענטשלאסן אויסגעשריען. דאס וועל איך נישט טהון, איך בין אונשולדיג, און האב נישט אויף וואס מודה צו זיין.
-דאן וועסטו נאך מעהר געפייניגט ווערן! - האבן די ריכטער איהם געווארנט.
-זאל זיין אפילו ביז צום טויט! - האט ער זיי אפגעענטפערט - און דאן וועט דער באשעפער אין הימל, צווישן מיר און אייך משפט'ן.
די ריכטער האבן זיך צולאכט פון זיינע רייד, זיך פריילאך געמאכט איבער דעם אידנס צער און ווייטאג, אוןן ווייטער איהם געפייניגט.

א שעה צייט, האט געדויערט. די אומענטשליכע אינקוויזיטארן האבן זייער מערדעליכע ארבייט ווייטער פארגעזעצט. אבער זייער ציהל האבן זיי נישט דערגרייכט, דער אונגליקליכער איד האט דאך נישט געוואלט מודה זיין.
-צום טייוול! - האט איינער צום צווייטן געזאגט - דאס איז דאך גאר קיין מענטש נישט, עס איז דאך פארט אונמעגליך. אויף א נאטירליכן אופן, א גאנצע שעה צייט אזא טורטורה אויסצושטיין.
-נו זאל מען איהם אפשר שוין אפלאזן? - האט יענער געפרעגט.
-יא! - האבן אלע מסכים געווען, - נישטא מער קיין גרונד דעם אידן צו פייניגן. און מען האט דעם אויסגעמוטשעטן איד אראפגענומען פון דער תליה.

**ט.**

**עס נעמט נישט קיין ענדע**

אין אייניגע טעג ארום האבן די ריכטער ווידער זיך פערזאמלט, צונויפגענומען א אסיפה ווא עס זענען געווען איינגעלאדן, נאך אייניגע גאר הויכגעשטעלטע לייט, און צוזאמען זיך בעראטן וועגן דעם מארד.
דעם איד האבן זיי נישט געקענט, אינגאנצן אומברענגען, ווייל ער האט דאך דאס מיידל נישט ערמארדעט.
דער גוט בעזיצערן האבן זיי אויך נישט געקענט פעראורטיילן, ווייל זי טענה'ט אז זי איז דעם מארד בעגאנגען, נישט מיט איהר אייגענעם ווילן, נאר זייענדיג געצוואונגען פון דעם איד.
-וואס זשע זאלן מיר פארט טהון? - האבן די ריכטער געקלערט.
-לאמיר פרובן מאכן, אויך דער פרוי די טורטורה - האבן אייניגע פארגעלעגט - לאמיר אויך איהר אויפהענגען, אויף א גאנצע שעה ביי איהרע הענד, וועלן מיר זעהן, אויב זי וועט זיך מודה זיין, אז דעם מארד איז זי בעגאנגען מיט איהר אייגענעם ווילן, וועלן מיר דעם איד בעפרייען! טאמער נישט? וועלן מיר דעם איד נאך הארטער און שווערער פון פריהער פייניגן, ביז ער וועט זיך מודה זיין אין דעם פערברעכן.
-גוט! אויסגעצייכנט! - האבן אלע מסכים געווען, און גלייך זיך גענומען צו דער ארבייט.
די זעלבע יסורים וואס מען האט אנגעטהון ר' יצחק'ן האט מען אויך איהר דער מערדערן אנגטהון, ביז א שעה צייט.

אבער צום אומגליק איז דאס אויסווארף געבליבן ביי איהרע פאריגע פאלשע טענות, אז דער איד האט איהר צו דעם מארד געבראכט.

דערזהענדיג אז די פרוי איז אויסגעשטאנען אלע ענויים, און געבליבן ביי איהרע ערשטע רייד, האבן זיי איהר אבגעלאזן, זיך צוריק גענומען צו דעם איד, און איהם געפייניגט נאך ערגער ווי ביז אהער.

ר׳ יצחקס כחות האבן זיך אבער איינציגווייז אויסגעלאזט, און ער איז שוין מער נישט אומשטאנד געווען אזעלכע אונמענשטליכע יסורים לעבעדיגערהייט איבערצוטראגן. בעסער, האט ער זיך געטראכט, שוין נאכצוגעבן און מודה זיין, צומאכן איין מאהל פאר אלע מאל א ענדע, שטארבן! איידער אויסצושטעהן טאג טעגליך, אזעלכע ביטערע אטונערטרעגליכע יסורים.

אבער באלד האט ער זיך בערעכנט, ווען ער זאל ווירקליך אזוי טהון, וואלט ער דערמיט זיינע ברידער, אלע איבריגע אידן וואס וואוינען אין ראגוזא אונגליקליך געמאכט. און אט דער געדאנק האט א נייע נשמה אין איהם אריינגעבלאזן און איהם געשטארקט, אויף ווייטערע אויסצוהאלטן זיינע יסורים.

אין יענע מינוטן, איז ער גאר א אנדערער מענטש געווארן, און ווי א העלד זיך געווענדעט, מיט שטארקע רייד צו זיינע תליינים:

-וואס זשע מיינט איר? מיט אייער אונמעטשליך מיך מאטערן, מיט אייער אן רחמנות, מיר אנטהון די שווערסטע עינויים, וועט איהר מיך צווינגען מודה זיין, אויף אזא זינד וואס איך בין איהר נישט בעגאנגען? ניין! מיר האבן א גרויסן ג-ט אין הימל, וואס קוקט און זעהט דאס אלעס צו, ער ווייסט גוט ווער איז גערעכט! מיינט נישט, אז מיט מיין אייגענעם מענטשליכן כח, וואלט איך אומשטאנד געווען, אייערע פערשאלטענע יסורים איבערצוטראגן, ג-ט׳ס פינגער איז דערביי! ער ראטעוועט און העלפט מיר אין מיין נויט, פונקט ווי ער האט געהאלפן דניאל׳ן אין לייבן גרוב.

די ריכטער זענען צוטומלט געווארן פון זיינע רייד, דען דאס איז ווירקליך געווען אומנאטירליך, אזא מאטערן איבערצוטראגן. זיי האבן דעריבער בעשלאסן דאס כדי זיך נאך אמאל איבערצוצייגן, אין זייער ריכטיגער אורטיילן! אראפצונעמען ר׳ יצחק׳ן פון דער תליה, און דער מערדערן צו סטראשן מיט ווילן טויטן.

-זיי זיך מודה פאר דיין טויט! - האבן זיי איהר געווארנט.

-זאג! האט דיך דער איד צו דעם מארד אנגערעדט און געצוואונגען---?

אבער ווי צורייצט פון צארן זענען זיי געווארן, ווען אויך דעמאלס פאר איהר טויט, האט די מערדערן זיך געהאלטן ביי דאס איהריגע, און נישט געוואלט מודה זיין דעם אמת.

דען האבן זיי זיך שוין אויף ריכטיג איבערצייגט אז איהרע רייד זענען אמת, אז דער איד האט איהר ווירקליך דערצו געבראכט. נאר דאס וואס ר׳ יצחק, האלט אויס אלע יסורים אזוי אומנאטירליך, האבן זיי נישט אנדערש פערשטאנען, נאר אז ער איז א מכשף.

זיי האבן דעריבער ראשית נישט צוגעלאזט צו איהם קיין שום אידיש מאכל, אויסער טריפות, נאהער האבן זיי איהם אפגעשוירן זיינע האר און נעגל, און זיי האבן איהם אנגעטהון אין אנדערע קליידער, און איהם איבערגעפיהרט אין א אנדערן קאמער, וואו עס זענען צו איהם געקומען אלעמאל גייסטליכע און האבן אויסגערויכערט פערשידענע געווירצן, און האבן איהם בעשוואוירן מיט אונצעהליגע נעמען פון זייערע הייליגע, כדי צו פערטרייבן פון איהם דעם כח פון זיין כישוף וואס ער האט לויט זייער מיינונג ביי זיך געהאט.

אבער דאס אלעס, האט ווי עס שיינט זיי גאר נישט געהאלפן, און ווען זיי האבן איהם נאך אמאל געפייניגט מיט דער טורטורה, און ער האט זיך אלץ נישט געוואלט מודה זיין, האבן זיי בעשלאסן ווידער צונויפרופן א זיצונג צו בעקלערן וואס זאלן זיי דאך טהון, מיט דער מערדערן און מיט ר׳ יצחק׳ן!?

דערוויל האט מען ר׳ יצחק׳ן פערשפארט, א צעבלוטיגטן, א פערוואונדעטן אין אן אונטער ערדישן הייל, וואו עס איז געווען א לאך אנשטאט א פענסטער, און דורך דעם לאך איהם דערלאנגט ברויט מיט וואסער.

**י.**

**דער שולדיגער איז זיך מודה**

נישט וועניגער צרות פון ר׳ יצחק׳ן זענען אויסגעשטאנען דורך דער גאנצער צייט, די איבריגע אידן אין ראגוזא.

עס איז נישט פערביי א טאג, אז דער גאסן המון, זאל נישט האבן בעפאלן איינעם אדער מעהר אידן, און זיי געפעהרליך פערוואונדעט, מיט א מעסער אדער מיט א שטיק אייזן.

די אידן זענען געווען אזוי ווי ארעסטאנטען פערשפארט אין זייערע הייזער , מורא האבנדיג זיך ארויסצווייזן אויף דער גאס.
און אויך דארט, זענען זיי קוים מיט'ן לעבן געווען זיכער, ווייל נישט איין מאל איז פארגעקומען, אז דער המון איז זיי בעפאלן, צוראבירט און א תל געמאכט פון זייער האב און פארמעגן.
דער גורל פון דעם געפאנגענעם ר' יצחק, איז אויך זייער גורל געווען. און ווען ר' יצחק וואלט צום טויט פאראורטיילט געווארן, און זיין שולד וואלטווירקליך בעוויזן געווארן, דאן וואלטן זיי און זייער לעבן אזוי ווי שאף צו דער שחיטה הפקר געווארן.
די גאנצער ראגוזער בעפעלקערונג האבן נישט אנדערש פארשטאנען און געגלויבט, נאר אז די אידישע קהלה האבן נאך פון פריעהר געוואוסט פון דעם מארד און ר' יצחק איז געווען זייער שליח.
טאג און נאכט זענען באוואפענטע וועכטער ארומגעגאנגען נעבען דעם געטא און געהיט די אידן אז זיי זאלן זיך נישט ארויסגנב'נען און אנטלויפן.
עס האט נישט געהאלפן די אידן זייער שרייען און בעטן, ביז ווי לאנג נאך וועט איהר אונז פייניגן און מוטשען? מיר זענען דאך איירע אונטערטאהנען, און טראגן אויף זיך מעהר פליכטן פון אלע אנדערע איינוואוינער!... נאר קיינער האט זיי נישט געענטפערט, קיינער האט זיי נישט געהערט, פארקעהרט, זיי האבן נאך ארעסטירט אנדערע אידן דערפאר, וואס זיי האבן געפרובט בעטן און זיך מיהען פאר דעם אונשולדיגן ר' יצחק'ן.
דערווייל איז אנגעקומען דער בעשטימטער טאג, ווען דער זיצונג האט זיך געדארפט בעראטן, און ארויסגעבן דעם לעצטן אורטהייל וועגן דעם מארד.
פאר דער דער געביידע פונ'ם געריכט, אויפ'ן גאס, זענען געשטאנען א גרויסער המון, און האבן געווארט אויפ'ן פסק. אלע זענען זיי געווען זיכער אין דעם אידנס שולד, און זענען געווען גרייט אויף דעם ערשטן וואונק אדער געשריי, צו בעפאלן דעם אידישן געטא, אונברענגען אלע אידן פון יונג ביז אלט, און מאכן א תל פון זייער הייזער און פארמעגן.
דאגעגן די אידן האבן אין דער זעלבער צייט, פערבראכט אין בית המדרש מיט געוויין און געבעט. פרויען און קינדער, האבן זיך געפייניגט און האבן געפאסט.
יענער טאג איז געווען זייער יום הדין, אין וועלכן עס האט האט געהאנגען דאס ענטשיידונג, פון זייער לעבן אדער טויט.
ענדליך, נאך לאנג זיך בעראטן, וואו אייניגע האבן פארגעלעגט, מען זאל ר' יצחק'ן דעם קאפ נעמען, אנדערע - מען זאל איהם אויפהענגען, און אנדערע - מען זאל איהם אינגאנצען בעפרייען, האבן זיי אלע אנגענומען אזא בעשלוס: קיין בלוט זאלן זיי נישט פערגיסן, נאר מען זאל ארויספיהרן דער מערדערן צו דער תליה, בינדן איהר, די הענגער זאלן שטיין, אלעס זאל זיין פארבערייט נישט אזוי ווי דאס ערשטע מאל, ווען זי אליין האט דאס לייכט געקענט פערשטעהן, אז דאס סטראשעט מען איהר נאר.
און דאן פאר איהר טויט, זאלן די גייסטליכע פרובן ווירקן אויף איהר, זי זאל זאגן דעם אמת, צו האט איהר ווירקליך דער איד צו דעם מארד געצוואונגען?
וועט זי דאמאלס אפלייקענען איהרע רייד? זאל זי פאראורטיילט ווערן, און דער איד זאל בעפרייט ווערן, אויב נישט? זאל דער איד פאראורטיילט ווערן, און אלע זיינע ברידער, די איבריגע אידן, זאלן איבערגעגעבן ווערן אין די הענד פון דעם המון.
זייער בעשלוס איז גלייך אויסגעפיהרט געווארן, און פאר די אויגן פון דעם גאנצן המון, האט מען אויפגעשטעלט א תליה, און דער מערדערן אהין צוגעפירט.
דאן זענען צו איהר צוגעגאנגען צוויי הענגער, אין רויטן געקליידעט, און האבן אויף איהר האלז ארויפגעווארפן די פעטליע, די מערדערן האט איינגעזעהן אז יעצט איז נישט קיין שפילכל, נאר דא געהט מען מאכן א ענדע צו איהר לעבן, האט זי זיך שטארק צוויינט, פאר חרטה.
-עפן דיין מויל! - האט א גייסטליכער זיך צו איהר געווענדעט, - ענטפער! האסט נאך צייט תשובה צו טהון, און דיין נשמה וועט קענען געלייטערט ווערן, אויף יענער וועלט וואו דו געהסט יעצט אוועק, זיי מודה! איז אויך דער איד פערמישט געווען אין דיין שרעקליכע מארד?
דעם גייסטליכנס ווערטער האבן אויף דער מערדערן געווירקט, און זי האט מיט א ציטעריג קול געענטפערט:
-פאר ג-ט, און פאר מענטשן, בין איך זיך מודה ומתודה, איך האב געזאגט ביז יעצט ליגנד, דער איד איז אינגאנצן אונשולדיג, איך האב דאטס מיידל ערמאדעט, פון מיין

אייגענעם ווילן.
ווען אזוי!... האבן די ריכטער אויסגעשריען - בעפרייט! און בעט פערצייהונג ביי דעם אונגליקליכן איד, יצחק ישורון, זיין אונשולד איז קלאר בעוויזן.
-הורא! הורא! - האט דער המון אויסגעשריען.
-זאל לעבן די גערעכטיקייט!

די מערדערן איז געווארן אויפגעהאנגן, רבי יצחק'ן האט מען גלייך בעפרייט, פון דעם אונטער ערדישן הייל, און גענומען איהם היילן.
**און די אידן האבן פרייער אבגעאטעמט!**
**כן יאבדו כל אויבך ה'**

---

## הײנט זענען שוין אויך די גוטע יודן מסכים אַז משיח דאַרף שוין קומען

ווען רבי אברהם אלימלך מקאַרלין זצוק"ל האָט דעמאָלט באַזוכט אין ירושלים ביי זיין עלטער פעטער הרה"ק רבי מנחם נחום מראַכמיסטריווקא זצוק"ל, האָט אים רבי נחום'טשע דערציילט דאָס פאָלגענדע:
אַמאָל איז געווען אַ דאָרפסמאַן וועלכער האָט נישט געוואוסט וויאַזוי מען פראַוועט אַ סדר פסח ביינאַכט, האָט אים זיין ווייב געזאָגט אַז ער זאָל קויפן אַ הגדה מיט עברי טייטש, וועט ער קענען אָפּרעכטן אַ סדר ווי עס ברויך צו זיין. פסח ביינאַכט האָט זיין פרוי אָנגעהויבן זאָגן די הגדה און ער האָט נאָכגעזאָגט די גאַנצע צייט, אַזוי איז אַריבער דער גאַנצער סדר נאַכט. ווען זיי זענען אָנגעקומען צו "לשנה הבאה בירושלים" האָט די פרוי אָנגעהויבן וויינען. האָט איר מאַן איר געפרעגט פאַרוואָס זי וויינט. האָט זי געענטפערט אַז דאָ שטייט אַ ביטערע גזירה אַז קומענדיגן יאָר וועלן מיר גיין קיין ירושלים. מיר וועלן דאַרפן איבערלאָזן אונזער קו פון וואָס מיר האָבן מילך, הינדלעך, אייער וכדו'. האָט איר מאַן איר באַרואיגט: זאָרג זיך נישט מיר האָבן ב"ה צדיקים "גוטע יודן", וועלכע זענען מבטל אַלע שלעכטע גזירות, זיי וועלן אויך מבטל זיין די גזירה מיר זאָלן נישט דאַרפן גיין קיין ירושלים...
אַזוי האָט הרה"ק רבי נחום מראַכמיסטריווקא דערציילט, און אויסגעפירט: אָבער היינט זענען שוין אויך די גוטע יודן מסכים אַז משיח דאַרף שוין קומען, ער מעג שוין קומען און ער מוז שוין קומען) **!ילקוט מאורי אור עמ' רמא מפי הרה"ח ר' אלעזר בריזל.(**

---

## אריכות ימים ושנים בזכות העלפען דעם צדיק

אין די שטאדט ראדאמסק האט געוואוינט א איד מיט'ן נאמען ר' יצחק אליניק, ווען ר' יצחק איז געווען א יונגערמאן איז דער רב פון שטאדט דאן געווען דער באוואוסטער צדיק רבי שלמה פון ראדאמסק זי"ע מחבר פון ספה"ק תפארת שלמה עה"ת ומועדים.
איינמאל פאר פסח איז דעם ר' יצחק איינגעפאלן א געדאנק אזוי ווי דער רב דער תפארת שלמה איז נישט קיין גרויסער עושר ער האט קוים אויף פרנסה זיכער איז ביי אים יעצט פאר פסח ענג אין שטוב און ווער ווייסט צו ער האט גענוג אויף די צרכי החג וועט ער אים אריינטראגן א ביסל קארטאפל מיט אנדערע פראדוקטען וואס מען דארף אויף יום טוב און וועט אים דערמיט מחיה זיין.
געטראכט און געטוהן ר' יצחק האט גענומען א האלבען זאק קארטאפל און עס ארויפגעלייגט אויף די פלייצעס און איין האנט האט ער געהאלטן א פעטן גאנז און מיט די צווייטע האנט האט ער גענומען א טעפל שמאלץ און איז אוועק געגאנגען דערמיט צום רב'ס הויז , אנקומענדיג אהין איז די

טיר געווען פארמאכט אבער נישט צוגעשפארט האט ער מיט די פוס אויפגעשטויסן די טיר )די הענט זענען דאך אים געווען פארנומען מיט די קארטאפל און שמאלץ (און איז אריינגעפאלן צום רב אין צימער ווי נאר ער איז אריינגעקומען איז אים דער זאק אראפ געפאלען פון די פלייצעס ווייל ער האט שוין מער נישט געהאט קיין כח עס צו האלטן.

אויף די ערשטע מינוט האט דער תפארת שלמה אויפגעציטערט ער האט זיך דערשראקען פונעם שטויס אין די טיר און פון דעם פאל פון קארטאפל אבער באלד האט ער געזען וואס דא גייט פאר און האט פארשטאנען וואס ר' יצחק האט אים געברענגט האט ער א זאג געטוהן צו אים "זאלסט לעבען הונדערט יאר"! איך האב נאך נישט געהאט אין שטוב קיין שום זאך אויף יום טוב אויסער מצה און אזוי ווי דו האסט מיך מחיה געווען אזוי וועסטו לעבען הונדערט יאר.

די ברכה איז טאקע פולשטענדיג מקוים געווארן און ר' יצחק אליניק האט געלעבט גאנצע הונדערט יאר! הרב החסיד ר' נח וויינטרויב זצ"ל פון ראדאמסק )און שפעטער אין ירושלים (האט דערציילט אז ער האט געטראפן דעם ר' יצחק'ן ווען ער איז שוין אלט געווען אכט און ניינציג יאר און ר' יצחק האט דאן געזאגט אז ער האט נאך צו לעבן צוויי יאר פון דעם תפארת שלמה'ס ברכה אזוי איז טאקע געוועהן ר'יצחק האט ווייטער געלעבט נאך צוויי יאר און ערשט דאן איז ר' יצחק נפטר געווארן אין טיפען עלטער פון הונדערט יאר.

---

**דער שונא ישראל "הורבאן"**

אין יאר תר"ח איז אויפגעשטאנען א שונא ישראל מיט'ן נאמען "הורבאן" ימ"ש , א גלח ער האט אנגערייצט א באנדע יונגען און האט זיך געשטעלט אין שפיץ פון זיי, און איז געגאנגען צוזאמען מיט זיי פון שטאדט צוט שטאדט און דורך געפירט פאגראמען אויף יודן הונדערטער יודן זענען דעמאלט אומגעקומען אויף קידוש השם דורך זייערע בלוטיגע הענט.

ס'איז געוועהן גלייך פאר פסח, ווען די שמועה איז אנגעקומען קין סעמניץ אז אין די נאכט פון סדר וועט דער שונא ישראל אנקומען קיין סעמניץ . אן אימה ופחד איז געפאלן אויף די יודען אין סעמניץ , און די הכנות צום היילגן יום טוב זענען געווארן צושעטרט, ווער האט געקענט קלערן פון יום טוב ווען ס'הענגט איבער'ן קאפ א שווערד?

ערב פסח האט דער – ר' יהודה אסאד, געלאזט מודיע זיין פאר אלע יודן פון שטאדט אז היינט נאכט וועלן אלע יודען פראווען דעם סדר צוזאמען אין די גרויסע שוהל,ס'איז געווערן נאכט און די גאנצע שטאדט אנשים נשים וטף זענען געוועהן פארזאמלעט אין שוהל און מ'האט אנגעהויבען פראווען דעם סדר שפעט ביינאכט ביי. חצות האט דער רב צוגעפרופען א פאר בחורים פון זיינע תלמידים און זיי געזאגט "גייט'ס ארויס אויסער די שטאדט און ווארט'ס אפ די פיינט ווען עטס וועט'ס זעהן אז די רשעים קומען זאלט עטס שנעל קומען מיר מודיע זיין"!

די בחורים האבן אזוי געטוהן און ס'האט נישט לאנג גענומען ביז די בחורים זענען געקומען צו לויפען מיט שרעק "דער שונא ישראל "הורבאן" מיט א ריזיגע מחנה פון רשעים זענען שוין נאנט צום שטאדט , און מ'הערט דאס שארפן די שווערדן פון די רוצחים!" ווען די יודען וואס זענען געוועהן פארזאמעלט אין שול האבן געהערט די שרעקליכע בשורה, זענען זייערע הערצער צוגאנגען , א ווי געשריי האט זיך געטוהן דארט פון גרויס פחד, דער רב – ר' יהודה אסאד האט זיי אבער בארוהיגט ער האט אויסגערופען "האט'ס נישט קיין מורא! התיצבו וראו את ישועת ה' אשר יעשה עמנו היום" ר' יהודה אסאד האט גענומען זיין טלית און זיך איינגעהילט דערין און דערנאך האט ער גענומען זיין שופר וואס ער נוצט פאר די תקיעות ראש השנה און איינער אליין האט ער זיך ארויס געלאזט פון שטאדט ווי נאר ער האט ארויס געטרויטען פון שטאדט קומט אים אנטקעגען דער שונא

### צו דערציילןביים פסח טיש

ישראל אליין רייטענדיג אויף זיין פערד מיט אן אויסגעשטרעקטער שווערד אין זיין האנד ווען אונטער אים גייט נאך א גאנצע מחנה מיט רשעים ר' יהודה אסאד האט זיך אוועק געשטעלט גלייך אנטקעגען זיין פנים און גענומען אופ'ן ארט איז באפאלן א גרויסע פחד אויף די גאנצע מחנה און זיי האבען זיך אלע אויסגעדרייט צו אנטלויפן זיי זענען געלאפן מיט א בהלה אן קיין סדר און זיי האבען זיך צוטרויטען איינער דעם אנדערען און ביז א קורצע צייט איז נישט געליבען קיין איינער פון זיי נעבען די שטאדט.

אינדעפרי ווען ס'איז לעכטיג געווארן האט מען געטרפאן דארט אויפ'ן פלאץ ליגן הונדערטער פגרים טויט פון די רשעים וואס זענען צוטרויטן געווארן דורך זייערע חברים ביים אנטלויפן. דער שונא ישראל דער גלח האט שפעטער דערציילט אז די סיבה פון זיין שרעק איז געווען ווייל ער האט געזעהן ווי ס'שטייט א מענטש וואס זיין הייעך דערגרייכט ביז צום הימעל.

אזוי איז די גאנצע שטאדט מיט יודן ניצול געווארן אינ'ם זכות פון זייער הייליגן רב דער צדיק – ר' יהודה אסאד.

---

### די ישועהביי די ערב פסח'דיגע מַצות

ערב פסח אין בלאזשוב פלעגט מען באקן מצות אין ביהמ"ד געקנעט אין געוועלגערט האט מען אין ביהמ"ד און פון די זייט זענען געוועהן דארט צוויי אויוונעס אין וואס מ'האט אפגעבאקן די מצות מצוה.

דער בלאזשובער רב פלעגט זיך פירן אביסל צו קנעטן און וועלגערן און דאן פלעגט ער גיין אהין און צוריק זאגנדיג "הלל" מיט א געוואלדיגען התרגשות וואס האט געברענגט טרערן ביי אלע אנוועזענדע, אזוי ווייט אז ס'האט זיך אמאל געמאכט א שאלה אויף א מצה אויף וואס עס זענען ארויפגערינען טרערן פון איינעם פון די וועלגערער אבער דער בלוזשובער רב האט גע'פסקנט אז עס איז גארנישט, ווייל דאס ארבעט גאר אויס דעם טייג.

נאכן באקן פלעגן שטענדיג קומען צום רב די דארף'ס אידן פון ארום בלאזשוב און ער פלעגט זיי טיילן מצות, האט אמאל אבער פאסירט נאך בשעת'ן מצות באקן צווישען איין מיירע און די צווייטע, אז ס'איז אריינגעקומען א געוויסער דארף'ס איד, וואס אנשטאט בעהטן מצות און זיך גיין, האט ער עפעס אריינגערוימט פארן רב שטיל אין די אויערן און גלייך האט דער רבי אויפגעהערט עוסק צו זיין אין די מצות נאר איז אריין מיט דעם איד צו זיך און שטוב און נאך א געוויסע צייט איז דער איד ארויס פון רבינ'ס שטוב מיטליידיגע הענט, אהן דעם וואס ער זאל אפילו נעמען מצות, וואס האט ארויסגערופען וואונדער ביי יעדען וואס דער איד האט געוואלט פון רבי'ן אז דער רבי האט געשפירט פאר וויכטיג אפצושטעלן דאס מצות באקן.

הגאון הצדיק רבי מאטעלע שפאלטער )סאניקער דיין (זצ"ל איז יענעם יאר דארט געוועהן אויף פסח, און זייענדיג גאר שטארק פארוואונדערט האט ער זיך נאכגעפרעגט וואו דער דארפ'ס-מאן וואוינט, און נאך פסח ווען ער איז אהיים געפארן, איז ער דורכגעפארן יענעם דארף וואו ער האט אויפגעזוכט דעם איד, און ער האט אים געפרעגט וואס די מעשה איז געוועהן.

האט דער איד דערציילט אזוי:

אין יענעם יאר איז געוועהן א גרויסע פארפלייצונג אין מערב גאליציע וואס האט פארפלייצט אלע תבואות און דעריבער האט מען געמוזט ברענגען תבואות פון מזרח גאליציע, בדרך כלל פלעגן די פויערן קאסטומערס בשעת'ן קויפן תבואה זעהר שטארק נאכקוקן אויף די וואג, צו זיי באקומען די ריכטיגע מאס תבואה, און ווילאנג זיי האבן נישט זיכער געמאכט אז דער וואג שטימט הונדערט פראצענט, האבן זיי נישט געהאלטען ביים באצאלן, היי-יאר אבער אזוי ווי זיי זענען געוועהן זעהר בהול צו קויפען תבואה, האט ער באמערקט ווי קיינעם אינטערעסירט נישט דעם פונקטליכקייט פון די וואג, האט ער זיך געלאזט איבעררעדן פון פיתת היצר און ער האט אריינגברענגט א פאלשן וואגשאל צו זיך אין געשעפט, וואס ווי פארשטענדליך האט

ער פיהל פאכיג מער פארדינט.
סוף גנב לתלי' צום סוף האט מען אים אבער געכאפט ביי די מעשה, און מען האט האט אריינגעגעבן אן אנקלאגע אין געריכט הויז אויף וואס דער שטראף איז געוועהן זעהר גרויס און מ'האט באשטימט די צייט פאר'ן פראצעס אויף חוה"מ פסח, און דעריבער איז ער געקומען צום רבי'ן און זיך מזכיר געוועהן אויף זיין צרה.
האט דער דארף'ס איד דערציילט וואס ס'איז פארגעגאנגען ביים רבי'ן אין שטוב, נאכדעם וואס ער האט איבערגעלאזט דאס מצות באקן, דער רבי האט אים שטארק פארגעהאלטען אויף זיין אומרעכט פארוואס ער האט זיך באנוצט מיט א פאלשן וואגשאל און האט אים געזאגט אז כאטש 5 יאר תפיסה קומט אים דערפאר אפצוקומען די עבירה, האט דער איד זיך אנגעהויבן בעהטן ברחמים ביים רבי'ן "רבי כ'וועל שוין מער נישט טוהן אזוי", האט אים דער רבי געענפערט "אויב אזוי וועסטו האבן נאר 2 יאר תפיסה."
האט זיך דער איד אראפגעווארפן אויף דער ערד און געוויינט "רבי ס'איז מיר נישט מעגליך אזא שטראף כ'האב אנגעבארגט פון אלע פויערן כדי צו באצאלן נאכדעם וואס דער סעזאן וועט אריבערגיין און איצט אז זיי וועלן זעהן ווי מ'האט מיך איינגעזעצט אין תפיסה וועלן זיי מיך מער נישט געטרויען", איז דער רבי שוין נאך ווייכער געווארן און געזאגט "נו דעמאלסט וועסטו זיין איינגעשפארט אויף נאר 3 מאנאטען "דער איד האט אבער ווייטער געשריגען "רבי, ניין ניין, אפילו איין טאג נישט!" האט דער רבי צום סוף מסכים געוועהן און געזאגט "נו וועסט באפרייט ווערן."
דערציילט דער איד אז ממש אזוי איז טאקע געוועהן חוה"מ פסח ווען ער איז געקומען צום פראצעס האט דער ריכטער געזאגט "באמת קומט דיר פאר דיין אקט 5 יאר תפיסה אבער ס'וועט גענוג זיין מיט 2 יאר" דאן האט זיך דער ריכטער בארעכנט און געזאגט "ווייסטו וואס, נישט 2 יאר נאר 3 מאנאטען" ביז צום סוף האט ער געזאגט "דו ביזט אינגאנצן באפרייט."
האט דער איד אויסגעפירט פאר דעם רבי מאטעלע: "אזוי האט דער הייליגער רבי אריינגעלייגט די ווערטער אינעם מויל פונעם שופט" הפלא ופלא.

---

**פסח איז נאר אכט טאג**

הרה"ק רבי נפתלי מליזענסק )בן הרה"ק ר' אלעזר בן הרבי רבי אלימלך מליזענסק זי"ע (איז אמאהל אנגעקומען אין א שאטדט (נארייאיש) איז צו אים צוגעגאנגען א איד או געבעטן ער זאל ביי אים איינשטיין,יענער איד האט נישט געוואוסט ווער רבי נפתלי איז און האט אים נישט געקענט ער האט אים געהאלטען פאר סתם אן ארימאן און האט אים פשוט איינגעלאדענט איינצושטיין ביי זיך מקיים צו זיין מצות הכנסת אורחים.
רבי נפתלי האט אים געזאגט אז ער איז מסכים איינצושטיין ביי אים אין שטוב, אבער ער נעמט זיך מיט אים אויס צוויי תנאים –איינס, אז ער זאל אים צושטעלין א מנין פאר קידוש לבנה, און צווייטענס ער זאל אים צו שטעלין פיש פאר א סעודה נאך קידוש לבנה.
האט דער איד אים געענטפערט , אז דער ערשטען תנאי קען ער האלטען , ער וועט אים קענען צוזאמענשטעלין א מנין מחדש צו זיין די לבנה, אבער דעם צווייטען תנאי קען ער נישט האלטען, ווייל אין דעם שטעטל לויפט אינגאנצען נישט דורך קיין טייך פון וואו צו פאנגען פיש, און צו די שפעטע צייט וועט קיינער נישט ברענגען קיין פיש צום פארקויפען.
האט רבי נפתלי מסכים געוועהן און איז געגאנגען צו יענעם אין שטוב.
עס גייט נישט א דורך קיין לאנגע צייט, און עס קלאפט ביי די טיר אן אוקריינער גוי מיט א פיש אין זאק, און טראגט אהן דעם בעל אכסניא אפצוקויפען דעם פיש!
דער בעל אכסניא זעענדיג דעם וואונדער ווי מען האט פון הימעל צוגעשיקט פיש פאר דעם גאסט, האט ער פארשטאנען אז ער איז אן אורח הגון און א צדיק נסתר, האט ער זיך אפגעשריבען א קוויטעל און עס אראפגעלייט פאר אים, אן ער האט זיך דערביי מזכיר געוועהן : אז ביז יעצט האט ער געהאט פרנסה פון די קרעטשמע וואס ער

## צו דערציילן ביים פסח טיש

האט געהאט אפגעדינגען פונעם פריץ , אבער יעצט האט זיך אריינגעמישט א פרעמדער איד און האט אים משיג גבול געווען, און האט אויסגעדינגען די קרעטשמע פון פריץ , און ער איז ל"ע געבליבען אהן פרנסה.

האט רבי נפתלי אים געפרעגט ווי אזוי הייסט יענער איד , האט אים דער בעל אכסניא געענטפערט אז יענער הייסט פסח , האט רבי נפתלי זיך אנגערופען ! עה ! "פסח" איז אכט טאג!

רבי נפתלי איז ווייטער געפארען זיין וועג און דער בעל אכסניא איז ארויס פון שטאדט , און דערציילט אז דער ארעמאן וואס האט זיך ביי אים אויפגעהאלטען איז געווען א פארבארגענער צדיק, און ער האט געזאגט אויף דעם משיג גבול אז "פסח" איז אכט טאג , וואס דאס מיינט אז ביז אכט

טאג וועט יענער פארלירען די קרעטשמע. די איינוואוינער פון שטאדט האבען אבער געלאכט פון דעם איד וועלכער האט זיך אנגעטשעפעט אין אט דעם ארימאן און געגלייבט אין אים ווי א רבי.

עס איז געקומען דער אכטער טאג און דער איד האט זיך געשעמט ארויסצוגיין פון שטוב, ווייל מען וועט אים אויסלאכען אז עס איז א דורך די צייט און דער פסח האלט נאך די קרעטשמע , אבער אזוי זיצענדיג אין שטוב קלאפט מען אויפ'ן טיר און עס קומען אריין עטליכע מענטשען און דערציילען אים די בשורה טובה , אז דער פריץ האט פלוצים ארויסגעווארפען פסח'ן פון די קרעטשמע . דער בעל אכסניא האט געמיינט אז זיי מאכען פון אים א
שפאס )ליצנות ,(אבער זיי האבען אים צוגעפירט צום פענסטער און געוויזען ווי פסח'ס חפצים זענען שוין איינגעפאקט אויף א וואגען גרייט אוועק צופארן ווייל ער מוז פארלאזען די קרעטשמע!

עס געדווירט נישט לאנג און עס קומען שליחים צו אים אין שטוב אז דער פריץ רופט אים ער זאל תיכף אריבערקומען , ווען דער בעל אכסניא איז אריבער געגאנגען צו אים , האט דער פריץ אים געפרעגט: זאג נאר, ביסט נישט געוועהן ביי א ראבין?

האט ער אים געענפערט ,אז ער איז נישט געוועהן ביי קיין רבי האט אים דער פריץ דערציילט שוין אכט טאג וואס עפעס א ראבין קומט צו מיר און באפעלט מיר אז איך זאל דיך צוריקנעמען צו די קרעטשמע , איך האב געמיינט אז דאס איז א פוסטער חלום , אבער היינט מיטאג צייט בין איך אנטשלאפען געווארען הגם דאס איז נישט מיין סדר, און איך האב מיר גע'חלומ'ט ווי דער ראבין קומט צו מיר און שרייט אויף מיר מיט קולי קולות און ער האט מיך געשלאגן מכות רצח, און געווארענט אז איך בין איינגשטעלט מיט'ן לעבן אויב איך ווארף נישט שוין ארויס פסח'ן פון די קרעטשמע און איך נעם דיך נישט צוריק . דערביי האט דער פריץ אים געוויזען ווי ער האט געהאט צייכענס אויף זיין לייב פון די שלעק וואס ער האט באקומען!

דעריבער, האט דער פריץ אויסגעפירט האב איך שוין היינט ארויסגעווארפען פסח'ן פון די קרענטשמע און אצינד בעהט איך דיך אז דו זאלסט ווייטער האלטען די קרעטשמע ווי פריער ווייל איך ציטער פאר מיין לעבן!

די מעשה האט הרה"ק רבי איציקיל פשעווארסקער געהערט פון הרה"צ רבי אלימלך ווייסבלום מליזענסק (אייניקעל פון רבי נפתלי זצ"ל) וואס זיין פעטער הרה"ק רבי איציקיל זידיטשובער האט דאס אים דערציילט.

---

## עלילת דם אין שטאט דאבזשין

ווער האט דען געהערט פון דער שטאט דאבזשין אין פולין וואס געפונט זיך אין דער פלאצקער גוברניע, און נאך דערצו ווער האט געהערט פון אן עלילת דם בלבול וואס איז פאר געקומען אין דער שטאט אין יאר תרפ"ו, מיט קרוב צו 100 יאר צוריק. לייג צו אן אויער און הערט ווי אזוי מיר זענען געוואויר געווארן פון די מעשה, און ווי אזוי מיר האבן געהערט די מעשה במקור ראשון ממש, פון א איד וואס איז געוווען דארט אין יענע יאר, און מיט זיין פאטער האט פאסירט די מעשה.

ווענן פארשידענע סיבות האב איך געמוזט זיין לעצטענס אין דער שטאט לואיוויל וואס געפונט זיך אין דער שטאט קענטאקי איינע פון די 50 שטאטן פון אמעריקע. איך בין דארט געווען שבת. געווען דארט א שיינע מנין פון קרוב צו 100 אידן, מיט א ווארעמע מקוה א.ד.ג. נאכ'ן דאווענען זעה איך אן אלטען פוילישן איד. נו! אז מ'זעהט אן אלטען איד, דארף מען דאך צוגיין און רעדן מיט איהם און הערן וואס ער האט נאך צו דערציילן, וואס ער געדענקט נאך פון זיין יונגע יארן.

ווי איך שמועס מיט דעם אלטען איד, ווער איך געוואויר אז ער איז שוין אלט 89 יאר, און איז געבוירן אין דער שטאט דאבזשין אין פולין. דער אלטער איד גייט אין שוהל יעדן טאג און דאוונט אלע תפילות במנין. איך פרעג איהם ווען ער איז געקומען קיין אמעריקע? זאגט ער מיר אין יארע 1929 [תרפ"ט]. פרעג איך איהם, וואס האט איהם געברענגט צו קומען אזוי פרי קיין אמעריקע? ענטפערט ער מיר אז זיין טאטע האט געמוזט אנטלויפן פון פוילין ווענן אן עלילת דם וואס מ'האט ארויף געלייגט אויף איהם. ווי איך הער די ווערטער, האב איך מחליט געווען אז דא מוז ליגן א גאנצע מעשה פון אן עלילת דם וואס איז נאך נישט פארשריבן געווארן, און מ'מוז דאס פארשרייבן למען ידעו פאר די קומענדיגע דורות.

מיר האבן מחליט געווען אז זונטאג וועל איך ארויף גיין צו זיין דירה און ער וועט מיר דארט דערציילן בפרטי פרטיות די גאנצע מעשה. ווי איך קום ארויף צו זיין שטוב, האט ער גלייך ארויס גענומען א קאפי פון אן אלטע צייטונג "פארווערטס" פון יאר 1926 וואס פלעגט ארויס קומען דא אין אמעריקע און ער ווייזט דאס מיר, צו ווייזן אז די מעשה וואס ער גייט מיר דערציילן איז אמת און נישט עפעס א פאנטאזיע. איך וועל דא איבער געבן די עטליכע שורות וואס איז געשטאנען אין דער צייטונג, און דערנאך וועלן מיר שרייבן באריכות די גאנצע מעשה וואס איז פאר געגאנגען מיט דער עלילת דם.

**דאבזשינער אידן נאך אלץ אין טויט-שרעק איבער ציגיינערשען בלוט-בלבול**

**מעלדונגען פוןווארשא קומען אן, אז די אידען פון דער שטעטעל דאבזשין האבן זיך נאך אלץ ניט בארוהיגט צוליעב דעם עלילת דם בלבול וואס איז פארשפרייט געווארן דורך ציגיינער. קיין פאגראם איז ניט פארגעקומען, פונדעסטוועגן זיינען עטליכע אידען אטאקירט געווארן פון דעם און פון יענעם. דורכגעהענדיג די גאסען. פון אוונד האבען אידען מורא ארויס צוגעהן אין גאס.**

**אנגעהויבן האט זיך דאס, ווען מען האט אן 18 יאהריגע ציגיינערשע מיידעל געפונען אויף'ן אידישן בית עולם אין א שטערבענדן צושטאנד. מיט א וויילע שפעטער איז זי געשטארבן. פאר'ן טויט, זאגט מען, האט זי געמורמעלט, "אז עפעס א לאנגע בארד" האט זי געטשעפעט און געשלאגען. די ציגיינער האבען גלייך געמאכט א גוואלד, אז אידען האבען דער מיידעל געטויט און ארויסגעצאפט פון איהר בלוט אויף מצות. אנטיסעמיטען האבען דעם געשריי אונטערגעכאפט, דערוויל האט זיך שוין געפונען אנאנדער ציגיינערשע מיידעל וואס האט געזאגט אז זי האט געזעהן, ווי א איד מיט דעם נאמען פלאזבערג, האט געגעבען דער מיידל געלט, און האט איהר אוועקגעפירט צום בית עולם.**

**די אלע מעשיות זיינען אבער פאלש, דאס זאגט אויך די פאליציי. דאגענען וייס מען, אז איהר אייגענער טאטע האט ביינאכט זיך געיאגט נאך איהר מיט אן אייזן אין האנד, צוליעב דעם וואס זי האט צוריסען א וועקסעל אויף דריי הונדערט זלאטעס.**

ביז דא שטייט אין דער צייטונג. וואס איז געשריבן געווארן בשעת מעשה, און זעהט אויס אז דער צייטונג האבן נישט באקומען די אלע ריכטיגע איינצעלהייטן פון די מעשה. דעריבער וועלן מיר אנפאנגען צו דערציילן די מעשה פונקטליך ווי אזוי דא איז געשעהן.

דער איד וואס מיר האבן געטראפן און געהערט די גאנצע מעשה הייסט איז מר. פלאסבערג, א זוהן פון ר' אברהם פלאסבערג וואס מ'האט חושד געווען מיט דעם עלילת דם.

**דאבזשין** איז א קליינע שטעטיל אין דער פלאצקער גובערניע. דארט האבן געוואוינט בערך 5,000 מענטשן, וואס האלב פון זיי זענען געווען אידן. אין דער שטאט איז געווען א גרויסער בית המדרש, דערנאך איז געווען א שוהל, און נאך דריי חסידישע שטיבלעך. א גערער שטיבעל, א ראדאמסקער שטיבעל און א אטוואצקער שטיבעל. ר' אברהם האט געדאוונט אין דער גערער שטיבעל און איז געווען א גערער חסיד. ער איז אויך געווען א שיינע בעל תפילה האט ער

געדאווונט אין די הייליגע טעג אין דעם גרויסן בית המדרש פון שטאט. איין תפילה, און די אנדערע תפילה אין דעם גרערער שטיבעל.

ר׳ אברהם פאלסבערג איז געווען א ריכטיגע פוילישע חסידישע איד, א גרערער חסיד, זיך נישט גערירט און געטאן קיין שום זאך אן פרעגן דעם גרערער רבי׳ן וואס צו טאן. נאך עטליכע יאר בעפאר די מעשה איז פארגעקומען האט ער געהאט משפחה אין אמעריקע וואס האבן איהם געוואלט שיקען קארטלעך פאר איהם און זיין משפחה זייזאלן קומען וואוינען אין אמעריקע, און דארט וועט ער האבן פרנסה בריווח. פארשטייט זיך אז א חסיד גייט פרעגן דעם רבי׳ן, דער ענטפער פון דעם רבי׳ן איז געווען נאר די 4 ווערטער ״וואס! אין דער טמע׳נע אמעריקע!״ דאס איז שוין געווען גענוג צו נישט פארן קיין אמעריקע.

דערווייל האט דער ר׳ אברהם זיך אריינגעלאזט אין מסחר, און האט זייער שיין פארדינט און געהייסן אפילו א קליינער גביר. ער האט געוואוינט צוויי געסלעך ווייט פון דער אידישער בית עולם וואס איז געווען אינדרויסן פון דער שטאט דאבזשין. און א האלבע בלאק ווייט פון דער בית עולם האט ר׳ אברהם אויך געהאט א שיינער שטיקל פעלד, וואס ער פלעגט דארט איינפאלנצן פארשידענע ירקות און נאך זאכן און דאס פארקויפן. פון זיין פעלד האט מען געקענט זעהן דעם בית החיים.

מאכט זיך איין טאג א פרייטאג א וואך בעפאר ראש השנה אין יאר תרפ״ו איז אנגעקומען א מחנה פון ציגיינער אין דער שטאט] .פאר די וואס ווייסן נישט וואס ציגיינערס זענען, ווען מיר בקיצור שרייבן וואס זיי זענען. ציגיינערס זענען א גאר נידריג פאלק, וואס האבן נישט קיין אייגענעם לאנד, זיי זענען כסדר נע ונד, און וואוינען אין אפענע פעלדער, האבן עטליכע וואגאנען, און גייען פון שטאט צו שטאט, פארקויפן קליינע זאכן ווי נאדלען ,קנעפ, און נאך אזעלכע זאכן. נארמאל איז א באנדע פון ציגיינערס בערך צווישן 20 און 30 מענטשן. עטליכע משפחות צוזאמען [דער געזעץ איז דעמאלט געווען אין פוילין פאר די ציגיינערס, אז אין וועלכע שטאט זיי קומען אן, מעגען זיי נישט זיין אין דער שטאט לענגער ווי 24 שעה. און אויך מוזן זיי זיין אינדרויסן פון שטאט נעבן דער בית החיים. ווייל אפילו די גוים פלעגען ליידן פון די ציגיינערס.

אזוי איז אנגעקומען א מחנה פון די ציגיינערס אין פרייטאג צו דער שטאט דאבזשין און האבן זיך באזעצט אינדרויסן פון שטאט נעבן דעם אידישן בית עולם. געווען א ציגיינער וואס האט געהאט א פאפירנע געלט וואס איז ווערט געווען 300 זלאטעס, וואס איז בערך 20$ אמעריקאנער דאלער, און די טאכטער א מיידל האט דאס צוריסן. איר פאטער פאר גרויס כעס האט איר גענומען און צוזאם געהאקט אירע ביינער, און איר איבער געווארפן דעם גדר פון דעם אידישן בית החיים, און זי איז דארט געבליבן א פאר׳חלש׳טע.

עס קומט שבת די מוטער פון די מיידל זוכט איר קינד און קען איר נישט געפונען. די ערשטע זאך איז זי געגאנגען צו די פאליציי און געבעטן רשות צו פארלענגערן דעם טערמין פון זיין דארט מער ווי 24 שעה. פארשטייט זיך אז אין אזא מצב פון א פארלוירן קינד האט די פאליציי איר נאכגעגעבן. די מוטער איז אריין אין שטאט און זיך גענומען שרייען מיט קולות ״וואו איז מיין קינד?״ פארשטייט זיך אז אלע מענטשן האבן אנגעפאנגען איר צו זוכן, און קיינער האט נישט געהאט דעם קלענסטן פארדאכט אז דא קען ארויס קומען א מעשה פון א עלילת דם.

אזוי האט זי געזוכט דעם קינד ביז זונטאג אינדערפריא. אזוי ווי עס איז געווען דעמאלט חודש אלול, האט זיך געמאכט ווי א געוויסע איד איז געגאנגען זונטאג אין בית החיים צו מתפלל זיין אויף קבר אבות. און ער האט דארט געזעהן ווי עס ליגט א פאר׳חלש׳טע גוי׳שע מיידעל. פארשטייט זיך אז ער האט איר נישט צוגערירט, פאר פחד מ׳זאל איהם נישט חושד זיין. אבער אויפן וועג צוריק גייענדיג אין שטאט, האט ער געטראפן ר׳ אברהם פלאסבערג ארבייטען אין זיין פעלד און האט איהם דערציילט אז עס געפונט זיך א גוי׳שע מיידל אין דער בית החיים דארט און דארט נישט ווייט פון דעם גדר. ווי ר׳ אברהם האט דאס געהערט, האט ער אפגעלאזט זיין ארבעט, און גלייך געלאפן צום גבאי פון בית המדרש און צוזאמען זענען זיי געגאנגען צו די צוגיינערס דערציילן אז די מיידל געפונט זיך אין דער בית החיים.

ווי דער טאטע פון די מיידל האט דאס געהערט האט ער גלייך געשריגן צו ר׳ אברהם אז ער האט איר דארט באהאלטען. ר׳ אברהם איז געווארן דערציטערט און געזאגט ווי אזוי קען דאס זיין, אז איך האב דאס געטאן, און איך זעלבס בין געקומען דיר דערציילן אז זי געפונט זיך דארט! רופט זיך אן

דער גוי און ווייזט מיט די פינגער אויף דעם גבאי און זאגט אז ער האט דאס געטאן.
דערווייל זענען ביידע ר' אברהן מיט דעם גבאי אריין אין א שרעק ווער ווייסט צו מ'וויל נישט מאכן א בלוט בלבול דא אויף זיי. דערווייל איז דער גוי געגאנגען אין בית החיין און דארט געטראפן זיין טאכטער ווי זי איז זייער פאר'חלש'ט, מ'האט שנעל גענומען די מיידעל צום דאקטער פון שטאט. און נאך א ווילע איז ארויס געקומען די נערס פון דעם דאקטער ]זעהט אויס א גרויסע אנטיסעמטישע פרוי [און געזאגט אז ס'איז דא צייכענס אויף איר קערפער אז מ'האט איר געעשטאכן מיט מעסערס, און ארויס געצאפט בלוט פון איר.

עס האט מער נישט געפעלט, ר' אברהם האט זייער מורא געהאט און איז גלייך געלאפן צו די פאליציי פון שטאט, און דערציילט אז מ'איז איהם חושד מיט אן עלילת דם. די פאליציי וואס זענען נישט געווען אזוי אנטעסעמיטישע, און האבן געקענט זייער גוט די ציגיינער וואס זייערע קינדער זענען געווען ממש ווי הפקר באזיי, האט גלייך פארשטאנען אז די מעשה איז נישט אמת, און האט בארואיגט ר' אברהם און געזאגט אז ער גלייבט איהם אז ער איז נישט שולדיג אין דעם, אבער צו זיין מער פארזיכטיק זאל ער זיין געווארנט און נישט שלאפן אין זיין אייגענע הויז די קומענדיגע נעכט. ווי די ידיעה האט זיך פארשפרייט אז מ'האט כאילו געטראפן צייכענעס אויף די קערפער פון ארויס צאפען בלוט, האט געמאכט א געטומעל צווישן די גוים אין שטאט, און די גוים אין שטאט האבן זיך געגרייט צו מאכן א פאגראם און אטאקירן די אידישע קווארטל. זיי זענען אנגעקומען אין דעם אידישן קווארטל מיט גרויסע קולות און געשרייען און גענומען ווארפן שטיינער און ברעכן די פענצטער פון די אידישע געשעפטן.
אבער די פאליציי פון דאבזשין האט נישט געקענט צוריק האלטען דעם צוהיצטען עולם, ווייל, זיי זענען געווען נישט מער ווי געציילטע פאליציי. האבן זיי שנעל געקלונגען טעלעפאניש צו דער פאליציי פון דעם קומענדיגן שטאט וואס איז געווען נישט מער ווי עטליכע מייל אוועק פון דארט, אז מ'זאל צושיקען פאלציאנטן, ווייל אין דער שטאט דאבזשין גייט פארקומען א פאגראם.

עס האט נישט גענומען מער ווי 15 מינוט און עס איז אנגעקומען 2 קארס פיל מיט פאליציי קיין דאבזשין, פון יעדע קאר איז ארויס געקומען 6 פאליציאנטן און האבן געזעהן ווי דער צוהיצטער עולם איז גרייט אויף א פאגראם. האבן זיי זיך גענומען שיסן מיט זייערע רעוואלווערס אין דער לופט, האבן זיך אלע צושפרייט און זיך אוועק געגאנגען. און אזוי זענען די אידן פון דאבזשין געראטעוועט געווארן פון א פאגראם.
אבער אלץ שרעק איז ר' אברהם נישט געשלאפן אין זיין הויז. די מיידל האט נאך געלעבט. און אין דעם קומענדיגן טאג האבן די גרופע פון די ציגיינערס מיטגענומען דעם קראנקן מיידל און האבן פארלאזט דעם שטאט. אבער מיט עטליכע טעג שפעטער איז די מיידל געשטארבן, דעמאלט זענען זיי די ציגיינערס צוריק געקומען אין א שטעטיל וואס איז גלייך נעבן דאבזשין און געפאדערט פון דער פאליצי צו מאכן א ריכטיגע אויס פארשונג וועגן די מיידל.
ביי די צייגינערס איז שוין אפילו געווען א אנדערע מיידל וואס האט עדות געזאגט, אז זי האט געזעהן מיט אירע אייגענע אויגן ווי ר' אברהם פלאסבערג האט גענומען די מיידל צום בית עולם. כדי צו זעהן אויב אירע ווערטער זענען אמת. האבן די פאליציי גענומען עטליכע אידן וואס האבן געהאט לאנגע בערג אזוי ווי ר' אברהם פלאסבערג, און זי האט געמוזט באווייזן ווער איז דער באשולדיגער. פארשטייט זיך אז זי האט געוויזן אויף א געוויסע מענשטען זעהטן בכלל נישט אויס ווי ר' אברהם פלאסבערג, נישט מער וואס ער האט געהאט א לאנגע בארד. די פאליציי האט דאס געזעהן, האבן זיי גלייך איינגעזעהן אז די מעשה אזי א אויסגעטראכט וועגן די אידן, און זיי האבן גלייך באפרייט ר' אברהם פלאסבערג, מיט נאך עטליכע אידן וואס מ'האט חושד געווען.
די פאליציי האט גענומען גוט אויספארשן די עלטערן ביז זיי זענען ארויף געקומען אויף דעם אמת, אז דער פאטער אליין איז דער שולדיגער אין די גאנצע מעשה, מ'האט ארויף געלייגט אויף איהם א גרויסע קנס פון א געלט שטראף. און די ציגיינערס האבן זיך אפגעטעראגן פון דארט.
מ'קען מיינען אז דארט האט זיך געענדיגט די גאנצע מעשה, אבער זעהט אויס אז דער שרעק פון די מעשה האט נאך געדארפט איבער בלייבן דארט. ווי די מעשה איז געווארן באוואוסט אינדרויסן פון דעם שטעטיל זענען אנגעקומען די

גוי'שע צייטונג שרייבערס, און האבן גענומען בילדער פון די אידן אין דער שטאט דאבזשין, און האבן געשריבן אין דער צייטונג פאלשע זאכן, זיי האבן דארט געשריבן מיט גרויסע קידוש לבנה אותיות אז די אידן פון דאבזשין האבן ערמארדעט א ציגיינישער מיידל פאר זייערע רעליגיעזע צוועקן. און זיי האבן אראפ געברענגט עטליכע נעמען פון אידן וואס מ'האט חושד געווען און דער הויפט מענטש וואס מ'איז חושד איז ר' אברהם פלאסבערג. אויך האבן זיי געברענגט א בילד ווי די אידן שטייען ביים טייך און זאגן תשליך.

צום באמערקן: אז זאגן תשליך ביים טייך, און אזוי אויך נעמען מים שלנו ביים טייך בעפאר פסח האט כסדר געווארפן א פארדעכטיגע אויג ביי די גויים, אז עפעס א בהאלטענישע זאך ווערט געטאן נעבן דעם טייך דורך די אידן. און בפרט בעפאר פסח, ווען זיי האבן געזעהן, ווי מ'פירט עפעס א קריגעל פארדעקט קיינער זאל דאס נישט זעהן. און שפעטער ביים באקען די מצות האט מען באדעקט אלע פענצטער מיט לייליכער מ'זאל נישט קענען אריינקוקן – און דער אמת'ע טעם ווייסן מיר אז די פענצטער האט מען באדעקט כדי דער זון זאל נישט ארייננשיינען דארט וואו מ'קנעט די מצות, ווייל אויב יא איז דאס א שאלה פון חמץ. דעמאלט איז נישט געווען ווי היינט. א צייטונג האט געקענט שרייבן וואס ער וויל. ווי לאנג ס'איז געווען אקעגן אידן האט דאס קיינעם נישט געשטערט. קיינער האט נישט נאך געפארשט אויב די מעשה איז טאקע אמת אדער נישט. און אלע גוים האבן גענומען גלייבן אויף זיכער, אז אין דער שטאט דאבזשין האבן אידן גע'הרג'ט א גוי'שע מיידל און ר' אברהם פלאסבערג איז דער הויפט מערדער.

פארשטייט זיך אז פון דעמאלט אן איז פאר גרויס פחד ר' אברהם פלאסבערג מער נישט געשלאפן אין זיין הויז, כסדר ביי אנדערע מענטשן. און נישט נאר דאס, די פרנסה וואס ער האט געהאט, האט גענומען גיין אויף בארג אראפ, קיין גוי האט מער נישט געוואלט האנדלן מיט מסחר מיט ר' אברהם, אלץ חשד פון זיין דער מערדער. אזוי ביז צוויי יאר איז ר' אברהם געווארן ליידיג פון זיין גאנץ פארמעגן און איז געבליבן בעירום ובחוסר כל. און וואו ער האט זיך געדרייט האבן גויים כסדר געוויזן מיטן פינגער אז דער איד איז דער מערדער. ער האט נישט געהאט קיין ברירה, ביז ער איז נאכאמאל געגאנגען צום גערער רבי'ן זצ"ל פרעגן וואס ער זאל טאן, אויב ער זאל גיין קיין אמעריקע. דא האט שוין דער רבי איהם געענטעפערט אז יא, און זאל מצליח זיין אין אמעריקע.

אזוי איז ר' אברהם פלאסבערג אנגעקומען קיין אמעריקע אין יאר תרפ"ט צוזאמען מיט זייע קינדער. זיינע קינדער האט ער געשיקט אין ישיבה תורה ודעת. און אין נאך מוסדות. זיינע קינדער אליין ב"ה זענען אלע געבליבן שומרי תורה ומצוות. ער אליין ר' אברהם איז געווען א טיפ פון א אלטע חסידישע פוילישער איד. ער איז געווען דער בעל תפילה אין דער גערער שטיבעל אין בארא פארק ביז סוף ימיו. ער איז געשטארבן אין א טיפע עלטער פון 90 יאר אין יאר תש"ל און פיהל מענטשן געדענקן איהם נאך, אבער קיינער האט נישט געוואוסט צו זאגן אז דער ר' אברהם איז אריבער א גרויסער חשד פון אן עלילת דם, וואס צוליעב דעם האט ער געמוזט אנטלויפן קיין אמעריקע.